Oberbefehlshabers Ost und zur Ausfuhr
...ungelass.
Buchprüfungsamt Ob. O.

ספורי קורות ישראל

ערצעהלונגען, געשיכטען דער יודען

אין דיעזען ספר ווירד ערצעהלט פאָן דיא וואונ-דערבארע געשיכטין, וואס האט זיך פאסירט מיט דיא יודען לאחר חורבן הבית הראשון,—ביז לאחר החורבן בית שני: אונד אויך פאָן דיא פֿארכטבארע מלחמות וואס דיא יודען האבען געפֿיהרט מיט דיא ראָמער ביים בית שני.

אנגעפֿאַנגען פאָן יאהר .3339 — ביז — .3615 לבריאת העולם.

העראויס געגעבען מבעל המחבר מו"ה יצחק איטשה האמבורגער בעל המעתיק סדר התפלה עם דרך החיים ותוכחות מוסר על ע"ט. וגם ספר המוסר שיח יצחק ג' חלקים.

קראקא

דרוק פֿאן יוסף פֿישער גראָדגאססע נו' 62
שנת תרנ"ה לפ"ק.

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

168

GESCHICHTE DER JUDEN.

Druck von Josef Fischer Krakau 1895.
Verlag des L. Leser. Eigenthum des Isak Hamburger.

NACHDRUCK VERBOTEN.

אינהאַלטס פֿערצייכניס

װ א דניאל האט בעשיידען דעם מלך נבוכדנצר זיינע חלומות: וויא השי״ת האט מציל געוועזן חנניה, מישאל, ועזריה, פֿאן פֿייער: וואס עס האט זיך פאסירט מיט דעם מלך (בלשצר), אונד וויא דאס גאנצע קעניגרייך פֿאן דיא כשדים האט זיך געענדיגט: וויא השי״ האט גירעטעט זיין קנאכט דניאל פֿאן דיא לאָווען גריעב: דיא גאנצע געשיכטע פֿאן מרדכי ואסתר, מיט דעם מלך אחשורוש: פאן בנין בית השני: פֿאן אלכסנדר המוקדן מיט דיא יודען אין ירושלים: פֿאן דיא צרות וואס יודען האבען געליטען אין דיא צייט וואס אנטיוכוס הרשע האט געקיניגט: פֿאן דאס גראָססע נס פֿאן חנוכה: וויא דיא בני חשמונאים האבען געשטריטען מיט דיא יוונים פֿאן דיא גראססע מלחמות וואס (יהודה המכבי) האט געשטריטען מיט פֿיעל פֿעלקער: אונד דאנן ווייטער ביז חורבן בית השני יבע״א.

„מעשה יהודית״: „מעשה שושנה״:

פרק א'

אין דיזען פרק ווערד ערצעהלט, וויא דניאל האט
פראפיציייעט פאר דעם מלך נבוכדנצר, פאן זיין
חלום, מיט דען בעשייד.

*) נאך דעם וואס (נבוכדנצר), דער מלך פאן (כשדים) האט חרוב געמאכט דאס (בית המקדש הראשון), אונד האט פארטריבען דיא יודען קיין (בבל). האט דער מלך (נבוכדנצר) געזאגט, צו איינען פאן זיינע שרים, צו ברענגען אין דעם קעניגליכען הויף אריין, פאן דיא יודישע קינדער, וואס ארויעס קאמען פאן קעניגליכען הויז. זאלכע קינדער, וואסקיין פעהלער האבען, אונד זאלען זיין, היפש אין געשטאלט, אונד זאלען אויך קינדיג זיין, אין אללע חכמות: אונד מען זאל מיט דיא קינדער ערלערנען, דיא שפראכע פאן (כשדים). אונד אם ענדע פאן דרייא יאהר, זאל מען פאן זייא ערוועהלען, דיא יעניגע וואס וועלען פעהיג זיין, בישטענדיג צו שטיין פאר דעם מלך: דאס איזט אזו גישעהן. האט זיך געפינען, צווישען דיא קינדער, פיער קינדער, וואס וארען פאן שבט יהודה. דער נאמען פאן זייא ואר, (דניאל„ חנניה„ מישאל„ ועזריה„). האט דער מלך זייא גאנץ אנדרע נעמען געגעבען. (דניאל) האט מען גערופען (בלטשאצר)„ אונד (חנניה),— (שדרך)„ אונד צו (מישאל, — מישך„) אונד צו (עזריה,—

עבד

*) מכאן עד סוף פרק ה', נעתק מפסוק דניאל : ומפסוק יחזקאל :

עֲבֵד נְגוֹ„) ; הָאט דָנִיאֵל זִיךְ פָארגֶענָאמֶען, זִיךְ נִישְׁט מְטַמָא צוּ זַיין, מִיט דֶעם טְרֵיפָה עֶסֶען פָאן מֶלֶךְ, אוּנְד נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען פָאן דֶעם וויין פָאן מֶלֶךְ. הָאט דָנִיאֵל גֶעבֶּעטֶען דֶעם (שַׂר הַסָרִיסִים), וָואס הָאט גֶעהַאבְּט אִיבֶּער זַייא צוּ שַׁאפֶען, אִיהְם דָאס צוּ לִיעֶב צוּ טוּהֶען, דַאס פִיר אִיהְם מִיט זַיינֶע נָאךְ דְרֵייא חֲבֵרִים, צוּ גֶעבֶּען צוּ עֶסֶען זָאלְכֶע מַאֲכָלִים, וָואס אוּנְס עֶרְלוֹיבְּט אִיזְט צוּ עֶסֶען, לויט פָארְשְׁרִיפְט אוּנְזֶער תּוֹרָה. הָאט דֶער (שַׂר הַסָרִיסִים), צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דָאס קָאן אִיךְ דִיר נִישְׁט צוּ לִיעֶב טוּהֶען, דֶען אִיךְ פַארְכְטֶע מִיךְ פַאר דֶעם מֶלֶךְ, וָואס עֶר הָאט מִיךְ אוֹיף דִיזֶען גִיזֶעצְט, עֶנְקֶער אַלְלֶעס גֶעבְּרוֹיךְ פָאן גוּט עֶסֶען, אוּנְד טְרִינְקֶען, וִויא אַם בֶּעסְטֶען צוּ בֶּעזָארְגֶען, אוּנְד וֶוען אִיהְר וֶוערְד מַאגִירֶער אוֹיסזֶעהְן, קֶעגֶען אַנְדֶרֶע קִינְדֶער, קָאן אִיךְ נָאךְ מֵיין לֶעהְבֶּען פַארְלִירֶען ; הָאט דָנִיאֵל ווידֶער גֶעזָאגְט, צוּ דֶעם מַאן וָואס אִיזְט גִיזֶעצְט וָוארְדֶען, פָאן דֶעם (שַׂר הַסָרִיסִים) זַייא צוּ בִּיקֶעסְטִיגֶען, דַאס עֶר זָאל מִיט אִיהְם, אוּנְד מִיט זַיינֶע דְרֵייא חֲבֵרִים, אֵיינֶע פְּרָאבֶּע מַאכֶען, נָאר בְּלוֹיס אוֹיף צֶעהְן טֶאגֶע, זַייא נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְס צוּם עֶסֶען גֶעבֶּען, וִויא (זֵרָעִים), פָאן בָּאהְנֶען„ אוּנְד אַרְבֶּעסֶן„ אוּנְד מִיט וַואסֶער טְרִינְקֶען. אוּנְד עֶנְדֶע דִיא צֶעהְן טָאג. וֶוערְכְט דִיא אִינְס אַנְזֶעהְן. וִויא מִיר וֶועלִין אוֹיס זֶעהְן. קֶעגֶען דִיא אַנְדֶרֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלִין עֶסֶען. פָאן דִיא מַאֲכָלִים

פָאן מֶלֶךְ: הָאט דָנִיאֵל חֵן גֶעפִינֶען אִין זַיינֶע אויגֶען, אוּנְד הָאט מִיט זַייא אֵיינֶע פְּרָאבֶּע גֶעמַאכְט, אוֹיף צֶעהְן טָאג. עֶנְדֶע דִיא צֶעהְן טָאג, וַואר זַייעֶר גֶעשְׁטַאלְט פִיעֶל הִיפְּשֶׁער, אַלְס דִיא אַנְדֶרֶע קִינְדֶער, וָואס הָאבֶּען גִיגֶעסֶען פָאן דַאס עֶסֶען פָאן מֶלֶךְ. אַזוֹ הָאט דֶער דִינֶער דִיא פִיעֶר קִינְדֶער נָאר גֶעשְׁפֵּייזְט מִיט זֵרְעִים, אוּנְד מִיט וַואסֶער. פָאן דִיזֶען הָאט נִימַאנְד גֶעוְוּסְט:

הָאט ג' גִיגֶעבֶּען דִיא פִיעֶר קִינְדֶער, פִיעֶל חָכְמָה, אוּנְד ווִיסֶענְשַׁאפְט אִין אַלְלֶע חָכְמוֹת. אוּנְד דָנִיאֵל וַואר נָאךְ גְרֶעסֶער פָאן זַיינֶע דְרֵייא חֲבֵרִים, וָואס עֶר הָאט אוֹיךְ פַארְשְׁטַאנֶען צוּ בֶּעשֵׁיידֶען אַלְלֶע חֲלוֹמוֹת: עֶנְדֶע דִיא דְרֵייא יָאהְר, הָאט דֶער (שַׂר הַסָרִיסִים) גֶעבְּרַאכְט דִיא פִיעֶר קִינְדֶער פַאר דֶעם מֶלֶךְ נְבוּכַדְנֶצַר. וִויא דֶער מֶלֶךְ הָאט מִיט זַייא גֶעשְׁפְּרָאכֶען, הָאט עֶר גִיזֶעהְן, דַאס צֶעהְן פַאכְאִיג מֶעהְר פַארְשְׁטֶענְדִיגֶער זֶענֶען זַייא, פָאן אַלְלֶע זַיינֶע מִינִיסְטִיאָרִיעֶן, אוּנְד צוֹיבֶּרֶער. אוּנְד דֶער דָנִיאֵל וַואר נָאךְ גְרֶעסֶער וָואס עֶר וַואר אוֹיךְ קִינְדִיג, אִין אַלְלֶע חָכְמוֹת מֶעהְר קֶעגֶען זַיינֶע דְרֵייא חֲבֵרִים:

וַיְהִי! וֶוען עֶס אִיז גִיוֶועזֶען צְווֵייא יָאהְר, נָאךְ דֶעם (חוּרְבָּן הַבַּיִת), הָאט דֶעם מֶלֶךְ נְבוּכַדְנֶצַר גֶעטְרֵיימְט אֵיין חָלוֹם. הָאט אִיהְם זַיין הַארְץ זֶעהְר גֶעשְׁלָאגֶען, דוּרְךְ דֶעם חָלוֹם, אוּנְד זַיין שְׁלָאף אִיזְט פָאן אִיהְם פַארוָואגֶעלְט וָוארְדֶען. ווייל עֶר הָאט גַאנְץ

פַארְגֶעסֶען וָואס אִיהם גֶעטְרֵיימְט הָאט. אוּנְד עֶר וַואר
אָבֶּער זֶעהְר אוּנְרוּהִיג, צוּ וִויסֶען פָאן זַיין חָלוֹם, אוּנְד
אוֹיךְ צוּ וִויסֶען דֶען בֶּעשֵׁייד פָאן דֶעם חָלוֹם: הָאט דֶער
מֶלֶךְ גֶעשִׁיקְט אוּם אַלֶע זַיינֶע חֲכָמִים, אוּנְד צוֹיבֶּערֶער
פָאן לַאנְד כַּשְׂדִים, דַאס זַייא זָאלֶען אִיהם זָאגֶען, וָואס
אִיהם גֶעטְרֵיימְט הָאט, אוּנְד אוֹיךְ אִיהם צוּ זָאגֶען דֶעם
בֶּעשֵׁייד פָאן דִיזֶען חָלוֹם. הָאבֶּען דִיא חֲכָמִים צוּ אִיהם
גֶעזָאגְט, דֶער מֶלֶךְ זָאל אֵייבִּיג לֶעהְבֶּען. לָאס אִינְס
דֶער מֶלֶךְ זָאגֶען, דֶעם חָלוֹם, וֶועלִין מִיר דִיר זָאגֶען
דֶען בֶּעשֵׁייד. הָאט דֶער מֶלֶךְ צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, דֶעם
חָלוֹם הָאבּ אִיךְ פַארְגֶעסֶען. אִיהְר זָאלְט וִויסֶען, וֶוען
אִיהְר וֶוערְד מִיר נִישְׁט זָאגֶען דֶעם חָלוֹם, מִיט דֶעם
בֶּעשֵׁייד, אַזוֹ וֶוערְד עֶנְקֶער פְלֵייש צֶערשְׁטִיקֶעלְט
וֶוערְדֶען, אוּנְד עֶנְקֶערֶע הֵייזֶער, וֶועל אִיךְ לַאסֶען
פַארְוִויסְטֶען. וֶוען אִיהְר וֶוערְד מִיר אָבֶּער יוֹא זָאגֶען
דֶעם חָלוֹם מִיט דֶעם בֶּעשֵׁייד, וֶוערְד אִיהְר פָאן מִיר
רֵייכְלִיךְ בֶּעלָאהְנְט וֶוערְדֶען, אוּנְד וֶועל אֵייךְ לַאסֶען,
גְרָאס כָּבוֹד צוּ טְהֵיילֶען: הָאבֶּען דִיא אַלֶע חֲכָמִים
אִיהְם דָאס צְוֵוייטֶע מָאהְל גֶעאַנְטְוָוארְט, לָאס דֶער מֶלֶךְ
אוּנְס זָאגֶען דֶעם חָלוֹם, אַזוֹ וֶועלִין מִיר דִיר זָאגֶען דֶעם
בֶּעשֵׁייד. הָאט דֶער מֶלֶךְ צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיךְ זֶעהֶע
שָׁאהְן, דַאס אִיהְר אַלֶע וֶוערְד פַארְלִירֶען גֶעהְן, וֵייל
אִיהְר וֵייסְט וָואהְל, דַאס דֶער חָלוֹם אִיזְט פָאן מִיר
פַארְגֶעסֶן גֶעוָוארִין, אוּנְד אִיהְר הֵייסְט אֵייךְ וֵייטֶער

זָאגֶען, דֶעם חָלוֹם. הָאבֶּען זַייא אִיהְם גֶעאַנְטְוָוארְט, עֶס עֶקְסֶעסְטִירְט קֵיין מֶענְשׁ אוֹיף דִיא וֶועלְט, וָואס זָאל אוּם שְׁטַאנְד זַיין, דֶעם מֶלֶךְ'ס ווּנְשׁ נַאכְצוּקָאמֶען?. דֶען עֶס הָאט זִיךְ זָאלְכֶעס נָאךְ נִישְׁט גֶעטְרָאפֶען אוֹיף דִיא וֶועלְט, דַאס אֵיין מֶלֶךְ, זָאל זָאלְכֶעס פַארְלַאנְגֶען. וֵוייל דָאס דָאזִיגֶע פַארְמִיטֶען אִיזְט, פָאן אַלְלֶע מֶענְשֶׁן, וָואס וָואהְנֶען אוֹיף דִיא עֶרְד. אוֹיסֶער דִיא מַלְאָכִים פָאן הִימֶעל, קָאנֶען זָאלְכֶעס אוֹיפֶענְבַּארֶען: דוּרְךְ דִיא אַנְטְוָוארְט. אִיזְט דֶער מֶלֶךְ אִין גְרָאסֶען צָארֶען אַרֵיין גֶעקָאמֶען, אוּנְד הָאט אֵיין בִּיפֶעהְל הֶערוֹים גֶעגֶעבֶּען, צוּ מַאכֶען פַארְלִירֶען, אַלֶע חֲכָמִים פָאן דִיא שְׁטָאט (בָּבֶל). הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעוָואלְט עֶרְשְׁלַאגֶען דָנִיאֵל, מִיט זַיינֶע דְרֵייא חֲבֵרִים. הָאט דָנִיאֵל גֶעפְרַאגְט דֶעם (אַרְיוֹךְ) וָואס אִיזְט אוֹיף דִיזֶען גִיזֶעצְט וָוארְדֶען, צוּ פַארְטִילִיגֶען אַלְלֶע חֲכָמִים, זָאג אוֹיךְ מִיר וָואס גִישֶׁעהְן אִיזְט, וָואס עֶס אִיזְט אַזוֹ אֵיינֶע שְׁטְרֶענְגֶע גְזֵירָה הֶערוֹים גֶעגַאנְגֶען פָאן מֶלֶךְ?. הָאט דֶער (אַרְיוֹךְ) אִיהְם עֶרְצֶעהְלְט, דִיא גַאנְצֶע זַאךְ, פָאן דֶעם חָלוֹם. אִיזְט דָנִיאֵל גֶעקָאמֶען צוּם מֶלֶךְ, אוּנְד הָאט פָאן אִיהְם פַארְלַאנְגְט, אִיהְם עֶפֶּעס צֵייט צוּ גֶעבֶּען, אַזוֹ וֶוערְד עֶר דֶעם מֶלֶךְ זָאגֶען, זַיין חָלוֹם: אוּנְד דָנִיאֵל, אִיזְט אִין זַיין הוֹיז גֶעגַאנְגֶען אוּנְד הָאט גֶעשִׁיקְט אוּם חֲנַנְיָה, מִישָׁאֵל, וַעֲזַרְיָה, דַאס זַייא זָאלֶען אַלֶע צוּזַאמֶען מִתְפַּלֵל זַיין צוּ ג' וֶועגֶען דִיזֶען. דַאס זַייא זָאלֶען נִישְׁט חָלִילָה פַארְלוֹרֶען וֶוערִין

דוּרךְ דָאס בַּפֶעהל פָאן מֶלֶךְ: אִין דִיא זֶעלְבֶּע נַאכְט,
הָאט מֶען דָנִיאֵל אִין שְׁלָאף מוֹדִיעַ גִיוֶועזֶן, פָאן דֶעם
גַאנְצֶען חָלוֹם פָאן מֶלֶךְ, מִיט דֶעם בֶּעשֵׁייד: אִין דֶער
פְרִיה אִיזְט דָנִיאֵל גֶעגַאנְגֶען צוּ (אַרְיוֹךְ), דַאס עֶר זָאל
שָׁאהְן נִישְׁט מֶעהְר טֵייטֶען אֵיין מַאן. נָאר דַאס עֶר
זָאל אִיהְם פִיהְרֶען צוּם מֶלֶךְ, אוּנְד אִיךְ וֶועל אִיהְם
זָאגֶען זֵיין גַאנְצֶען חָלוֹם, מִיט דֶען בֶּעשֵׁייד: אַזוֹ אִיזְט
(אַרְיוֹךְ) מִיט דָנִיאֵל גֶעקָאמֶען צוּם מֶלֶךְ, מִיט גְרָאס
שְׁרֶעק, אוּנְד הָאט גֶעזָאגְט צוּם מֶלֶךְ, דֶער דָאזִיגֶער
יוּד, וָואס אִיזְט פָאן דִיא פַארְטְרִיבִּינֶע פָאן יְרוּשָׁלַיִם,
וִויל דִיר זָאגֶען דֶעם חָלוֹם, מִיט זֵיין בֶּעשֵׁייד: הָאט דֶער
מֶלֶךְ גֶעזָאגְט צוּ דָנִיאֵל, בִּיזְט דִיא אוּמְשְׁטַאנְד, מִיךְ צוּ
עֶרְמַאנֶען פָאן מֵיין חָלוֹם? אוּנְד מִיר אוֹיךְ צוּ זָאגֶען דֶעם
בֶּעשֵׁייד פָאן דֶעם חָלוֹם? הָאט דָנִיאֵל אִיהְם גֶעאַנְטְוָוארְט,
דָאס פַארְלַאנְגֶען פָאן מֶלֶךְ, אִיזְט נִישְׁט אִין מַאכְט, פָאן
קֵיין אֵיינְצִיגֶען מֶענְשׁ, אוּנְד אוֹיךְ קֵיין חָכָם, אוּנְד
צוֹיבֶּרֶער, וָואס זָאל קֶענֶען דֵיין וָואוּנְשׁ עֶרְפִילְלֶען.
פַארוָואהְר אָבֶּער, עֶס אִיזְט פַארְהַאנְדֶען אֵיין אֵיינְצִיגֶער
גָ׳ אִין הִימֶעל, וָואס אַלְלֶע פַארְבָּארְגִינִיסֶע זֶענֶען פַאר
אִיהְם אוֹיפֶענְבַּאר, עֶר הָאט דֶעם מֶלֶךְ צוּוִויסֶען
גֶעטוּהֶען, וָואס זִיךְ פַּאסִירֶען וֶוערְד, אִין דִיא שְׁפֶּעטֶערֶע
צֵייט. אוּנְד דֶער גָ׳ הָאט עֶס מִיר עֶנְפְּלֶעקְט, כְּדֵי דִיךְ
צוּ עֶרְמַאנֶען פָאן דֵיין חָלוֹם: דֶער גְרוּנְד פָאן דֶעם
גַאנְצֶען חָלוֹם וַואר, וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיף זֵיין

גילעהגער געטראכט, אונד האט געגליסט צו וויסען, ווער עס ווערד נאך איהם קיניגען. אונד וואס עס ווערד זיך פיהגען אין דיא שפעטערע צייט. אזו האט מען דיר געוויזען אין חלום, איין גראס בילד, וואס זיין געשטאלט וואר זעהר פארכטבאר. דער קאפף פאן איהם, וואר פאן פיין גאלד, דיא ברוסט, אונד זיינע ארמען, וואר פאן זילבער, דער בויך אונד דיא צווייא זייטען, ווארען פאן קופפער, דיא פוס, ווארען פאן אייזען, געמישט מיט ליים: נאך דעם האסט דיא געזעהן, וויא עס איז געקאמען פאן ארגען, איין שטיין, אונד האט אנגעשלאגען, אויף דיא פוס פאן בילד, אזו איזט דאס גאלד, אונד דאס קופפער, אונד אייזען, צעריבען געווארען, אזו וויא דיא פלעווס פאן תבואה, אונד דער ווינט האט עס צערשפרייט, אויף דיא גאנצע וועלט. אונד אויס דעם שטיין וואס האט אנגעשלאגען דאס בילד, איזט דארויס געווארען, זעהר איין גראסער בארג. דאס איזט דער חלום פאן אדוני המלך:

יעצט וועל איך דיר ווידער זאגען, דען בעשייד פאן דעם חלום. דיא אדוני המלך, וואס האסט צו שאפען איבער אללע קעניגע פאן דיא וועלט, וואס דער בישעפער האט דיר געגעבען שטארקייט. אונד פיעל ווירדיגקייט, וואס דיא זאלסט האבען צו רעגירען, איבער אללע מענשען, אונד איבער אללע חיות פאן פעלד. אויף דיר בעווייזט דאס, דער קאפף פאן דעם

בּיקְד, וָואס וַואר פָאן גָאלְד: אוּנְד נָאךְ דיר וֶועְרְד ווידֶער גיוָועלְטיגֶען איין אַנְדֶער מַלְכוּת, וָואס וֶועְרְד (שְׁפָּלֶ'ר) זַיין פָאן דיר, דָאס איזְט דָאס מַלְכוּת פָאן (מָדַי). אוֹיף דיזֶען בֶּעוַוייזְט, דיא בְּרוּסְט, וָואס וַואר פָאן זילְבֶּער: נָאךְ דֶעם וֶועְרְד ווידֶער אוֹיף שְׁטֶעהְן, איין אַנְדֶער קֶענִיגְרֵייךְ, וָואס וֶועְרְד זֶעהְר שְׁטַארְק זַיין, אַזוֹ וויא קִיפֶּער, דָאס איזְט (מְרַמֵז) אוֹיף (אַלֶכְּסַנְדֶר הַמוֹקְדוֹן), דֶער מֶלֶךְ פָאן (יָבִין): נָאךְ דֶעם וֶועְרְד ווידֶער גיוָועלְטיגֶען, דָאס פירְטֶע קֶענִיגְרֵייךְ, וָואס וֶועְרְד אַזוֹ שְׁטַארְק זַיין וויא איזֶען, אַזוֹ וויא איזֶען מיט אַלֶעם פַארְנִיכְטֶען, אוּנְד פַארְלֶענְדֶען, אַזוֹ וֶועְרְד אוֹיךְ דָאס פירְטֶע מַלְכוּת, אַלֶעם פַארְנִיכְטֶען: אוּנְד דָאס וָואס הָאסְט גיזֶעהְן, וָואס דיא פוּס פָאן בּילְד, וַואר גֶעמִישְׁט פָאן איזֶען מיט לֵיים, דָאס בֶּעוַוייזְט, וָואס אוֹיף מַאנְכֶע אֶרְטֶער, וֶועלִין זַייא זֶעהְר שְׁטַארְק זַיין, אוּנְד ווידֶער אוֹיף אַטְהֵייל אֶרְטֶער, וֶועלִין זַייא שְׁוַואךְ זַיין, וויא לֵיים. דָאס איזְט (מְרַמֵז) אוֹיף דֶעם מַלְכוּת פָאן (יִשְׁמָעֵאל): אוּנְד וָואס דיא הָאסְט גיזֶעהְן, דַאס עֶס איזְט גֶעקָאמֶען איין שְׁטֵיין, אוּנְד הָאט דָאס גַאנְצֶע בּילְד פַארְנִיכְטֶעט. דָאס בֶּעוַוייזְט, דַאס אַם סוֹף פָאן דיא פִיעֶר קֶענִיגֶע, וֶועְרְד דֶער ג' פָאן הימֶעל, אוֹיף שְׁטֶעלְלֶען גַאנְץ איין אַנְדֶער קֶענִיגְרֵייךְ, וָואס וֶועְרְד שָׁאהְן אוֹיף אֵייבִּיג גיוָועלְטיגֶען, אוּנְד דָאס קֶענִיגְרֵייךְ וֶועְרְד שָׁאהְן, נִישְׁט מֶעהְר אָבְּגֶעטיהֶען וֶוערְדֶען, אוּנְד

זֵייא וֶועלִין פַארְנִיכְטֶען אוּנְד פַארְטִילְלִיגֶען, דָאס אַלְלֶעס אִיבֶּער-בְּלֵייבּוּנְג פָאן דִיא פִיעֶר מְלָכִים. דָאס אִיזְט (מְרַמֵז) אוֹיף דֶעם (מֶלֶךְ הַמָשִׁיחַ) וָואס וֶוערְד אוֹיף שְׁטֶעהְן פָאן דִיא יוּדֶען, אוּנְד וֶוערְד דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פָאן אַלֶע מְלָכִים פָאן דִיא וֶועלְט, אָנְגֶענֶעמֶען. אוּנְד דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פָאן דִיא יוּדֶען, וֶוערְד שָׁאהְן בְּלֵייבֶּען, אִין דִיא עֶווִיגְקַייט: דֶער גַאנְצֶער חָלוֹם פָאן דִיר, וַואר פָאן דֶעם ג׳ פָאן דִיא וֶועלְט, וָואס עֶר הָאט דִיר גֶעווִיזֶען, וָואס אַלְלֶעס זִיךְ פַאסִירֶען וֶוערְד נָאךְ דִיר: אַצִינְד אֲדוֹנִי הַמֶלֶךְ, אַזוֹ וִויא דֶער חָלוֹם, וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַן אִיהְם עֶרְמַאנְט, אִיזְט וַואהְרְהַאפְטִיג. אַזוֹ אִיזְט אוֹיךְ דֶער דָאזִיגֶער בֶּעשֵׁייד, פָאן דִיזֶען חָלוֹם וַואהְרְהַאפְטִיג בֶּעשֵׁיידֶען: נָאךְ דֶעם וָואס דֶער מֶלֶךְ נְבוּכַדְנֶצַר, הָאט פַארְנָאמֶען דִיא אַלְלֶע דָאזִיגֶע רֵייד, פָאן דָנִיאֵל. אִיזְט עֶר גֶעפַאלְלֶען אוֹיף זֵיין פָּנִים, אוּנְד הָאט זִיךְ גֶעבִּיגְט צוּ דָנִיאֵל. אוּנְד הָאט גֶעבָּאטֶען, דַאס מֶען זָאל פַאר דָנִיאֵל אָפְּפֶערְן קָרְבָּנוֹת, וֵוייל עֶר הָאט אִיהְם גֶעוָואלְט אָנְגֶענֶעמֶען פַאר אֵיין גָ׳, דָנִיאֵל אָבֶּער, הָאט דָאס נִישְׁט וָואלֶען אַנְגֶעמֶען: הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעזָאגְט צוּ דָנִיאֵל, אַצִינְד אִיזְט מִיר בֶּעווִיסְט וָוארְדֶען, דָאס נָאר עֶנְקֶר גָ׳, אִיזְט דֶער גִיוֶועלְטִיגֶער, אִיבֶּער אַלְלֶע קֶענִיגֶע. וָואס אִין זֵיין מַאכְט אִיזְט, צוּ אוֹיפֶענְבַּארֶען, אַלְלֶע פַארְבָּארְגִינִיסֶע: נָאךְ דֶעם הָאט דֶער מֶלֶךְ, דֶעם דָנִיאֵל עֶרְהוֹיבֶּען, אִיבֶּער אַלְלֶע זֵיינֶע שָׂרִים, אוּנְד הָאט אִיהְם

פִּיעֶל גִישֶׁענְקֶע גִיגֶעבֶּען, אוּנְד הָאט אִיהְם גֶעמַאכְט גִיוָועלְטִיגֶען, אִיבֶּער דָאס גַאנְצֶע לַאנְד כַּשְׂדִים: הָאט דָנִיאֵל גֶעבֶּעטֶען דֶעם מֶלֶךְ, דָאס עֶר זָאל אוֹיךְ עֶפֶּעס הֶערְשַׁאפְט גֶעבֶּען צוּ זַיינֶע דְרַייא חֲבֵרִים, (חֲנַנְיָה„ מִישָׁאֵל„ וַעֲזַרְיָה„) אוּנְד דָנִיאֵל אִיזְט בִּישְׁטֶענְדִיג גֶעבְּלִיבֶּען אִין קֶענִיגְלִיכֶען הוֹיז:

פרק ב'.

(א)

אִין דִיזֶען פֶּרֶק וֶוערְד עֶרְצֶעהְלְט וִויא הַשי"ת הָאט מַצִּיל גִיוֶועזֶן חֲנַנְיָה„ מִישָׁאֵל„ וַעֲזַרְיָה„ פָאן דֶעם פֵייעֶר.

נָאךְ דִיא אוֹיבִּיגֶע גֶעשִׁיכְטֶע, הָאט דֶער מֶלֶךְ נְבוּכַדְנֶצַּר גֶעלָאזְט מַאכֶען אֵיין (צֶלֶם) בִּילְד פָאן גָאלְד. הוֹיךְ זֶעכְצִיג עֶלְלֶען, אוּנְד דִיא בְּרַייט, זֶעכְס עֶלְלֶען. אוּנְד הָאט דָאס בִּילְד אוֹיף גִישְׁטֶעלְט אִין דִיא שְׁטָאט (דוּרָא), וָואס וַואר אִין (בָּבֶל). וִויא דֶער צֶלֶם וַואר שָׁאהְן אוֹיף גִישְׁטֶעלְט. הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעלָאזְט צוּזַאמֶען רוּפֶען אַלְלֶע פִירְשְׁטֶען„ אוּנְד גְרַאפֶען„ אוּנְד אַלְלֶע הֶערְרֶען פָאן לַאנְד„ צוּם הַאנְדְקְרַאפְטִיגֶען דָאס בִּילְד, וָואס עֶר הָאט אוֹיף גִישְׁטֶעלְט. אִיזְט אַלְלֶעס גֶעקָאמֶען צוּם מֶלֶךְ נְבוּכַדְנֶצַּר, אוּנְד זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען פַאר דֶעם (צֶלֶם): הָאט מֶען אֵיין בִּיפֶעהְל אוֹיסְגֶעשְׁרִיגֶען מִיט זֶעהְר אֵיינֶע הוֹיכֶע שְׁטִימֶע· דַאס אִין דִיא צַייט, וָואס עֶס וֶוערְד גִיהֶערְט וֶוערְדֶען, דָאס קוֹל פָאן פַארְשִׁידִינֶע

(כְּלֵי זֶמֶר), זָאל אַלְלֶעס פַאלְלֶען, אוֹיף דֶעם אַנְגֶעזִיכְט, זִיךְ צוּ בִּיגֶען צוּ דֶעם (צֶלֶם), וָואס דֶער מֶלֶךְ נְבוּכַדְנֶצַּר הָאט אוֹיף גִישְׁטֶעלְט. אוּנְד דֶער מֶענְשׁ, וָואס וֶוערְד זִיךְ נִישְׁט בִּיגֶען צוּ דֶעם צֶלֶם, דֶער וֶוערְד וֶוערִין אִין פַייעֶר גֶעוָוארְפֶען. *) אוּנְד דוּרְךְ דִיא שְׁטְרֶענְגֶע גֶעבָּאט פָאן מֶלֶךְ, יֶעדֶעס מָאהְל, וָואס עֶס אִיזְט גִיהֶערְט וָוארְדֶען דָאס קוֹל פָאן אַלְלֶערְלֵייא (כְּלֵי זֶמֶר), הָאבֶּען זִיךְ אַלְלֶע מֶענְשֶׁען וָואס נָאר דָארְט וַואר פָאן אַלְלֶע פֶעלְקֶער, גֶעבִּיגְט צוּ דֶעם צֶלֶם: זֶענֶען גֶעקָאמֶען מַאנֶען פָאן בָּבֶל, אוּנְד הָאבֶּען אֵיינֶע מְסִירָה גֶעזָאגְט, אוֹיף דִיא יוּדֶען, פַאר דֶעם מֶלֶךְ, אוּנְד הָאבֶּען פַאר אִיהְם אַזוֹ גֶעזָאגְט. דֶער מֶלֶךְ זָאל אֵייבִּיג לֶעהְבֶּען, דִיא הָאסְט דָאךְ אֵיין בִּיפֶעהְל הֶערוֹיס גֶעגֶעבֶּען, דַאס דֶער יֶענִיגֶער, וָואס וֶוערְד זִיךְ וַואגֶען צוּ זִיבֶּער טְרֶעטֶען דָאס גִיזֶעטְץ פָאן מֶלֶךְ, וָואס וֶוערְד זִיךְ נִישְׁט בִּיגֶען צוּ דֶעם צֶלֶם, זָאל אִין פַייעֶר גֶעוָוארְפֶען וֶוערְדֶען. פַארוָואהְר, עֶס אִיזְט דָא אֵיינִיגֶע יוּדֶען, וָואס דִיא הָאסְט זֵייא גִיזֶעצְט פִיר הַארְשֶׁער אִין (בָּבֶל), דַאס אִיזְט (שַׁדְרַךְ„ מֵישַׁךְ„ עֲבֵד נְגוֹ„) דִיא דָאזִיגֶע מַאנֶען, אַכְטֶען גָאר נִישְׁט אוֹיף דַאס

גיזעטץ

*) אין מדרש שטייט, דאס דיא גאנצע כוונה פאן נבוכדנצר, מיט דעם צלם וואר נאר, כדי דיא ישראל זאלין נכשל ווערין, מיט דיא עבירה, וואס וועלין זיך ביגען צו זיין צלם. פיללייכט, ווערד דאדורך נישט מקוים ווערין, דיא גזירה פאן הקב"ה, דאס דיא ישראל אליין זאלין עקסעסטירען אויף דיא גאנצע וועלט, אזו וויא דניאל, האט איהם בעשיידען דעם חלום.

גיזָעטְץ פָאן מֶלֶךְ, וָואס טִיהֶען זִיךְ נִישְׁט בִּיגֶען צוּ דֶעם צֶלֶם, וָואס דִיא הָאסְט אוֹיף גִישְׁטֶעלְט : אִיזְט דֶער מֶלֶךְ זֶעהְר צָארְנִיג גִיוָוארִין, אוּנְד מִיט גְרָאס כַּעַס, הָאט עֶר בֶּעפוֹהְלֶען, פַאר אִיהְם צוּ בְּרֶענְגֶען דִיא דְרַייא מַאנֶען : הָאט דֶער מֶלֶךְ צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיזְט דֶען מֵיין בִּיפֶעהְל, אֵיינֶע לֶעהְרֶע, אוּנְד וִויסְטֶע זַאךְ? דַאס אִיהְר טוּט אֵייךְ נִישְׁט בִּיגֶען צוּ מֵיין צֶלֶם, אוּנְד אִיהְר ווִילְט נִישְׁט דִינֶען, צוּ דֶעם בִּילְד, וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיף גִישְׁטֶעלְט ?. אַצִינְד טִיהֶע אִיךְ עֶס אֵייךְ פַארְצֵייעֶן, נָאר אַבֶּער, פָאן נוּן אַן, זָאלְט אִיהְר זֵיין פָארְגֶעבְּרֵייט יֶעדֶעס מָאהְל, וָואס אִיהְר וֶוערְד הֶערֶען דָאס קוֹל פָאן אַלְלֶערְלֵייא (כְּלֵי זֶמֶר), צוּ פַאלְלֶען אוֹיף עֶנְקֶער אַנְגֶעזִיכְט, פַאר דֶעם צֶלֶם. אוּנְד וֶוען אִיהְר וֶוערְד וֵוייטֶער נִישְׁט הָארְכֶען מֵיין גֶעבָּאט, וֶוערְד אִיהְר גְלֵייךְ אִין פֵייעֶר גֶעוָוארְפֶען וֶוערְדֶען : אוּנְד וֶועלְכֶער גָ', וֶוערְד אֵייךְ קֶיינֶען רֶעטֶען פָאן מֵיין הַאנְד ?. הָאבֶּען (שַׁדְרַךְ, מֵישַׁךְ, וַעֲבֵד נְגוֹ,) גֶעאַנְטְוָוארְט דֶעם מֶלֶךְ, דִיא נְבוּכַדְנֶצַּר! *) מִיר הָאבֶּען אִיבֶּער דִיזֶען גָאר קֵיין רַאטְה צוּ הַאלְטֶען, וָואס דִיר צוּ אַנְטְוָוארְטֶען ! דֶען מִיר זָאגֶען דִיר אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ, דָאס מִיר וֶועלִין דִיךְ מִיט דִיזֶען נִישְׁט

*) זייא האבען איהם נישט איינמאהל געריפען, מיט דעם נאמען מלך, ווייל וואס אנבעטריפט אין אנדרע זאכען, ביזט דיא אונזער מלך אבער וואס אנבעטריפט אבצוֹלייקנען אן אונזער ג' חלילה, ביזט דיא בייא אונס נאר גערעכנט וויא איין אנדרער מענש :

נִישְׁט הָארְכֶעְן. פַארוָואהְר עֶס אִיזְט פַארהַאנְדֶען אֵיין
גָ׳, דֶער גָ׳ וָואס מִיר דִינֶען צוּ אִיהְם, וָואס קָאן אִינְס
רֶעטְטֶען פָאן דֶעם פֵייעֶר, אוּנְד אוֹיךְ פָאן דֵיין הַאנְד,
קֶען עֶר אִינְס רֶעטְטֶען. אוּנְד אֲפִילוּ דַאס מִיר זָאלִין
נִישְׁט דִיא זְכִיָּה הָאבֶּען, אִינְס צוּ רֶעטְטֶען פָאן פֵייעֶר.
זָאלְסְט וִויסֶען, דַאס צוּ דֵיין גָאט, וֶועלִין מִיר נִישְׁט
דִינֶען, אוּנְד צוּ דֵיין צֶלֶם, וָואס דִיא הָאסְט אוֹיף
גִישְׁטֶעלְט, וֶועלִין מִיר אִינְס נִישְׁט בִּיגֶען: וִויא דֶער
מֶלֶךְ הָאט דָאס דָאזִיגֶע פַארְנָאמֶען פָאן זֵייא. אִיזְט עֶר
עֶרְפִילְלְט גֶעוָוארִין מִיט גְרָאס צָארִין, אוּנְד זֵיין פָּנִים
אִיזְט אִיהְם פַארֶענְדֶערְט גֶעוָוארִין, דוּרְךְ דֶעם גְרָאסֶען
כַּעַס וָואס עֶר הָאט גֶעהַאבְּט אוֹיף זֵייא: אוּנְד הָאט
אֵיין בִּיפֶעהְל גִיגֶעבִּין, דַאס מֶען זָאל אוֹיס הֵייצֶען דֶעם
קַאלֶעךְ אוֹיפֶען זִיבֶּען מָאהְל אַזוֹ פִיעֶל, וִויא גִיוֶועהְנְלִיךְ,
אוּנְד דִיא הֶעלְדֶע מַאנֶען פָאן זֵיינֶע מֶענְשֶׁן, הָאט עֶר
גֶעבָּאטֶען צוּ בִּינְדֶען מִיט שְׁטְרִיק, דִיא דְרֵייא לֵייט,
אוּנְד זֵייא אִין פֵייעֶר צוּ וַוארְפֶען: דַאס אִיזְט אַזוֹ
גִישֶׁעהְן מֶען הָאט דִיא דְרֵייא לֵייט גֶעבִּינְדִינֶעהֵייט.
אִין פֵייעֶר גֶעוָוארְפֶען: אוּנְד וֵוייל דַאס בִּיפֶעהְל פָאן
מֶלֶךְ, וַואהְר זֶעהְר שְׁטְרֶענְג, אוּנְד דַאס פֵייעֶר, וַואהְר
זֶעהְר פָארְכְטבַּאר. דַאדוּרְךְ הָאבֶען דִיא פִינְקֶען פָאן
פֵייעֶר, פַארְבְּרֶענְט דִיא אַלְלֶע מֶענְשֶׁן, וָואס הָאבֶען
זֵייא אִין פֵייעֶר גֶעוָוארְפֶען: נָאךְ דֶעם וִויא דִיא דְרֵייא
לֵייט זֶענֶען שָׁאהְן אִין פֵייעֶר גֶעוָוארְפֶען וָוארְדֶען, אִיזְט

דֶער מֶלֶךְ נְבוּכַדְנֶצַר גֶעבְּלִיבֶּן שְׁטֶעהְן, וֶועהְר עֶרְשְׁרָאקֶען, אוּנְד הָאט זִיךְ אוֹיךְ זֶעהְר פַארוְוינְדֶערְט. עֶר הָאט גִיפְרֶעגְט מִיט גְרָאס אִיבֶּערַראשׁוּנְג, צוּ זַיינֶע יוֹעֲצִים, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעבָּאטֶען דְרַייא מַאנֶען אִין דַאס פַּייעֶר צוּ וַוארְפֶען גֶעבִּינְדִינֶע הַייט?, הָאבֶּען זַייא גֶעאַנְטְוָוארְט, יוֹא אוּנְזֶער קֶענִיג. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיפְרֶעגְט, אוּנְד וָואס אִיזְט דָאס וָואס אִיךְ זֶעהֶע אִין פַּייעֶר, פִיעֶר מַאנֶען הֶערוּם גֶעהְן, נִיכְט גֶעבִּינְדֶען, אוּנְד זַייא זֶענִין גַאנְץ אוּנְבֶּישֶׁעדִיגְט? אוּנְד דַאס אוֹיס-זֶעהְן, פָאן דֶעם פִירְטֶען, אִיזְט עֶנְדְלִיךְ צוּ אֵיין עֶנְגֶעל: אַזוֹ אִיזְט דֶער מֶלֶךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם בְּרֶענִידִיגֶען אוֹיפֶען, אוּנְד הַאט גֶעשְׁרִיגֶען, (שַׁדְרַךְ„ מֵישַׁךְ„ עֲבֵד נְגוֹ„) דִיא קְנַאכְט פָאן דֶעם עֶרְהוֹיבֶּענֶען גָ', גֶעהְט אַרוֹיעֶס פָאן פַייעֶר, אוּנְד קָאמְט אַהֶער צוּ מִיר, אַזוֹ זֶענֶען דִיא דְרַייא לַייט פָאן פַייעֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּנְד הָאבֶּען זִיךְ גִישְׁטֶעלְט פַאר דֶעם מֶלֶךְ. הָאבֶּען זִיךְ פַארזַאמֶעלְט אַלֶע שָׂרִים פָאן מֶלֶךְ, אוּנְד הָאבֶּען זַייא בֶּעזִיכְטִיגְט, הָאבֶּען זַייא גִיזֶעהְן, דַאס זַייעֶר גַאנְצֶער קֶערְפֶּער אוּנְבֶּישֶׁעדִיגְט אִיזְט, אוּנְד אֲפִילוּ דִיא הַאאר פָאן זַייעֶר קָאפְּף, וַואר נִישְׁט אֵיינְמָאהְל עֶפֶּעס אָבְּגִיזֶענְגְט. אוּנְד אוֹיךְ זַיירֶע קְלֵיידֶער זֶענֶען נִישְׁט פַארבְּרֶענְט וָוארְדֶען, אוֹיסֶער וָואס דִיא שְׁטְרִיק מִיט וָואס מֶען הָאט זַייא גֶעבּוּנְדֶען, זֶענֶען פַארבְּרֶענְט וָוארְדֶען. הָאט דֶער מֶלֶךְ נְבוּכַדְנֶצַר אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן,

גֶעלויבְּט אִיזְט דֶער גָ׳ פָאן אֵייךְ, וָואס הָאט גֶעשִׁיקְט זַיין עֶנְגֶעל צוּ רֶעטְטֶען זַיינֶע קְנַאכְט, וָואס הָאבֶּען זִיךְ פַארְזִיכֶערְט אוֹיף אִיהְם. אוּנְד הָאבֶּען גָאר נִישְׁט גֶעאַכְטֶעט אוֹיף דִיא גֶעבָּאט פָאן מִיר מֶלֶךְ, אוּנְד הָאבֶּען זֵייעֶר לֶעהְבֶּען גֶעאָפְּפֶערְט, כְּדֵי נִישְׁט צוּ דִינֶען צוּ קֵיין שׁוּם גָ׳, אוֹיסֶער צוּ זֵייעֶר גָ׳: אוּנְד פָאן מִיר גֶעהְט יֶעצְט אַרוֹיס אֵיין בִּיפֶעהְל, דַאס דֶער מַאן וָואס וֶוערְד זִיךְ וַואגֶען עֶפֶּעס שְׁלַאכְטֶעס צוּ רֵיידֶען, אוֹיף דֶעם גָ׳ פָאן (שַׁדְרַךְ„ מֵישַׁךְ„ עֲבֵד נְגוֹ„), דֶער וֶוערְד צֶערשְׁטִיקֶעלְט וֶוערְדֶען, אוּנְד זַיין הויז וֶוערְד פַארְוִויסְט וֶוערְדֶען, וַוייל עֶס אִיזְט נִישְׁט פַארְהַאנְדֶען נָאךְ אַזוֹ גָ׳, וָואס זָאל קֶענֶען זָאלְכֶעס טוּהֶען:

אִין דִיא גְמָרָא סַנְהֶדְרִין וֶוערְד גִיבְּרֶענְגְט, דַאס אַן דֶען זֶעלְבֶּען טָאג, וָואס חֲנַנְיָה„ מִישָׁאֵל„ וַעֲזַרְיָה„ זֶענֶען גִירֶעטֶעט וָוארְדֶען פָאן פֵייעֶר, הָאט דַאמָאהְלְס גָ׳ ב״ה מְחַיֵי מֵתִים גִיוֶועזֶן, דוּרְךְ זַיין נָבִיא יְחֶזְקֵאל:

(יחזקאל ל״ז)

אַן דֶען זֶעלְבֶּען טָאג, הָאט גָ׳ בֶּעגְרִיפֶען אַן דֶעם נָבִיא יְחֶזְקֵאל, אוּנְד הָאט אִיהְם אַהִין גֶעפִיהְרְט אִין דַאס טָאהְל (דוּרָא), דֶער גַאנְצֶער טָאהְל וַואר פָאלְל מִיט בֵּיינֶער פָאן מֵתִים: אִין מִדְרָשׁ שְׁטֵייט, דַאס דִיא בֵּיינֶער זֶענֶען גִיוֶועזֶען פָאן דִיא מַאנֶען פָאן שֵׁבֶט אֶפְרַיִם, וָואס זֶענֶען פָאן מִצְרַיִם גֶעגַאנְגֶען, פַאר דִיא צֵייט, וָואס הָאבֶּען זִיךְ פַארְזִיכֶערְט אוֹיף זֵייעֶר גְבוּרָה. אַזוֹ הָאבֶּען

זייא

זַייא דִיא מַאנֶען פָאן שְׁטָאט (גַת) עֶרְשְׁלָאגֶען. אוּנְד דִיא בֵּיינֶער פָאן דִיא עֶרְשְׁלָאגֶענֶע וַוארֶען שָׁאהְן זֶעהְר פַארְטְרָאקֶענְט. וֵוייל עֶס וַואר שָׁאהְן מֶעהְר פָאן אַכְט הוּנְדֶערְט יָאהְר, וָואס דִיא בֵּיינֶער זֶענֶען דָארְט גִילֶעגֶען: הָאט גָ׳ גֶעזָאגְט צוּ (יְחֶזְקֵאל הַנָבִיא), וְויא גְלוֹיבְּסְט דִיא, קָאנֶען דִיא דָאזִיגֶע בֵּיינֶער צוּרִיק לֶעבֶּענְדִיג וֶוערְדֶען ?. הָאט יְחֶזְקֵאל גֶעאַנְטְוָוארְט, פָאן דִיר גָ׳ אִיזְט דָאךְ קֵיין אֵיינְצִיגֶע זַאךְ פַארְמִיטְטֶען. הָאט גָ׳ צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, טוּהֶע נְבִיאוֹת זָאגֶען אוֹיף דִיא דָאזִיגֶע בֵּיינֶער, אוּנְד זָאלְסְט אַזוֹ זָאגֶען. אִיהְר פַארְטְרָאקֶענְטֶע בֵּיינֶער, הֶערְט דִיא זַאגֶע פָאן גָ׳. אַזוֹ הָאט גָ׳ גֶעזָאגְט. אִיךְ וֶועל אִין אֵייךְ אַרַיין גֶעבֶּען אֵיין גֵייסְט, אוּנְד אִיהְר וֶוערְד צוּרִיק לֶעבֶּענְדִיג וֶוערְדֶען. אִיךְ וֶועל אוֹיף אֵייךְ לַאסֶען וַואכְּסֶען אָדֶערִין, אוּנְד פְלֵייש, אוּנְד וֶועל לַאסֶען אוֹיף דַאס פְלֵייש אֵיינֶע הוֹיט וַואכְּסֶען. דַאן וֶועל אִיךְ אִין אֵייךְ אַרַיין גֶעבֶּען אֵיינֶען לֶעבֶּענְדִיגֶען גֵייסְט, אוּנְד אִיהְר וֶוערְד לֶעהְבֶּען. אַזוֹ וֶוערְד אִיהְר וִויסֶען דַאס אִיךְ בִּין גָ׳: הָאט דֶער נָבִיא יְחֶזְקֵאל אַזוֹ פְּרָאפִיצֵייעֶט וְויא גָ׳ הָאט אִיהְם גֶעבָּאטֶען. אוּנְד אַזוֹ וְויא עֶר הָאט גִירֶעדְט דָאס נְבִיאוֹת, אִיזְט גֶעוָוארֶען זֶעהְר אֵיין גְרָאסֶער (רַעַשׁ), מַחֲמַת וָואס דִיא בֵּיינֶער זֶענֶען פָאן זִיךְ זֶעלְבְּסְט צוּזַאמֶען גֶעקָאמֶען, אֵיין בֵּיין צוּם אַנְדֶערֶן בֵּיין, יֶעדֶעס אוֹיף זֵיין אָרְט. אוּנְד וְויא דִיא אַלֶע שְׁקַאלֶעטֶען זֶענֶען שָׁאהְן אַזוֹ גִילֶעהְגֶען, הָאט יְחֶזְקֵאל

הַנָבִיא גִיזֶעהְן, וִויא פְּלֶעצְלִךְ זֶענֶען זַייא בִּידֶעקְט וָוארְדֶען מִיט אָדֶערֶען, אוּנְד פְלֵייש. נַאךְ דֶעם אִיזְט ווִידֶער דַאס פְלֵייש פַארְדֶעקְט וָוארְדֶען מִיט הוֹיט. נָאר קַיין לֶעבֶּענְדִיגֶער גֵייסְט וַואר נָאךְ נִישְׁט אִין זַייא: הָאט גָ' גֶעזָאגְט צוּ יְחֶזְקֵאל, דִיא בֶּן אָדָם! טוּהֶע נְבִיאוֹת זָאגֶען דִיא דָאזִיגֶע רֵייד. אַזוֹ הָאט גָ' גֶעזָאגְט. פָאן אַלְלֶע פִיעֶר עֶקֶען פָאן דִיא וֶועלְט, זָאל קָאמֶען אֵיין לֶעבֶּענְדִיגֶער גֵייסְט, אוּנְד זָאל אַרֵיין קָאמֶען אִין דִיא דָאזִיגֶע עֶרְשְׁלָאגֶענֶע. אוּנְד וִויא יְחֶזְקֵאל הָאט דָאס דָאזִיגֶע גִירֶעדְט, אִיזְט אַרֵיין גֶעקָאמֶען אֵיין לֶעבֶּענְדִיגֶער גֵייסְט אִין דִיא אַלְלֶע קֶארְפֶּער. אוּנְד זֶענֶען לֶעבֶּענְדִיג גֶעוָוארְדֶען, אוּנְד הָאבֶּען זִיךְ אוֹיף זַיירֶע פוּס גִישְׁטֶעלְט: אִין דִיא גְמָרָא שְׁטֵייט דַאס נְבוּכַדְנֶצַר הָאט גֶעהַאבְּט כֵּלִים גֶעמַאכְט אוֹיס דִיא בֵּיינֶער פָאן דִיא עֶרְשְׁלָאגֶענֶע. אוּנְד וִויא דִיא בֵּיינֶער הָאבֶּען אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּזַאמֶען צוּ קָאמֶען, הָאבֶּען דִיא כֵּלִים אַנְגֶעשְׁלַאגֶען אַן דִיא צֵייהְן פָאן מֶלֶךְ נְבוּכַדְנֶצַר, בִּשְׁעַת עֶר הָאט וָואלְלֶען אוֹיס דִיא כֵּלִים טְרִינְקֶען. הָאט עֶר נַאכְגֶעפָארְשְׁט, וָואס דָאס אִיזְט, הָאט עֶר עֶרְפַאהְרֶען דַאס יְחֶזְקֵאל הַנָבִיא הָאט דַאמָאהְלְס לֶעבֶּענְדִיג גֶעמַאכְט דִיא מֵתִים, פָאן טָאהְל (בֵּית דוֹרָא). אַזוֹ אִיזְט דַאמָאהְלְס בֶּעוִויסְט וָוארְדֶען אוֹיף דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט דַאס נֵס פָאן (תְּחִיַּית הַמֵּתִים):

נַאךְ דִיזֶען, הָאט דֶער מֶלֶךְ זֶעהְר גְרָאס גֶעמַאכְט צוּ (חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה) אִין דֶעם גַאנְצֶען לַאנְד

כַּשְׂדִים. אונְד דֶער מֶלֶךְ נְבוּכַדְנֶצַּר הָאט בְּרִיפֶע הֶערוּם גֶעשִׁיקְט אִין אַלְלֶע זֵיינֶע לֶענְדֶער. אונְד דַאס דָאזִיגֶע וַואר דָארְט גֶעשְׁרִיבֶּען. פָאן מִיר דֶער מֶלֶךְ נְבוּכַדְנֶצַּר. גִּיבְּט שָׁלוֹם צוּ אַלְלֶע פֶעלְקֶער וָ אס וָואהְנֶען אִין מֵיינֶע לֶענְדֶער: דִיא גְרָאסֶע צֵייכֶען, אוּנְד וְוינְדֶער, וָואס דֶער עֶרְהוֹיבִּינֶער גָ׳ פָאן דִיא וֶועלְט, הָאט מִיט מִיר גֶעטוּהְעֶן, בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג צוּ אוֹיפְעֶנְבַּארֶען. אַךְ! וְויא גְרָאס זֶענֶען זֵיינֶע צֵייכֶען, אוּנְד וְויא שְׁטַארְק זֶענֶען זֵיינֶע וְוינְדֶער. זֵיין קֶענִיגְרֵייךְ אִיזְט אִין דִיא עֶווִיגְקֵייט, אוּנְד זֵיין גִיוֶועלְטִיגְקֵייט אִיזְט אוֹיף אַלְלֶע גֶעבִּירְט:

(ב) (מדרש תנחומא)

אִין דִיא צֵייטֶען פָאן נְבוּכַדְנֶצַּר, הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען אֵיינֶע שֶׁענְדְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, מִיט צְוֵויא פַאלְשֶׁע נְבִיאִים פָאן דִיא יוּדֶן, וָואס זֵייעֶר נָאמֶען וַואר (אַחְאָב), אוּנְד (צִדְקִיָה), אִין דִיא צֵייטֶען וָואס זֵייא וַוארֶען נָאךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם, הָאבֶּען זֵייא גְרָאס זְנוּת גֶעטְרִיבֶּען. אוּנְד וֶוען זֵייא זֶענֶען פַארְטְרִיבֶּען גֶעוָוארֶען קֵיין בָּבֶל, הָאבֶּען זֵייא דָארְט וֵוייטֶער גֶעטְרִיבֶּען זֵייעֶר שַׁאלְקַאפְטִיגְקֵייט. וָואס זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אוֹיסְגִיגֶעבֶּען פַאר אֶמֶתְדִיגֶע נְבִיאִים: דֶער (אַחְאָב) אִיזְט גֶעקָאמֶען צוּ דִיא חָשׁוּבְסְטֶע אוּנְד גְרֶעסְטֶע לֵייט פָאן בָּבֶל, אוּנְד הָאט צוּ אֵיין יֶעדֶען גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס אֵיינֶע גֶעהֵיימְנִיסֶע זַאךְ צוּ שְׁפְּרֶעכֶען מִיט דֵיין וַוייבּ. הָאט עֶר אִיהְם אַזוֹ גְלֵייךְ צוּ זֵיין וַוייבּ גֶעפִיהְרְט. אוּנְד הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט,

ג' האט מיך צו דיר אהער געשיקט דאס דיא זאלסט וואהנען מיט מיין חבר (צדקיה), אזו ווערסט דיא פאן איהם מאכען גיבעהרען נביאים אזו וויא איך בין. וויא דיא פרויא האט פאן אזו בשורה טובה גיהערט, האט זיא תיכף געשיקט אום (צדקיה), אונד האט פאן איהם פארלאנגט, דאס ער זאל מיט איהר וואהנען: אונד דאס זעלבע האט ווידער דער (צדקיה) געטוהען פיר זיין חבר'ס וועגען דער אחאב. מיט זאלכעס אונווירדיג-קייט האבען זייא פארפיהרט דיא גראסטע גראפען אונד פירשטען פאן דיא שטאט (בבל): ביז דער (צדקיה) איזט איינמאהל געקאמען צו דיא קעניגען, דיא פרויא פאן נבוכדנצר, אונד האט צו איהר געזאגט דאס ג' וויל מאכען גיבעהרען פאן דיר נביאים, אזו זאלסט וואהנען מיט מיין חבר (אחאב). האט זיא געזאגט, איך קאן דאס דאזיגע נישט טוהען, אהנע וויסען פאן מיין מאן דער מלך. איזט זיא געקאמען צום מלך, אונד האט איהם ערצעהלט, וואס דער צדקיה האט איהר פארגעטראגען. האט דער מלך תיכף געשיקט אום דיא ביידע, אונד האט צו זייא געזאגט, איזט דאס וואהר וואס איהר האט געזאגט צו מיינע פרויא ?. האבען זייא איהם געאנטווארט, יוא אונזער קעניג, דען אונזער ג' וויל מאכען גיבעהרען נביאים פאן דיין ווייב. האט דער מלך צו זייא געזאגט איך פארשטעהע גאר נישט, וויא קאן זאלכעס וואהר זיין, עס איזט

דָאךְ מִיר וָואהְל בֶּעוִויסְט, דַאס עֶנְקֶער ג׳ הָאט זֵייעֶר פֵיינְט זְנוּת. צוּם בֶּעוֵוייז, דַאס דוּרְךְ דִיא זִינְד פָּאן (זִמְרִי) וָואס הָאט מְזַנֶה גִיוֶועזֶן מִיט (כָּזְבִּי) אִיזְט דַאמָאהְל גֶעפַאלְלֶען פָּאן דִיא יוּדֶן פִיעֶר אוּנְד צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְט מַאן. אוּנְד אוֹיבּ אִיהְר זֵייט אֶמֶתְדִיגֶע נְבִיאִים, אָדֶער פַאלְטְשֶׁע נְבִיאִים, דָאס וִויסְטֶע אִיךְ נִישְׁט. אַזוֹ וֶועל אִיךְ מִיט אֵייךְ אֵיינֶע פְּרָאבֶּע מַאכֶען, וָואס וֶועל אֵייךְ לַאסֶען אִין דַאס פֵייעֶר וַוארְפֶען, אַזוֹ וִויא אִיךְ הָאבּ לַאסֶען טוּהֶען צוּ (חֲנַנְיָה„ מִישָׁאֵל„ עֲזַרְיָה„). אוּנְד פִיר זֵייעֶנְט וֶועגֶען הָאבּ אִיךְ גֶעלָאסְט דֶען אוֹיפֶען אוֹיס הֵייטְצֶען זִיבֶּען טָאג, אוּנְד פִיר אֵייעֶרְט וֶועגֶען, וֶועל נִישְׁט מֶעהְר לַאסֶען הֵייטְצֶען וִויא אֵיין טָאג. אוּנְד וֶוען אִיהְר וֶוערְד פָּאן דַאס פֵייעֶר גִירֶעטֶעט וֶוערְדֶען וֶועל אִיךְ וִויסֶען דַאס אִיהְר זֵייט אֶמֶתְדִיגֶע נְבִיאִים אוּנְד אַלְלֶעס וָואס אִיהְר וֶוערְד צוּ מִיר זָאגֶען, וֶועל אִיךְ טוּהֶען. הָאבֶּען זֵייא אִיהְם גֶעאַנְטְוָוארְט, חֲנַנְיָה„ מִישָׁאֵל„ אוּנְד עֲזַרְיָה„ וַוארֶען דְרֵייא לֵייט, אוּנְד מִיר זֶענֶען נָאר צְוֵוייא מֶענְשֶׁן, אוּנְד אֵיין נֵס קָאן נִישְׁט גִישֶׁעהְן וֶוענִיגֶער וִויא צוּ דְרֵייא צַדִיקִים. הָאט דֶער מֶלֶךְ צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, טוּט אֵייךְ עֶרְוֶועהְלֶען, נָאךְ אֵיינֶעם, דֶער גְרֶעסְטֶער צַדִיק פָּאן אֵייךְ יוּדֶן. דַאן וֶועל אִיךְ אֵייךְ אַלְלֶע דְרֵייא אִין דַאס פֵייעֶר וַוארְפֶען: הָאבֶּען זֵייא צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אַזוֹ גְרָאסֶער צַדִיק וִויא מִיר זֶענֶען, אִיזְט נִישְׁט מֶעהְר צוּ פִינְדֶען צְוִוישֶׁן אוּנְס יוּדֶן, אוּיסֶער דֶער (יְהוֹשֻׁעַ כֹּהֵן

גָדול). זַייא הָאבֶּען זיךְ גֶעדַאכְט, דַאס אִין זַיין זְכוּת, וֶועלִין זַייא אויךְ גירֶעטֶעט וֶוערְדֶען פָאן טוֹהְט. אַזוֹ הָאט מֶען דֶעם צַדִיק יְהוֹשֻעַ כֹּהֵן גָדוֹל, צוּזַאמֶען מִיט דִיא צְווייא רְשָׁעִים אִין דַאס פַייעֶר גֶעוָוארְפֶען. (אַחְאָב מִיט (צִדְקִיָה) זֶענֶען אִין אֵיינִיגֶע מִינוּטֶען פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְדֶען צוּ אַשׁ. אוּנְד יְהוֹשֻעַ כֹּהֵן גָדוֹל, אִיזְט גַאנְץ אָהְנֶע בִּישֶׁעדִיקְט, פָאן דַאס פַייעֶר גֶעגַאנְגֶען, אויסֶער וָואס זַיינֶע קְלֵיידֶער וַוארֶען עֶפֶּעס אָבְּגִיבְּרֶענְט, דַאס וַואר וֶועגֶען דִיא זִינְד פָאן זַיינֶע זָאהְנֶע, וָואס הָאבֶּען גֶענָאמֶען פִיר וַוייבֶּער, פָאן דִיא גוֹיִשֶׁע טֶעכְטֶער, אוּנְד עֶר הָאט זַייא דָאס נִישְׁט גִיוֶוערְט:

פרק ג'

אִין דִיזֶען פֶּרֶק וֶוערְד עֶרְצֶעהְלְט פָאן דֶעם צְווייטֶען חָלוֹם פָאן נְבוּכַדְנֶצַר.

דֶער מֶלֶךְ נְבוּכַדְנֶצַר הָאט עֶרְצֶעהְלְט פַאר זַיינֶע שָׂרִים. אִיךְ בִּין אִין מֵיין הויז גַאנְץ רוּהִיג גִיזֶעסֶען. פְּלֶעטְצְלִיךְ הָאט מִיךְ אֵיין גְרָאזַאמֶער חָלוֹם גֶעמַאכְט עֶרְשְׁרֶעקֶען. הָאב אִיךְ גֶעלָאזְט פַאר מִיר בְּרֶענְגֶען אַלֶע חֲכָמִים פָאן (בָּבֶל) דַאס זַייא זָאלֶען מִיר בֶּעשֵׁיידֶען דֶעם חָלוֹם, אוּנְד קֵיין אֵיינְצִיגֶער פָאן דִיא אַלֶע חֲכָמִים, אוּנְד צוֹיבֶּרֶער, הָאט מִיר גֶעקָאנְט בֶּעשֵׁיידֶען דֶעם חָלוֹם. בִּיז אַם עֶנְדֶע, אִיזְט פַאר מִיר גֶעקָאמֶען מֵיין קְנַאכְט דָנִיאֵל, וָואס זַיין נָאמֶען אִיזְט יֶעצְט

(בֵּלְטְשַׁאצַּר), וָואס גָ׳-ס גֵייכְט אִיזְט אִין אִיהְם, הָאבּ אִיךְ צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וֵוייל דָאס אִיזְט מִיר שָׁאהְן פָאן לַאנְג בֶּעוְוִיסְט, דַאס דֶער גֶאטְלִיכֶער גֵייכְט אִין דִיר אִיזְט, אוּנְד אַלְלֶע פַארְבָּארְגִינִיסֶע אִיזְט פַאר דִיר אוֹיפֶענְבַּאר. אַזוֹ וֶועל אִיךְ פַאר דִיר זָאגֶען מֵיין חָלוֹם, אוּנְד דִיא וֶוערְכְט מִיר דֶעם בֶּעשֵׁייד זָאגֶען: אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהֶען אִין חָלוֹם, זֶעהְר אֵיין גְרָאסֶעס אוּנְד שְׁטַארְקֶעס בּוֹים וַואר אֵיינְגֶעוָוארְצֶעלְט אִין דִיא עֶרְד. דִיא הֵייךְ פָאן דֶעם בּוֹים, הָאט גֶעגְרֵייכְט בִּיז צוּם הִימֶעל, אוּנְד דִיא אוֹיסְזִיכְט פָאן דֶעם בּוֹים, אִיזְט גִיזֶעהְן וָוארְדֶען אוֹיף דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט, דִיא צְוֵוייגֶען פָאן דֶעם בּוֹים, וַוארֶען זֶעהְר שֶׁעהְן גֶעוַואכְּסֶען, אוּנְד דִיא פְּרִיכְטֶע פָאן דֶעם בּוֹים, וַואר זֶעהְר פִיעֶל, וָואס עֶס הָאט אוֹיס-גֶערֵייכְט, דַאפָאן צוּ הָאבֶּען צוּ עֶסֶען, פִיר אַלְלֶע מֶענְשֶׁען פָאן דִיא וֶועלְט, אוּנְד אוּנְטֶער דֶעם שַׁאטֶען פָאן דֶעם בּוֹים, הָאבֶּען זִיךְ גִישְׁטֶעלְט, אַלְלֶע טִיהְרֶע פָאן פֶעלְד, אוּנְד אִין דִיא צְוֵוייגֶען, הָאבֶּען זִיךְ נֶעסְטֶען גֶעמַאכְט, אַלְלֶע גַאטְטוּנְג גֶעפְלִיגֶעל, אוּנְד פָאן דִיא פְּרִיכְטֶען הָאבֶּען זִיךְ עֶרְנֶעהְרְט אַלְלֶע בִּישֶׁעפְּנִישֶׁען פָאן דִיא וֶועלְט. דַאן הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהֶען, וִויא עֶס אִיזְט אַרוּנְטֶער גֶעקָאמֶען אֵיין עֶנְגֶעל פָאן הִימֶעל, אוּנְד הָאט אוֹיס גֶעשְׁרִיגֶען מִיט גְרָאס קְרַאפְט, שְׁנֵייט אוּנְטֶער דַאס דָאזִיגֶע בּוֹים, אוּנְד הַאקְט אָבּ דִיא צְוֵוייגֶען, אוּנְד שְׁנֵייט אָבּ דִיא אַלְלֶע בְּלֶעטֶער, אוּנְד צֶערְשְׁפְּרֵייט דִיא

פֵּירוֹת דַאפָאן, אונְד פַארְטְרַייבְּט אַוֶועק, דִיא אַלְלֶע
טִיהְרֶע פָאן אונְטֶער דֶעם בּוֹים, אונְד פַארְיָאגְט פָאן
דָארְט, דִיא אַלְלֶע גֶעפְלִיגֶעל, פָאן דִיא צְוֵוייגֶען פָאן
בּוֹים: נָאר אָבֶּער, דֶעם וָוארְצֶעל פָאן בּוֹים זָאל בְּלַייבֶּען
אִין דִיא עֶרְד אַיינְגֶעוָוארְצֶעלְט, אונְד פַארְשְׁלָאסֶען,
אַזוֹ וְויא מִיט אַייזֶערְנֶע אונְד קוּפְּפֶערְנֶע קֶעטֶען. אונְד
פָאן טוֹי פָאן הִימֶעל, זָאל עֶס גֶעפֵייכְט וֶוערְדֶען, אונְד
צוּזַאמֶען מִיט דִיא טִיהְרֶע, זָאל זַיין, זַיין חֵלֶק, צוּ עֶסֶען
דַאס גְרָאז פָאן פֶעלְד. אונְד דַאס הַארְץ פָאן אַיין
מֶענְשׁ, זָאל פָאן אִיהְם פַארְעֶנְדֶערְט וֶוערִין, אונְד עֶס
זָאל אִיהְם גִיגֶעבֶּן וֶוערְדֶען, דַאס הַארְץ פָאן דִיא חַיּוֹת
פָאן פֶעלְד. זִיבֶּען צֵייטֶען דָאס אִיזְט זִיבֶּען יָאהְר, זָאל
דַאס דוֹירֶען. דִיא דָאזִיגֶע גְזֵרָה, אִיזְט אוֹיף אִיהְם
בֶּעשְׁלָאסֶען וָוארְדֶען מִיט דִיא הַסְכָּמָה פָאן דִיא הֵיילִיגֶע
מַלְאָכִים, כְּדֵי דַאס אַלְלֶע מֶענְשֶׁן זָאלֶען וִויסֶען, דַאס
דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער ג׳ טוּט גִיוֶועלְטִיגֶען אִיבֶּער אַלְלֶע
קֶענִיגֶע פָאן דִיא וֶועלְט, אונְד צוּ וֶועהְם עֶר וִויל, טוּט
עֶר אִיהְם גֶעבֶּען דַאס קֶענִיגְרֵייךְ. דֶעם גַאנְץ שְׁפָּלֶע׳ן
מֶענְשׁ, טוּט עֶר אוֹיף רִיכְטֶען: דֶעם דָאזִיגֶען חָלוֹם
הָאבּ אִיךְ (נְבוּכַדְנֶצַר) גִיזֶעהֶן. אונְד דִיא (בֵּל שְׁצַאר)
זָאג מִיר דֶעם בֶּעשֵׁייד פָאן דִיזֶען חָלוֹם. דֶען אַלְלֶע
מֵיינֶע חֲכָמִים זֶענֶען נִישְׁט אוּם שְׁטַאנְד, עֶס מִיר צוּ
זָאגֶען. אָבֶּער דִיא, הָאסְט דָאךְ דֶעם גֵייסְט פָאן ג׳
אִין דִיר:

וויא דָנִיאֵל הָאט פַּארְנָאמֶען דיא רֵייד פָּאן מֶלֶךְ, אִיזְט עֶר גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהְן, אַזוֹ וויא פַּארְוִויסְט, אֵיינֶע צֵייט לַאנְג, וָואס הָאט נִישְׁט גִיקֶענְט אַנְטְווָארְטֶען, מַחֲמַת וָואס עֶר וַואר זֶעהְר עֶרְשְׁרָאקֶען; הָאט דֶער מֶלֶךְ צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, בֵּלְטְשֶׁצָּאר! לָאס דִיךְ מֵיין חָלוֹם, מִיט דֶעם בֶּעשֵׁייד נִישְׁט אָבְּשְׁרֶעקֶען. נָאר גַאנְץ אָהְנֶע פָּארְכְט, זָאג פַּאר מִיר, דֶעם בֶּעשֵׁייד פָּאן דֶעם חָלוֹם. הָאט דָנִיאֵל צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, מֵיין הֶערְר אוּנְד קֶענִיג! דֶער חָלוֹם מִיט זֵיין בֶּעשֵׁייד, זָאל מְקוּיָם וֶוערִין אַן דֵיינֶע פֵיינְדֶע; דַאס בּוֹים וָואס הָאסְט גִיזֶעהְן, וָואס וַואר אַזוֹ הוֹיךְ גֶעוַואקְסֶען, בִּיז צוּם הִימֶעל, אוּנְד עֶס אִיזְט גִיזֶעהְן וָוארְדֶען, אוֹיף דיא גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּנְד דִיא פְּרוּכְטֶען פָּאן דֶעם בּוֹים וַואר זֶעהְר פִיעֶל, וָואס עֶס הָאט אוֹיסְגֶערֵייכְט צוּ שְׁפֵּייזֶען פִיר אַלְלֶע בִּישֶׁעפְנִישֶׁען. אוּנְד אוּנְטֶער דֶעם בּוֹים, הָאבֶּען זִיךְ בֶּעשִׁיצְט דיא טִיהְרֶע פָּאן פֶעלְד. אוּנְד אִין דיא צְווֵייגֶען פָאן בּוֹים הָאבֶּען זִיךְ נֶעסְטֶען גֶעמַאכְט, אַלְלֶע גֶעפְלִיגֶעל. דָאס אַלְלֶעס בֶּעווַייזְט אוֹיף דִיר קֶענִיג. וָואס דִיא זֶעהְר שְׁטַארְק, אוּנְד מֶאכְטִיג בִּיזְט, וָואס דֵיין גְרָאס-הַייט שְׁטֵייגְט בִּיז צוּם הִימֶעל, אוּנְד אוֹיף דיא גַאנְצֶע וֶועלְט; אוּנְד דָאס וָואס הָאסְט גִיזֶעהְן קָאמֶען אֵיין עֶנְגֶעל פָּאן הִימֶעל, אוּנְד הָאט גֶעשְׁרִיגֶען, שְׁנֵייט אוּנְטֶער דַאס בּוֹים, נָאר דֶער וָוארְטְצֶעל זָאל בְּלֵייבֶּען אִין דִיא עֶרְד פַּארְשְׁלָאסֶען מִיט אֵייזֶערְנֶע, אוּנְד

קופּפֶּערְנֶע קֶעטֶען, אונְד מִיט דֶעם טוֹי פָאן הִימֶעל זָאל עֶס גֶעפֵייכְט וֶוערְדֶן, אונְד מִיט דִיא טִיהְרֶע פָאן פֶעלְד זָאל זַיין, זֵיין טְהַייל, בִּיז עֶס וֶוערְד אִיבֶּערְפָאהְרֶען זִיבֶּען צֵייטֶען. דָאס אִיזְט דִיא שְׁלַאכְטֶע גְזֵירָה, וָואס אִיזְט אוֹיף דִיר נִגְזַר גֶעוָוארִין מֵיין קֶענִיג. וָואס פָאן אַלֶע מֶענְשֶׁען, וֶוערְד מֶען דִיךְ פַארְטְרֵייבֶּען, אונְד דֵיין וָואהְנוּנְג וֶוערְד זַיין, מִיט דִיא הַיוֹת אִין פֶעלְד, אונְד דֵיין נַאהְרונְג וֶוערְד זֵיין, דַאס גְרָאז פָאן פֶעלְד, אַזוֹ וִויא דִיא בְּהֵמוֹת. אונְד דֶער טוֹי פָאן הִימֶעל, וֶוערְד אוֹיף דִיר פַאלֶען, אַזוֹ וִויא אוֹיף אַלֶע טִיהְרֶע פָאן פֶעלְד. דַאס דָאזִיגֶע וֶוערְד אַזוֹ דוֹירֶען גַאנְצֶע זִיבֶּען יָאהְר, כְּדֵי דִיא זָאלְסְט וִויסֶען, דַאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גָ׳, טוּט גְיוָועלְטִיגֶען אִיבֶּער אַלֶע מְלָכִים פָאן דִיא וֶועלְט, אונְד צוּ וֶועהְם עֶר וִויל, טוּט עֶר עֶס גֶעבֶּען. אונְד דַאס וָואס דִיא הָאסְט גִיהֶערְט זָאגֶען, דַאס דֶער וָוארְטְצֶל פָאן בּוֹים זָאל בְּלֵייבֶּען אִין דִיא עֶרְד. דַאס אִיז אֵיין צֵייכֶען, דַאס דֵיין קֶענִיגְרֵייךְ וֶוערְד ווִידֶער צוּ דִיר צוּרִיק גִיגֶעבֶּן וֶוערְדֶן. כְּדֵי דִיא זָאלְסְט פַארְשְׁטֵיין, דָאס אַלֶעס גִיוָועלְטִיגְקֵייט קָאמְט נָאר פָאן דֶעם גָ׳ אִין הִימֶעל:

יֶעצְט מֵיין קֶענִיג, הָארְךְ מֵיין רַאטְה. מֵיין רַאטְה אִיזְט, דַאס דֵיינֶע זִינְד וֶוערְסְט קֶענֶען דורְךְ צְדָקָה אָבְּלֵייזֶען. אונְד מִיט דֶעם, וָואס דִיא וֶוערְסְט פִיעֶל גוּטֶעס טוּהֶען צוּ דִיא אַרְמֶע, וֶוערְד מֶען דִיר דִיא

גְזֵירָה פַארְשׁיעבֶען אויף אֵיינֶע אַנְדֶרֶע צֵייט; דָנִיאֵל הָאט דַארִיבֶּער דַאס דָאזִיגֶע גֶערַאטְהֶען דֶעם מֶלֶךְ, ווייל עֶר הָאט גִיזֶעהְן, דָאס גְרָאסֶע עֲנִיוּת פָּאן דִיא יוּדֶן. דַארִיבֶּער הָאט עֶר אִיהְם דַאס גֶערַאטְהֶען, כְּדֵי עֶר זָאל דִיא אָרְמֶע יוּדֶן מְפַרְנֵס זֵיין פָּאן זֵיינֶע אוֹצְרוֹת: דֶער מֶלֶךְ הָאט זֵיין עֵצָה אַנְגֶענָאמֶען, אוּנְד הָאט בֶּעפוּהְלֶען, דַאס דִיא אַלְלֶע אָרְמֶע יוּדֶן, וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין (בָּבֶל) מְפַרְנֵס צוּ זֵיין פָאן זֵיינֶע אוֹצְרוֹת:

עֶנְדֶע פָאן צְוֶועלְף מָאנַאטְהֶ, אִיזְט דֶער מֶלֶךְ נְבוּכַדְנֶצַּר גֶעשְׁטַאנֶען בֵּייא זֵיין גְרָאסֶען קֶענִיגְלִיכֶען פַּאלַאסְט. הָאט עֶר גֶעפְרַאגְט, וָואס אִיזְט דָאס, דַאס גְרָאסֶע לַארֶעם וָואס אִיךְ הֶערֶע? הָאט מֶען אִיהְם גֶעזָאגְט, דָאס אִיזְט פָּאן דִיא אָרְמֶע יוּדֶן, וָואס דִיא הָאסְט גֶעבָּאטֶען, זֵייא מְפַרְנֵס צוּ זֵיין פָּאן דֵיינֶע אוֹצְרוֹת. הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעזָאגְט, פַארְוָואהְר! דִיא שְׁטָאט (בָּבֶל) הָאבּ אִיךְ דָאךְ עֶרְבּוֹיט פָּאן מֵיינֶע אוֹצְרוֹת, אוּנְד וֶוען אִיךְ וֶועל אַלֶעס פַארְמֶעגֶן פַארְטְהֵיילֶען, פָאן וַואנֶען וֶועל אִיךְ הָאבֶּען, צוּ עֶרְבּוֹיעֶן נָאךְ אַנְדֶרֶע פַּאלַאסְטֶען, אוּנְד שְׁלֶעסֶער? ווִיא עֶר הָאט דָאס דָאזִיגֶע גִירֶעדְט, אִיזְט גֶעקָאמֶען אֵיין פָארְכְטבַּאר קוֹל פָּאן הִימֶעל, מֶען לָאסְט דִיר זָאגֶען דִיא קֶענִיג נְבוּכַדְנֶצַּר! דַאס דֵיין קֶענִיגְרֵייךְ אִיזְט שָׁאהְן פָּאן נוּן אַן, פָּאן דִיר אָבְּגֶעטוּהְן ווָארְדֶען, אוּנְד פָּאן אַלְלֶע מֶענְשֶׁען פּאן דִיא וֶועלְט, טוּט מֶען דִיךְ אַצִינְד פַארְטְרֵייבֶּען, אוּנְד דֵיין וָואהְנוּנְג

וָוערד זַיין, צוּזַאמֶען מִיט דִיא טִיהְרֶע פָאן פֶעלְד, אוּנְד דַאס גְרָאז פָאן דִיא בְּהֵמוֹת וָוערְד זַיין דַיין שְׁפֵּייז. זִיבֶּען גַאנְצֶע יָאהְר וָוערְד עֶס אַזוֹ דוֹירֶען. כְּדֵי דִיא זָאלְסְט וִויסֶען, דַאס דֶער בִּישֶׁעפֶער, טוּט גִיוָועלְטִיגֶען אַן דַאס קֶענִיגְרַייךְ. פָאן דִיא מֶענְשֶׁן. אוּנְד צוּ וָועהְם עֶר וִויל טוּט עֶר עֶס גֶעבֶּען: אִין דִיא זֶעלְבֶּע רֶגַע, אִיז נְבוּכַדְנֶצַּר פַארְטְרִיבֶּען גֶעווָארִין פָאן אַלְלֶע מֶענְשֶׁן, אוּנְד אִיזְט אִין דִיא וִויסְטֶע גֶעלוֹיפֶען אוֹיף אַלְלֶע פִיעֶר, אַזוֹ וִויא אֵיינֶע בְּהֵמָה. אוּנְד הָאט גִיגֶעסֶען דַאס גְרָאז פָאן פֶעלְד. בִּיז דִיא הַאאַר פָאן זַיין קָאפְּף, הָאבֶּען אַזוֹ גְרָאס גֶעוַואכְסֶען וִויא דִיא פְלִיגֶעל פָאן אֵיין אָדְלֶער, אוּנְד דִיא נֶעגֶעל פָאן זֵיינֶע פִינְגֶער, וַוארֶען אַזוֹ גְרָאס גֶעוַואכְסֶען וִויא דִיא נֶעגֶעל פָאן דִיא רוֹיב פֵייגֶל: אוּנְד עֶר אִיזְט גֶענְצְלִיךְ פַארְגֶעסֶען וָוארְדֶען פָאן אַלְלֶע מֶענְשֶׁן:

וִויא עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט דִיא זִיבֶּען יָאהְר, הָאט נְבוּכַדְנֶצַּר עֶרְהוֹיבֶּען זֵיינֶע אוֹיגֶען, קֶעגֶען הִימֶעל, אוּנְד זַיין פַארְנוּנְפְט, אִיזְט אִיהְם צוּרִיק גִיגֶעבֶּן וָוארְדֶען. הָאט עֶר אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לוֹיבֶּען, צוּ דֶעם עֶרְהוֹיבִּינֶען גָ׳, דַאס אַלְלֶעס גִיוָועלְטִיגְקֵייט, אִיזְט נָאר פָאן אִיהְם, אוּנְד זַיין קֶענִיגְרַייךְ אִיזְט אִין דִיא עֶווִיגְקֵייט. אוּנְד אַלְלֶע אֵיינְוָואהְנֶער, פָאן דִיא עֶרְד, זֶענֶען קֶעגֶען אִיהְם וִויא גָאר נִישְׁט גֶערַאכֶנְט. אוּנְד דַאס וָואס עֶר בִּיגֶעהְרְט צוּ טוּהֶען, דַאס טוּט עֶר. אוּנְד עֶס אִיזְט נִישְׁט פַארְהַאנְדֶען

אַיין מֶענְשׁ וָואס זָאל קֶענֶען עֶפֶּעס אַנְדֶערְס טוּהֶען, לוֹיט וִויא זַיין רָצוֹן אִיזְט. אָדֶער עֶס זָאל קֶענֶען יֶעמַאנְד אִיהְם אַנְפְרַאגֶען, וָואס טוּסְט דִיא ? אוּנְד פָאן נוּן אַן אִיזְט דֶער גַאנְצֶער פַארְשְׂטַאנְד, אִיהְם צוּרִיק גִיגֶעבֶען וָוארְדֶען, אוּנְד אִיזְט צוּרִיק גֶעקָאמֶען צוּ זַיין קֶענִיגְרַייךְ, אוּנְד זַיינֶע יוֹעֲצִים הָאבֶּען פָאן אִיהְם פַארְלַאנְגְט, דַאס עֶר זָאל ווִידֶער אִיבֶּער זַיְיא קִינִיגֶען: נַאךְ דֶעם אִיזְט צוּ אִיהְם נָאךְ מֶעהְר גְדוּלָה, אוּנְד גְרָאסְהַייט גִיגֶעבֶּען וָוארְדֶען: (דִיא חֲכָמִים הָאבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען, דַאס נָאךְ דֶעם וָואס עֶר אִיזְט צוּרִיק גֶעקָאמֶען צוּ זַיין מְלוּכָה, הָאט עֶר גֶערִיטֶען אוֹיף אַיין לֶעוֶוע, אוּנְד אַיינֶע שְׁלַאנְגֶע הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף זַיין קָאפְּף הֶערוּם גֶעבִּינְדֶען). הָאט נְבוּכַדְנֶצַר גֶעזָאגְט, יֶעצְט אִיזְט מַיין פְּפְלִיכְט, צוּ לוֹיבֶּען, אוּנְד צוּ בֶּעשַׁיינֶען צוּ דֶעם מֶלֶךְ פָאן הִימֶעל אוּנְד עֶרְד, וָואס אַלֶע זַיינֶע וֶוערְקֶע זֶענֶען וַואהְרְהַאפְטִיג, אוּנְד דִיא דָאזִיגֶע וָואס פִיהְרֶען זִיךְ בְּגַאֲוָה, טוּט עֶר נִידְרִיג מַאכֶען:

פרק ד׳.

אִין דִיזֶען פֶּרֶק וֶוערְד עֶרְצֶעהְלְט, וָואס עֶס הָאט זִיךְ פַּאסִירְט מִיט דֶעם מֶלֶךְ (בֵּלְשֶׁצַר) דַאס עֶנְקֶעל פָאן נְבוּכַדְנֶצַר, אוּנְד וִויא דַאס קֶענִיגְרַייךְ פָאן דִיא (כַּשְׂדִים) הָאט זִיךְ גִיעֶנְדִיגְט.

נְבוּכַדְנֶצַר הָאט גֶעקִינִיגְט פִירְצִיג יָאהְר. נָאךְ אִיהְם הָאט גֶעקִינִיגְט זַיין זָאהְן (אֱוִיל מְרוֹדָךְ). אוּנְד

נָאךְ אִיהְם הָאט גֶעקִינִיגְט זַיין זָאהְן (בֵּלְשָׁאצַר) דַאס
עֶנְקִיל פָאן נְבוּכַדְנֶצַר: אִין זַיינֶע צֵייטֶען, הָאט גָ' אוֹיף
גִישְׁטֶעלְט, צְוֵוייא קֶענִיגֶע, דֶער מֶלֶךְ (דָרְיָוֶשׁ פָאן מָדַי),
אוּנְד דֶער מֶלֶךְ (כּוֹרֶשׁ פָאן פָּרָס), דִיא צְוֵוייא מְלָכִים
הָאבֶּען זִיךְ מִתְחַתֵּן גִיוֶועזֶן, וָואס דֶער מֶלֶךְ (כּוֹרָשׁ)
הָאט גֶענָאמֶען דִיא טָאכְטֶער פָאן (דָרְיָוֶשׁ) פַאר זַיין
וַוייבּ. הָאבֶּען זִיךְ דִיא צְוֵוייא מְלָכִים פַאראֵיינִיגְט, מוֹרֵד
צוּ זַיין אַן דֶעם מֶלֶךְ (בֵּלְשָׁאצַר) פָאן (כַּשְׂדִים). דֶען פָאן
דִיא צֵייט אַן פָאן נְבוּכַדְנֶצַר, בִּיז בֵּלְשָׁאצַר, וַוארֶען אַלֶע
קֶענִיגֶע פָאן דִיא וֶועלְט, דִיא אוּנְטֶערְטַאהְנֶע צוּ דִיא
מְלָכִים פָאן (כַּשְׂדִים): בֵּייא דִיא עֶרְשְׁטֶע שְׁטְרֵייט
הָאבֶּען דִיא (כַּשְׂדִים) גֶעזִיגְט, וָואס הָאבֶּען פִיעֶל פָאלְק
עֶרְשְׁלַאגֶען פָאן (מָדַי וּפָרָס). הָאבֶּען זִיךְ דִיא צְוֵוייא
מְלָכִים (כּוֹרֶשׁ, אוּנְד דָרְיָוֶשׁ) גֶעשְׁטַארְקְט, נָאךְ אֵיין
מָאהְל צוּ שְׁטְרֵייטֶען. אִיזְט פָאן בֵּיידֶע פַּארְטֵייעֶן
זֶעהְר פִיעֶל גֶעפַאלְלֶען. וָואס עֶס וַואר גָאר קֵיין צָאהְל
צוּ דִיא עֶרְשְׁלַאגִינֶע. אַס עֶנְדֶע זֶענֶען דִיא כַּשְׂדִים
עֶנְטְלוֹיפֶען, אוּנְד (כּוֹרֶשׁ מִיט דָרְיָוֶשׁ) הָאבֶּען זֵייא נָאךְ
גֶעיָאגְט, בִּיז נַאהֶע צוּ דִיא שְׁטָאט (בָּבֶל). הָאבֶּען דִיא
מַחֲנֶה פָאן כּוֹרֶשׁ מִיט דָרְיָוֶשׁ גֶעלַאגֶערְט, אֵיין טָאג
רֵייזֶע עֶנְטְפֶערְנְט פָאן דִיא שְׁטָאט בָּבֶל: וִויא בֵּלְשָׁאצַר
הָאט גִיזֶעהְן דַאס זַיינֶע מֶענְשֶׁן, זֶענֶען גֶעמָארְדֶעט
וָוארְדֶען, הָאט עֶר גֶעלָאזְט אֵיינְזַאמְלֶען זַיין גַאנְץ
פָאלְק, אוּנְד אוֹיךְ טוֹיזֶענְט שָׂרִים פָאן לַאנְד כַּשְׂדִים,

אונד האט נאך צוגענאמען, דיא פריצים פאן דיא יודען, וואס וואַרען אין זיין קעניגליכען הויף. זענען דיא אַללע פאן שטאט געגאַנגען (בתחילת הלילה), אונד דיא גאַנצע נאַכט זענען זייא פאָרט צוגינגענט צו דעם לאַגער פאן פיינד. וויא עס איזט טאג געוואָרען, האבען זייא זעהר פיעל ערשלאַגען פאן דיא מאַנען פאן (כורש ודריוש). איזט דיא מחנה פאן דריוש ענטלויפען. אונד כורש אַליין מיט זיין מחנה, האט געשטריטען מיט דעם פיינד. דאס האט אַזו געדוירט דעם גאַנצען טאג. אונד וויא עס איז נאַכט געוואָרין, האט דיא שטרייט אויף גיהערט, דען דיא טויזענט שרים פאן בלשצר, האבען זייא בעזיעגט: נאך דיא מלחמה, האט דער קעניג בלשצר געמאַכט איינע גראָסע מאהל צייט, פיר זיינע טויזענט שרים, אונד האט פיעל גאָלד אונד זילבער פאַרטהיילט אַן זיינע מענשען. זייא האבען זיך זעהר גוט אונטערהאַלטען, מיט גוט עסען, אונד פיעל וויין טרינקען, ביז אין דיא נאַכט אַריין: וויא דער מלך בלשצר וואַר זעהר לוסטיג פאן דעם פיעל וויין טרינקען, האט ער געלאָזט פאַר זיך ברענגען, צו דיא סעודה, דיא גאָלדינע, אונד זילבערנע כלים, וואס זיין גראָס פאַטער נבוכדנצר האט הערויס גענאָמען פאן (בית המקדש), אונד האט זייא געבראַכט קיין בבל. אַזו האט דער מלך מיט זיינע הערען, אונד זיינע קייבס ווייבער געטרינקען

אוים, דיא הֵיילִיגֶע כֵּלִים פָֿאן (בֵּית הַמִקְדָשׁ). אוּנְד אַלְלֶע הָאבֶּען גֶעלוֹיבְּט צוּ זֵיירֶע אָבְגֶאטֶער: הָאט דָאס דָאזִיגֶע זֶעהְר עֶרְצַאֶרְנְט אוּנְזֶער גָ'. הָאט גָ' אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט אַיין מַלְאָךְ פָֿאן הִימֶעל, אוֹיף צוּ שְׁרֵייבֶּען אוֹיף דִיא וַואנְד, וָואס וַואר גֶעגֶען אִיבֶּער דֶעם מֶלֶךְ, דִיא שְׁלַאכְטֶע גְזֵירָה, וָואס אִיזְט אוֹיף אִיהְם, אוּנְד אוֹיף זֵיין גַאנְץ קֶענִיגְרֵייךְ נִגְזַר גֶעוָוארִין. נִימַאנְד הָאט דָאס דָאזִיגֶע גִיזֶעהֶן. נָאר בְּלוֹיס דֶער מֶלֶךְ בֵּלְשַׁאצָר, הָאט גִיזֶעהֶן, וִויא פִֿינְגֶער פָֿאן אַיין מֶענְשׁ, שְׁרֵייבְּט עֶטְוַואס אוֹיף דִיא וַואנְד. אוּנְד דִיא שְׁרִיפְֿט וַואר זֶעהְר פָֿארְכְטְבַּאר אַנְצוּזֶעהְן. אוּנְד אוֹיף אַלְלֶע וָואס הָאבֶּען אוֹיף דִיא שְׁרִיפְֿט גֶעקִיקְט, אִיזְט אוֹיף אַיין יֶעדֶען גֶעפַאלְלֶען אַיין גְרָאסֶער אַנְגְסְט, אוּנְד גְרָאס צִיטֶערְנִיס. עֶס וַואר אָבֶּער נִישְׁט אוּמְשְׁטַאנְד קֵיין אַיינְצִיגֶער, וָואס הָאט זָאלֶען קֶענֶען לֵיינֶען דִיא שְׁרִיפְֿט. אוּנְד דַאדוּרְךְ, אִיזְט דַאס גֶעזִיכְט פָֿאן מֶלֶךְ פַֿארְעֶנְדֶערְט וָוארְדֶען, אוּנְד זֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען הָאבֶּען אִיהְם זֶעהְר עֶרְשְׁרָאקֶען, אוּנְד זֵיינֶע פֿוּס הָאבֶּען אַנְגֶעקְלַאפְּט אֵיינֶער אַן דֶען אַנְדֶערְן, מֵחֲמַת דַאס גְרָאס צִיטֶערְנִיס פָֿאן אִיהְם. הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעשְׁרִיגֶען מִיט אַיין גְרָאס קוֹל, פַֿאר אִיהְם צוּ בְּרֶענְגֶען אַלְלֶע חֲכָמִים אוּנְד צוֹיבֶּרֶער, כְּדֵי צוּ קֶענֶען פַֿאר אִיהְם לֵיינֶען דִיא שְׁרִיפְֿט. הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעזָאגְט, דֶער דָאזִיגֶער מַאן, וָואס וֶועְרְד פַֿאר מִיר לֵיינֶען דִיא

שריפט

שְׁרִיפְט, אוּנְד דֶעם בְּעשֵׁייד דַאפָּאן, דֶער וֶוערְד
אָנְגֶעקְלֵיידֶעט וֶוערְדֶן מִיט פַּארְפֶּער וָואלִינֶע קְלֵיידֶער,
אוּנְד אֵיינֶע גָאלְדִינֶע קֶעטְטֶע מִיט טְהֵייֶרע שְׁטֵיינֶער
אוֹיף זֵיין הַאלְז. אוּנְד אִיבֶּער אֵיין דְרִיטֶעל פָּאן מֵיין
קֶענִיגְרֵייךְ, וֶוערְד עֶר הָאבֶּען צוּ גִיוֶועלְטִיגֶען. אַזוֹ זֶענֶען
פַּאר דֶעם מֶלֶךְ גֶעקָאמֶען אַלְלֶע חֲכָמִים פָּאן בָּבֶל, אוּנְד
קֵיין אֵיינְצִיגֶער הָאט גִיקֶענְט לֵיינֶען דִיא שְׁרִיפְט. אַזוֹ
אִיזְט דֶער מֶלֶךְ נָאךְ מֶעהְר עֶרְשְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען, אוּנְד
זֵיין גֶעשְׁטַאלְט וַואר זֶעהְר פַארְעֶנְדֶערְט. אוּנְד אוֹיךְ
אַלְלֶע זֵיינֶע שָׂרִים וַוארֶען זֶעהְר עֶרְשְׁרָאקֶען: אִיזְט
דִיא קֶענִיגֶען, דִיא פְּרוֹי פָּאן מֶלֶךְ, גֶעקָאמֶען צוּם מֶלֶךְ,
אוּנְד הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דֶער קֶענִיג זָאל אֵייבִּיג
לֶעהְבֶּען, לָאס דִיךְ דֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען נִישְׁט אַזוֹ אַבְּשְׁרֶעקֶען,
אוּנְד לָאס דֵיין אַנְגֶעזִיכְט, נִישְׁט אַזוֹ פַארְעֶנְדֶערְט
וֶוערֶען. דֶען עֶס אִיזְט פַארְהַאנְדֶען אֵיין מַאן אִין דֵיין
קֶענִיגְרֵייךְ, וָואס דֶער גֵייסְט פָּאן ג׳ אִיזְט אִין אִיהְם.
אוּנְד אִין דִיא צֵייט פָּאן דֵיין גְרָאסְפַאטֶער נְבוּכַדְנֶצַר,
הָאט דֶער מֶלֶךְ בֵּייא אִיהְם גֶעפִינֶען אַזוֹ פִיעֶל חָכְמָה,
וִויא אִין אֵיין מַלְאָךְ, אוּנְד דוּרְךְ דִיא גְרָאסֶע חָכְמָה
וָואס עֶר אִיזְט בִּיזֶעסֶען, הָאט דֶער מֶלֶךְ אִיהְם גֶערוּפֶען
מִיט דֶעם נָאמֶען (בֵּלְטְשַׁצַּאר), אוּנְד הָאט אִיהְם אוֹיךְ
גֶעמַאכְט גִיוֶועלְטִיגֶען אִיבֶּער דֶען גַאנְצֶען לַאנְד כַּשְׂדִים.
אַזוֹ לָאס דֶער דָאזִיגֶער מַאן פַאר דִיר קָאמֶען, וֶוערְד
עֶר פַארְגֶעוִויס פַאר דִיר לֵיינֶען דִיא שְׁרִיפְט, אוּנְד

װֶערְד אױךְ פַאר דִיר זָאגֶען דֶעם בֶּעשֵׁייד פָאן דִיא שְׁרִיפְט: אַזוֹ הָאט מֶען גֶעבְּרַאכְט פַאר דֶעם מֶלֶךְ, דֶעם דָנִיאֵל. הָאט דֶער מֶלֶךְ צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דִיא בִּיזְט דָאס דֶער דָנִיאֵל, װָאס דֶער מֶלֶךְ נְבוּכַדְנֶצַר הָאט דִיךְ גֶעבְּרַאכְט צְװִוישֶׁן דִיא פַארְטְרִיבִּינֶע יוּדֶען? װָאס אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט אוֹיף דִיר זָאגֶען, דַאס דֶער גֵייסְט פָאן גָ׳ אִיזְט אִין דִיר? אוּנְד פִיעֶל חָכְמָה אוּנְד װִיסֶענְשַׁאפְט גֶעפִינְט זִיךְ אִין דִיר? אִיךְ הָאבּ פַאר מִיר גֶעלָאזְט בְּרֶענְגֶען אַלֶלֶע חֲכָמִים אוּנְד צוֹיבֶּרֶער פָאן מֵיין לַאנְד, פַאר מִיר צוּ לֵיינֶען דִיא דָאזִיגֶע שְׁרִיפְט, אוּנְד נִימַאנְד אִיזְט אוּמְשְׁטַאנְד, דַאס פַאר מִיר צוּ לֵיינֶען, אוּנְד מִיר צוּ זַאגֶען דֶען בֶּעשֵׁייד דַאפָאן: אַלְזָא! װֶען דִיא װֶערְסְט אוּמְשְׁטַאנְד זֵיין דִיא דָאזִיגֶע שְׁרִיפְט צוּ לֵיינֶען, אוּנְד צוּ זָאגֶען דֶען בֶּעשֵׁייד, װֶערְסְט דִיא אָנְגֶעקְלֵיידֶעט װֶערְדֶען מִיט פַארְפֶּער װָאלְלִינֶע קְלֵיידֶער, אוּנְד אֵיינֶע גָאלְדִינֶע קֶעטֶע מִיט טְהֵיירֶע שְׁטֵיינֶער אוֹיף דֵיין הַאלְז, אוּנְד אִיבֶּער אֵיין דְרִיטֶעל פָאן מֵיין קֶענִיגְרֵייךְ װֶערְסְט הָאבֶּען צוּ שַׁאפֶען: הָאט דָנִיאֵל גֶעַאנְטְװָארְט דֶעם מֶלֶךְ, דֵיינֶע גִישֶׁענְקֶע לָאס בֵּייא דִיר צוּרִיק בְּלֵייבֶּען, אוּנְד דַאס גִיװֶעלְטִיגְקֵייט גִיבּ צוּ אֵיינֶען אַנְדֶערֶן. נָאר דִיא שְׁרִיפְט װֶעל אִיךְ פַאר דִיר פָארְלֵיינֶען, אוּנְד דֶעם בֶּעשֵׁייד װֶעל אִיךְ דִיר אוֹיךְ זָאגֶען. הֶער מִיךְ צוּ מֵיין קֶענִיג. דֶער עֶרְהוֹיבִּינֶער גָ׳, הָאט דֵיין גְרָאסְפַאטֶער נְבוּכַדְנֶצַר גִיגֶעבֶּען דַאס קֶענִיגְרֵייךְ, אוּנְד אוֹיךְ פִיעֶל

ווירדיגקייט, וואס אללע פעלקער פאן דיא וועלט האבען פאר איהם געציטערט. אונד וייל זיין הארץ האט זיך אין איהם ערהויבען (גאוה) צו בעזיטצען, איזט ער פאן זיין מלכות אבגעווארפען ווארדען, אונד פאן אללע מענשען איזט ער פארטריבען ווארדען. כדי צו וויסען דאס עס איזט פארהאנדען איין געוועלטיגער, וואס אללעס פאן דיא וועלט, איזט אין זיין האנד. אונד צו וועהם ער וויל, דעם גיבט ער דאס געוועלטיגקייט: אונד דיא בלשצר, האסט פאן דעם אללען גוט געוויסט. אונד צופארט האסט נישט וואלען זיין, אונטער טעניג פאר איהם, נאר נאך גראד פארקעהרט. איבער דעם ערהויבינען ג׳, האסט דיך ערהויבען, וואס דיא האסט געלאזט פאר דיר ברענגען דיא הייליגע כלים פאן בית המקדש. אונד דיא מיט דיינע הערן, אונד דיינע פרוי, מיט דיינע קייבס ווייבער, האבען וויין געטרינקען אוים דיא הייליגע כלים. אונד צו דיא געטער, וואס זענען געמאכט פאן זילבער, אונד גאלד, פאן קופפער, אונד אייזען, אונד פאן האלץ, אונד שטיין, וואס זעהן נישט, אונד הערען נישט, אונד וויסען גאר נישט, האסט דיא געלויבט. אונד צו דעם אמתדיגען ג׳, וואס דיין זעהל איזט אין זיין האנד, האסט דיא גאר נישט בעשיינט,? דאדורך האט מען צו דיר געשיקט, דאס דאזיגע כתב אויף צו שרייבען: דיא שריפט

ווערד אזו געליינט ! (מנא מנא תקל ופרסין). *) אונד דאס איזט דער בעשייד פאן דעם כתב. ג' האט געציילט דיא טעג פאן דיין קעניגרייך, אזו האט עס זיך שאהן אויסגעלאזט. אונד מען האט דיך געוואהגען אויף דיא וואגשאהל, האט מען דיך געפינגען זעהר גרינג, וואס עס געפינט זיך אין דיר גאר קיין זכות. אזו איזט דאס קעניגרייך פאן דיר, גענצליך צו בראכען געווארין. אונד עס איזט גיגעבען ווארדען, צו (מדי ופרס) :

וויא דער מלך האט דאס פארנאמען פאן דניאל, האט ער איין ביפעהל גיגעבען, איהם צו בקליידען מיט פארפער וואללינע קליידער, אונד איינע גאלדינע קעטטע אויף זיין האלז, אונד מען האט פאר איהם אויסגערופען, דער דניאל האט צו גיוועלטיגען איבער איין דריטעל קעניגרייך. אונד דער מלך מיט אללע זיינע שרים האבען זעהר געציטערט אונד געאנגסט. אללעס איזט אין זיין הײמאט געגאנגען, אונד דער מלך בלשצר איזט אליין געבליבען אין זיין הויז מיט זיינע דינער. אונד מחמת דער גראסער שרעק, אונד אנגסט וואס אויף איהם איזט געפאללען, איזט ער

נידער

*) דאריבער האט מען נישט גיקענט ליינען דיא שריפט, ווייל דיא אותיות פאן דיא ווארטער, ווארען נישט כסדר געשריבען. נאר צו-ווארפען, אונד דניאל האט ערשט דיא אותיות צוזאמען גיזעצט אונד האט געמאכט דארויעס דיא דאזיגע פיער ווארטער :

נִידֶער גְעפַּאלְלֶען אויף זַיין גִילֶעגֶער, וִויא אֵיין מֵת, אוּנְד הָאט אֵיינְגֶעשְׁלַאפֶען: אִיזְט דָארְט אִין מֶלֶךְ׳ס פַּאלַאסְט גִיוֶועזֶען אֵיין אַלְטֶער דִינֶער, וָואס עֶר וַואר נָאךְ בֵּייא נְבוּכַדְנֶצַר. הָאט עֶר זִיךְ גֶעדַאכְט, פַאר־וָואהְר, דָאס אִיזְט דָאךְ דֶער דָנִיאֵל, וָואס הָאט בֶּעשֵׁיידֶען דִיא חֲלוֹמוֹת פָאן נְבוּכַדְנֶצַר, אוּנְד אַזוֹ וִויא עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אִיזְט אַלְלֶעס בִּישְׁטֶעטִיגְט וָוארְדֶען. אַזוֹ פַארְגֶעוִויס, דַאס דָאזִיגֶע וָואס עֶר הָאט אַצִינְד בֶּעשֵׁיידֶען צוּ מֵיין הֶערְר בֵּלְשֶׁצַר, וֶוערְד בְּוַדַאי אוֹיךְ מְקוּיָם וֶוערִין. אַזוֹ וֶועל אִיךְ מֵיין הֶערְר טֵייטֶען, אוּנְד וֶועל בְּרֶענְגֶען זַיין קָאפְּף פָאן אִיהְם, צוּ דִיא קֶענִיגֶע פָאן (מָדַי וּפָרָס): אִין מִיטֶען דִיא נַאכְט, וִויא דֶער מֶלֶךְ הָאט פֶּעסְט גֶעשְׁלַאפֶען, אִיזְט דֶער דִינֶער צוּ אִיהְם צוּגֶעקָאמֶען מִיט אֵיינֶע שְׁוֶועהְרְט, אוּנְד הָאט אִיהְם עֶרְשְׁלַאגֶען, אוּנְד הָאט פָאן אִיהְם דֶעם קָאפְּף אָבּ־גֶעשְׁנִיטֶען, אוּנְד אִיזְט מִיט דֶעם קָאפְּף גֶעלוֹיפֶען צוּ דִיא לַאגֶער פָאן (מָדַי וּפָרַס). אוּנְד הָאט אִיבֶּערְגֶעבֶּען דֶעם קָאפְּף צוּ דִיא צְוֵוייא מְלָכִים (כּוֹרֶשׁ אוּנְד דָרְיָוֶשׁ). אוּנְד עֶר הָאט פַאר זֵייא עֶרְצֶעהְלְט דִיא גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע, וָואס דֶער קֶענִיג בֵּלְשֶׁצַר הָאט פַארְשְׁוַואכְט דִיא כֵּלִים פָאן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּנְד וִויא דֶער מַלְאָךְ פָאן גָ׳ הָאט פַאר אִיהְם אוֹיף גֶעשְׁרִיבֶּען דִיא שְׁרִיפְט, אוּנְד וִויא דָנִיאֵל הָאט דָאס כְּתַב פַאר אִיהְם פָאר גֶעלֵיינְט, אוּנְד בֶּעשֵׁיידֶען. אוּנְד וִויא דֶער דָנִיאֵל הָאט אִיהְם שְׁטַארְק

מָארַאהְל גֶעזָאגְט, דַאס עֶר הָאט זֶעהְר נִשְׁט רַאכְט גֶעטוּהֶען: אַזוֹ וִויא אִיךְ הָאבּ דַאס אַלְלֶעס פַארְנָאמֶען פָאן דֶעם גֶאטְלִיכֶען מַאן דָנִיאֵל, וָואס ג' הָאט אוֹיף אִיהְם גוֹזֵר גִיוֶועזֶן. הָאבּ אִיךְ דִיא גְזֵירָה פָאן ג' פַאר-פַארְטִיגְט. אַזוֹ וִויא אִיהְר זֶעהְט דָא אִין מֵיין הַאנְד, דֶעם קָאפְּף פָאן מֶלֶךְ בֵּלְשַׁאצַּר: וִויא כּוֹרֶשׁ, מִיט דָרְיָוֶשׁ הָאבֶּען דַאס פַארְנָאמֶען, הָאבֶּען זֵייא זִיךְ גֶעבִּיגְט צוּ ג', אוּנְד הָאבֶּען גֶעזָאגְט, אַצִּינְד וִויסֶען מִיר דַאס דֶער ג' פָאן הִימֶעל אִיזְט גְרֶעסֶער פָאן אַלְלֶע גָאטֶער, אוּנְד עֶר אִיזְט דֶער בִּישֶׁעפֶער פָאן אַלְלֶע מֶענְשֶׁן, אוּנְד אִין זֵיין הַאנְד אִיזְט דַאס גִיוֶועלְטִיגְקֵייט:

נָאךְ דִיא מַעֲשֶׂה, זֶענֶען כּוֹרֶשׁ מִיט דָרְיָוֶשׁ גֶעקָאמֶען מִיט זֶעהְר פִיעֶל הֶעער, אוּנְד הָאבֶּען פַארְטִילְלִיגְט דַאס גַאנְצֶע לַאנְד כַּשְׂדִים. אוּנְד דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט בָּבֶל, הָאבֶּען זֵייא עֶרְשְׁלַאגֶען צוּ שַׁארְפֶער שְׁוֶוערְט. פָאן מַאנֶען, אוּנְד פְרוֹיעֶן, פָאן קִינְדֶער, בִּיז זֵייגֶענְדֶע קִינְדֶער. דַאמָאהְלְס הָאט ג' אֵיינֶע נְקָמָה גֶעטוּהֶען, אַן בָּבֶל, דִיא רַאכֶע, פָאן דֶען בְּלוּט, וָואס זֵייא הָאבֶּען פַארְגָאסֶען, פָאן זֵיין פָאלְק דִיא יִשְׂרָאֵל. אוּנְד דִיא נְקָמָה, פָאן זֵיין (בֵּית הַמִקְדָשׁ). אוּנְד פָאן נוּן אַן, אִיזְט גֶעקָאמֶען דִיא עֶנְדֶע פָאן דֶעם קֶענִיגְרֵייךְ פָאן כַּשְׂדִים:

פֶּרֶק ה׳.

אִין דִיזֶען פֶּרֶק וֶוערְד עֶרְצֶעהְלְט, וִויא הַשֵׁי״ת הָאט מַצִיל גִיוֶועזֶען זַיין קְנַאכְט דָנִיאֵל פָאן דִיא לֶעוֶוען גְרִיבּ:

דֶער מֶלֶךְ (דָרְיָוֶשׁ) הָאט אִיבֶּערְנָאמֶען דַאס קֶענִיגְרֵייךְ פָאן (מָדַי)· הָאט דֶער מֶלֶךְ (דָרְיָוֶשׁ) גִיזֶעצְט אִיבֶּער זַיין לַאנְד, הוּנְדֶערְט אוּנְד צְוָואנְצִיג יוֹעֲצִים, וָואס זָאלֶען רֶעגִירֶען מִיט דֶעם גַאנְצֶען לַאנְד. אוּנְד דְרֵייא יוֹעֲצִים זֶענֶען גִיזֶעטְצְט וָוארְדֶען, אִיבֶּער דִיא הוּנְדֶערְט אוּנְד צְוָואנְצִיג יוֹעֲצִים. אוּנְד אֵיינֶער פָאן דִיא דְרֵייא, וַואהְר דָנִיאֵל. אוּנְד דָנִיאֵל הָאט אִיבֶּער שְׁטִיגֶען מִיט חָכְמָה, אוּנְד וִויסֶענְשַׁאפְט, דִיא אַלְלֶע הוּנְדֶערְט אוּנְד צְוָואנְצִיג שָׂרִים. וֵוייל גָא״ס גֵייסְט וַואר אִין אִיהְם. דַארִיבֶּער, הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעטְרַאכְט, צוּ מַאכֶען דֶעם דָנִיאֵל, פַאר אֵיין הַארְשֶׁער, אִיבֶּער זַיין גַאנְץ קֶענִיגְרֵייךְ: אַזוֹ הָאט דֶער מֶלֶךְ הֶערוּם גֶעשִׁיקְט בְּרִיפֶע אִין זֵיינֶע לֶענְדֶער. אוּנְד אַזוֹ וַואר דָארְט גֶעשְׂרִיבֶּען. דֶער גָ׳ פָאן הִימֶעל, הָאט אִין מֵיין הַאנְד אִיבֶּער עֶנְפֶּערְט אַלְלֶע קֶענִיגֶע פָאן דִיא וֶועלְט, אוּנְד אִיךְ בִּין שָׁאהְן אַלְט. וָואס דֶער לַאסְט אִיזְט פַאר מִיר צוּ שְׁוֶועהְר, צוּ רִיכְטֶען מֵיין גַאנְץ פָאלְק, אַזוֹ הָאבּ אִיךְ מִיךְ בֶּעטְרַאכְטֶען, צוּ זֶעטְצֶען דֶעם דָנִיאֵל פַאר אֵיין הַארְשֶׁער, אִיבֶּער מֵיין גַאנְץ קֶענִיגְרֵייךְ. אַזוֹ טוּהֶע אִיךְ אֵייךְ בִּיפֶעהְלֶען, דַאס אִיהְר זָאלְט גְרָאס כָּבוֹד, אוּנְד עֶהְר, צוּטְהֵיילֶען צוּ דֶעם גָ׳ פָאן דָנִיאֵל. דֶען עֶר אִיזְט גְרֶעסֶער פָאן אַלְלֶע גֶאטֶער, פָאן דִיא וֶועלְט. אוּנְד אִיךְ

הָאבּ גִיזֶעצְט אִיבֶּער אַלְלֶע מֵיינֶע לֶענְדֶער צְוֵויא יוֹעֲצִים, אוּנְד דֶעם דָנִיאֵל הָאבּ אִיךְ גִיזֶעצְט אִיבֶּער דִיא צְוֵוייא יוֹעֲצִים, דַאס זֵייא זָאלִין אִיהְם הָארְכֶען, צוּ אַלְלֶעם וָואס עֶר וֶוערְד גֶעבִּיטְעֶן. דֶען דֶעם דָנִיאֵל הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט, פַאר דֶעם (שֵׁנִי לַמֶּלֶךְ). אוּנְד אַלְלֶע מֵיינֶע הֶערְרֶען, הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶבֶען אוּנְטֶער זֵיין בִּיפֶעהְל. דַאס זֵייא זָאלִין פַאר אִיהְם גֶעהָארְזַאם זֵיין, צוּ אַלְלֶעם וָואס עֶר וֶוערְד זֵייא גֶעבִּיטֶען: אוּנְד דֶער מַאן, וָואס וֶוערְד זִיךְ וַואגֶען, צוּ פַארְשְׁטֶערֶען דַאס גִיזֶעטְץ פָאן מֶלֶךְ, דֶער וֶוערְד גֶעטֵייט וֶוערְדֶען: אוּנְד פָאן נוּן אַן, אִיזְט דֶער דָנִיאֵל גֶעבְּלִיבֶּען פַאר דֶעם (שֵׁנִי לַמֶּלֶךְ). אוּנְד אַלְלֶע שָׂרִים פָאן לַאנְד, הָאבֶּען אִיהְם גְרָאס כָּבוֹד צוּ גֶעטְהֵיילְט: דַאס דָאזִיגֶע הָאט פַארְאוּרְזַאכְט, וָואס אַלְלֶע יוֹעֲצִים פָאן מֶלֶךְ, הָאבֶּען גְרָאס קִנְאָה בֶּעקָאמֶען אוֹיף דֶעם דָנִיאֵל: זֵייא הָאבֶּען אָבֶּער גָאר קֵיין שְׁפָּאהְר בֶּעקָאמֶען, דַאס עֶר זָאל עֶפֶּעס טוּהֶען וָואס עֶס זָאל זֵיין, ווִידֶער דַאס גִיזֶעטְץ פָאן מֶלֶךְ. הָאבֶּען זֵייא גֶעזָאגְט, מִיר וֶועלִין מִיט קֵיין אַנְדֶערֶע זַאךְ קֶענֶען דֶעם דָנִיאֵל פַארְהַאסְט מַאכֶען בֵּייא דֶעם מֶלֶךְ, נָאר דוּרְךְ דִיא גִיזֶעטְץ פָאן זֵיין גָ׳: אַזוֹ הָאבֶּען זֵייא זִיךְ בֶּערַאטְהֶען, אוֹיסְצוּגֶעבֶּען אֵיין גִיזֶעטְץ אִין דֶעם גַאנְצֶען קֶענִיגְרֵייךְ, דַאס עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט וַואגֶען אֵיין מַאן, גַאנְצֶע דְרֵייסִיג טָאג, אֵיין גִיבֶּעהְט צוּ פַארְרִיכְטֶען, צוּ זֵיין גָאט. אוֹיסֶער בְּלוֹיז צוּ דֶעם מֶלֶךְ (דָרְיָוֶשׁ).

אוּנְד דֶער וָואס וֶוערְד אִיבֶּער מְרֶעטֶען דָאס דָאזִיגֶע גִיזֶעטְץ, דֶער וֶוערְד גֶעוָוארְפֶען וֶוערְדֶן, אִין דִיא לֶעוֶוען גְרִיעבּ. אוּנְד דֶער מַאן זָאל נִישְׁט קֶענֶען עֶרְלֵייזְט וֶוערְדֶן, פַאר אַלְלֶען פַארְמֶעגֶן. אֲפִילוּ דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין, זָאל אִיהְם נִישְׁט קֶענֶען פְרֵייא מַאכֶען: אוּנְד דֶער דָנִיאֵל הָאט גָאר נִישְׁט גֶעוִויסְט, אוּנְד פַארְשְׁטַאנֶען, דַאס דָאס גַאנְצֶע, אִיזְט נָאר גֶעגְרִינְדֶעט אוֹיף אִיהְם. אַזוֹ הָאט עֶר דַאס גִיזֶעטְץ אוֹיךְ אוּנְטֶער גִיפֶּערְטִיגְט. אוּנְד אוֹיךְ פָאן אַלְלֶע שָׂרִים פָאן לַאנְד, אִיזְט דַאס כְּתַב אוּנְטֶער גֶעשְׁרִיבֶּען וָוארְדֶען. אוּנְד אֵיין יֶעדֶער הָאט דַאס כְּתַב בִּיפֶעסְטִיגְט מִיט זֵיין (חוֹתָם), זִיגֶעל: דַאן הָאבֶּען אַלְלֶע שָׂרִים דַאס כְּתַב גִיבְּרֶענְגְט צוּם מֶלֶךְ. וִויא דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעלֵיינְט דַאס כְּתַב, הָאט עֶס אִיהְם גוּט גֶעפַאלְלֶען, דֶען עֶס אִיזְט אִיהְם גָאר נִישְׁט אֵיינְגֶעפַאלְלֶען צוּ טְרַאכְטֶען, דַאס דִיא גַאנְצֶע מֵיינוּנְג פָאן זֵייא, אִיזְט נָאר קֶעגֶען דֶעם דָנִיאֵל. אַזוֹ הָאט דֶער מֶלֶךְ דַאס כְּתַב אוֹיךְ אוּנְטֶער שְׁרִיבֶּען, אוּנְד גֶעחַתְמֶעט מִיט זֵיין זִיגֶעל: דַאן הָאט מֶען דַאס כְּתַב גִיגֶעבֶּען צוּם אוֹיפְבֶּעוַואהְרֶען, צוּ דִיא שְׁרֵייבֶּער פָאן מֶלֶךְ:

נָאךְ דִיזֶען הָאבֶּען זִיךְ יֶעדֶען טָאג דִיא שָׂרִים פָאן מֶלֶךְ פַארְזַאמֶעלְט. אוּנְד הָאבֶּן הֶערוּמְגֶערִינְגֶעלְט, דַאס הוֹיז פָאן דָנִיאֵל, זִיךְ צוּ עֶרְפַאהְרֶען, אוֹיבּ עֶר טוּט נִישְׁט אִיבֶּערְפָאהְרֶען אִיבֶּער דַאס גִיזֶעטְץ. הָאבֶּען זֵייא גֶעטְרָאפֶּען שְׁטֶעהְן אֵיין קְלֵיין מֵיידֶל בַּיא דִיא

טוּהר פָּאן דָנִיאֶלְ'ס הויז. הָאבֶּען זֵייא זִיא גֶעפְרַאגְט, וִויא אִיזְט דָנִיאֵל?, אוּנְד וָואס טוּט עֶר יֶעצְט?, וָהָאט דַאס קִינְד זֵייא גֶעזָאגְט, עֶר אִיזְט אַצִינְד אוֹיבֶּען אִין דִיא הֶעהֶע, אוּנְד טוּט פַארְרִיכְטֶען זֵיין גִיבֶּעהְט, צוּ זֵיין גָ', בֵּייא דֶעם פֶּענְסְטֶער, וָואס אִיזְט גֶעגֶענְאִיבֶּער פָאן יְרוּשָׁלַיִם: אַזוֹ זֶענֶען דִיא אַלְלֶע שָׂרִים שְׁנֶעלְל אַרוֹיף גֶעלוֹיפֶען, הָאבֶּען זֵייא גֶעטְרָאפֶען דֶעם דָנִיאֵל נִידֶער קְנִיעֶן אוֹיף זֵיינֶע פוּס, אוּנְד זֵיינֶע הֶענְד הַאלְט עֶר פַארְשְׁפְּרֵייט, קֶעגֶען הִימֶעל. דֶעז דְרֵייא מָאהְל אִין טָאג, הָאט דָנִיאֵל מִתְפַּלֵל גִיוֶועזֶן צוּ גָ', וִויא זֵייא הָאבֶּען דָאס דָאזִיגֶע צוּגִיזֶעהֶן פָאן דָנִיאֵל, הָאבֶּן אַלְלֶע אַנְגֶעפַאנְגֶען זֶעהְר צוּ לַארְמֶען, אוּנְד דָנִיאֵל הָאט זִיךְ נִישְׁט אֵיינְמָאהְל אוּמְגִיוֶוענְט צוּ זֵייא, בִּיז עֶר הָאט פַארְפַארְטִיגְט זֵיין גִיבֶּעהְט. הָאבֶּען דִיא אַלְלֶע שָׂרִים אַן אִיהְם בֶּעגְרִיפֶען, אוּנְד מִיט גְרָאס גֶעשְׁרֵייא אוּנְד לַארֶעם, הָאבֶּען זֵייא אִיהְם גֶעבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ: וִויא דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיזֶעהֶן וִויא זֵייא הַאלְטֶען אַן דֶעם דָנִיאֵל, מִיט זָאלְכֶע לַארֶעם, אוּנְד גֶעשְׁרֵייא, אִיזְט עֶר זֶעהְר עֶרְשְׁרָאקֶען גֶעוָוארִין, אוּנְד הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וָואס אִיזְט גִישֶׁעהֶן? אוּנְד וָואס וִוילְט אִיהְר הָאבֶּען פָאן מֵיין גֶעלִיבְּטֶען דָנִיאֵל?, הָאבֶּען דִיא אַלְלֶע שָׂרִים גֶעאַנְטְוָוארְט דֶעם מֶלֶךְ. פַארְוָואהְר, דֶער מֶלֶךְ זֶעלְבְּסְט הָאט דָאךְ אוּנְטֶערְגִיפֶערְטִיגְט דַאס גִיזֶעטְץ, וָואס עֶס אִיזְט בֶּעשְׁלָאסֶען וָוארְדֶען פָאן אוּנְס אַלְלֶע, דַאס עֶס

זָאל זִיךְ נִישְׁט וַואגֶען אֵיין מֶענְשׁ. אֵיין גִיבֶּעהְט צוּ פַארְרִיכְטֶען גַאנְצֶע דְרֵייסִיג טָאג, אוֹיסֶער וְויא צוּם מֶלֶךְ אַלֵיין. אוּנְד דֶער מַאן וָואס וֶוערְד פַארְשְׁטֶערֶען דַאס גִיזֶעטְץ, זָאל גֶעוָוארְפֶען וֶוערְדֶען אִין דִיא לֶעוֶוען גְרִיבּ. אַצִינְד אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ, הָאבֶּען מִיר גֶעטְרָאפֶען דֶעם דָאזִיגֶען דָנִיאֵל, אִין זֵיין הויז, וָואס הָאט גֶעקְנִיעְט, אוּנְד מִתְפַּלֵל גִיוֶועזֶען צוּ זֵיין גָ'. אוּנְד הָאט פַארְשְׁטֶעהְרְט דַאס גִיזֶעטְץ פָאן מֶלֶךְ, אוּנְד דַאס גִיזֶעטְץ פָאן (פָּרַס וּמָדַי): אַצִינְד אִיזְט אוּנְזֶער בִּיגֶעהְר, דַאס דִיא זָאלְסְט אִיבֶּער עֶנְפֶּערֶן דֶעם דָנִיאֵל, אִין אוּנְזֶערֶע הֶענְד, אִיהְם צוּ וַוארְפֶען אִין דִיא לֶעוֶוען גְרִיבּ. כְּדֵי עֶס זָאל זִיךְ שָׁאהְן נִישְׁט מֶעהְר וַואגֶען, יֶעמַאנְד צוּ אִיבֶּערְטְרֶעטֶען דַאס גִיזֶעטְץ פָאן מֶלֶךְ: הָאט דֶער מֶלֶךְ זֵייא גֶעאַנְטְ-וָוארְט, אַצִינְד פַארְשְׁטֶעה אִיךְ שָׁאהְן, דַאס עֶנְקֶער גַאנְץ בִּיגֶעהְר אִיזְט נָאר גִיוֶועזֶן, אוֹיף דֶעם דָנִיאֵל. אָבֶּער נִישְׁט, פִיר מֵיין כָּבוֹד וֶועגֶען. אִיךְ טוּהֶע אֵייךְ רַאטְהֶען, דַאס אִיהְר זָאלְט בֶּעסֶער אָבְּלַאסֶען פָאן דֶעם גֶאטְלִיכֶען מַאן דָנִיאֵל, דֶען עֶר אִיזְט אֵיין יוּד, אוּנְד אֵיין פָארְכְטְבַּארֶער מַאן. זָאנְסְט, וֶוערְד אִיהְר אֵיין שְׁלַאכְטֶען סוֹף אֵיינְנֶעמֶען: דִיא אַלֶלֶע שָׂרִים הָאבֶּען אָבֶּער גָאר נִישְׁט גֶעאַכְטֶעט, אוֹיף דִיא עֵצָה פָאן מֶלֶךְ. נָאר אַלֶלֶע הָאבֶּען פֶעסְט גֶעהַאלְטֶען אַן דָנִיאֵל, אִיהְם צוּ פִיהְרֶען צוּ דִיא לֶעוֶוען גְרִיבּ. פָאן דִיא אַלֶלֶע שָׂרִים הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעטְרָאפֶען אֵיינֶער, וָואס הֶעט זָאלֶען

אֵיין גוּטֶעס וָוארְט רֵיידֶען פִיר דָנִיאֵל. אוֹיסֶער וָואס
דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין, וָואס הָאט גוּטֶעס גִירֶעדְט אוֹיף דָנִיאֵל.
אוּנְד דֶער מֶלֶךְ הָאט בֶּעקֵיין אוֹפֶן גֶעוָואלְט מַסְכִּים
זַיין, צוּ זַייא; דָאס דָאזִיגֶע הָאט אַזוֹ גֶעדוֹיעְרְט בִּיז פַאר
נַאכְט; וִויא דִיא שָׂרִים הָאבֶּען גִיזֶעהֶן, דַאס דֶער רָצוֹן
פָאן מֶלֶךְ אִיזְט נָאר דֶעם דָנִיאֵל מַצִיל זַיין פָאן דִיא
גְזֵירָה. הָאבֶּען אַלֶע גֶעזָאגְט צוּם מֶלֶךְ, זָאלְסְט וִויסֶען,
וֶוען דִיא וֶוערְסְט אוּנְס נִישְׁט אִיבֶּער עֶנְפֶּערֶן דֶעם
דָנִיאֵל, אַזוֹ וֶועלִין מִיר אַלֶע וִויסֶען, דַאס דִיא אַלֵיין
הָאסְט פַארְשְׁטֶעהְרְט, דַאס גִיזֶעטְץ פָאן (פָּרַס וּמָדַי);
הָאט דֶער מֶלֶךְ פַארְשְׁטַאנֶען, דַאס אַלֶע זַיינֶע שָׂרִים,
הָאבֶּען זִיךְ אֵיין בּוּנְד גֶעמַאכְט, אַן אִיהְם מוֹרֵד צוּ זַיין,
אַזוֹ הָאט עֶר אִיבֶּער עֶנְפֶּערְט אִין זַייעֶר הַאנְד דֶעם
דָנִיאֵל, אוּנְד הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט. זָאגְט נָאר מִיר,
וָואס וֶוערְד זַיין, וֶוען דֶער גָ׳ פָאן דָנִיאֵל, וֶוערְד אִיהְם
רֶעטְטֶען פָאן דִיא לֶעוֶוען, וִויא וֶוערְד אִיהְר קֶענֶען
פַארְבָּארְגֶען עֶנְקֶערֶע (חַרְפּוֹת), אוּנְד עֶנְקֶער שַׁאנְד?.
פַארְוָואהְר אִיהְר אַלֶע וֶוערְד דָאךְ, שְׁטָאטְץ אִיהְם,
אִין דִיא לֶעוֶוען גְרִיבּ גֶעוָוארְפֶען וֶוערְדֶען. אַזוֹ הָאבֶּען
אַלֶע גֶעאַנְטְוָוארְט דֶעם מֶלֶךְ, גוּט אִיזְט, מִיר טוּהֶען
אוֹיף דִיזֶען אֵיינְשְׁטִימֶען; נָאךְ דֶעם הָאט דֶער מֶלֶךְ
גֶעזָאגְט צוּ דָנִיאֵל, זֶעהֶע וִויא אַלֶע שָׂרִים, הָאבֶּען זִיךְ
פַארְזַאמֶעלְט אוֹיף דִיר, דִיךְ אִין דִיא לֶעוֶוען גְרִיבּ צוּ
וַוארְפֶען, אוּנְד דֶער גָ׳ פָאן הִימֶעל, וָואס הָאט אִין דִיר

גיגעבען דעם הייליגען גייסט, זאל פאו שי׳סען נ אט
מויעל פאן דיא לעווען: אונד איך בין גאנץ ריין, פאר
ג׳ בייא דעם. דען איך האב גענוג מיהע איינגיווענט,
דיך צו רעטען, אונד האב נישט גיקענט אויספיהרען:

נאך דעם זענען אללע שרים שנעל געלויפען מיט
דעם דניאל, ביז צו דיא לעווען גריב, אונד האבען
איהם אין דיא גריב ארונטער געלאסען: אין דיא גריב
וואַרען צעהן גראסע לעווען. גיוועהנליך, האט מען
פאר זייא יע־ען טאג געווארפען צעהן שאף צום עסען,
אונד אן דעם טאג, האט מען פאר זייא גאר קיין
עסען גיגעבען, כדי זייא זעהר אויסצוהינגערין. וויא
דניאל איזט אין דיא גריב געקאמען, האבען איהם
דיא אללע צעהן לעווען ארום גערינגעלט, מיט זעהר
איין פריינדליך פנים, אונד האבען זיך מיט איהם אזו
געפרייט, אזו וויא איין הונד, וואס פרייט זיך מיט זיין
הערן אין דיא צייט וואס ער קאמט פאן גאס צו געהן:
אונד וואס גישעהן איזט מיט דעם דניאל אין דיא
לעווען גריב, האט נימאנד גיזעהן, ווייל דיא גריב וואר
טיהף אין דיא ערד: דיא שרים האבען פארדעקט דיא
גריב מיט איין גראסען שטיין, אונד דער מלך האט
פאר התמת דיא גריב מיט זיין חותם, אונד מיט דעם
חותם, פאן אללע שרים: נאך דעם זענען אללע שרים
פאן דארט נעגאנגען, אונד דניאל, האט דיא גאנצע
נאכט געלויבט, אונד געזינגען מיט גראסע שבחים צו

זַיין ג׳. אוּנְד דִיא אַלְלֶע לֶעוֶוען, זֶענֶען אַזוֹ גִיזֶעסֶען רִינְגְס אַרוּם, אוּנְד הָאבֶּען צוּגִיהֶערְט וִויא דֶער דָנִיאֵל זִינְגְט: דֶער מֶלֶךְ אִיזְט אִין זַיין הויז גֶעקָאמֶען, זֶעהְר טְרוֹירִיג, מִיט זֶעהְר אַיין פַארְבִּיטֶערְט הַארְץ, אוּנְד הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶסֶען, אוּנְד נִישְׁט טְרִינְקֶען, אוּנְד אוֹיךְ קֵיין שׁוּם אוּנְטֶערְהַאלְט, אִיזְט פַאר אִיהְם פָארְ-גֶעקָאמֶען. אוּנְד עֶר הָאט אֲפִילוּ זֵיינֶע קְלֵיידֶער נִישְׁט פָאן זִיךְ אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען, דִיא גַאנְצֶע נַאכְט. אוּנְד הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גִיקֶענְט שְׁלָאפֶען. נָאר דִיא גַאנְצֶע נַאכְט, הָאט עֶר נָאר גֶעהוֹיפְּט, דַאס עֶס זָאל שָׁאהְן טָאג וֶוערִין, צוּ זֶעהֶן, וָואס דֶער גָ׳ פָאן דָנִיאֵל, הָאט צוּ אִיהְם גֶעטוּהֶען, אוֹיבּ עֶר הָאט אִיהְם גִירֶעטֶעט פָאן דִיא לֶעוֶוען, אוּנְד אוֹיבּ נִישְׁט:

אִין דִיא צַייט וָואס דָנִיאֵל וַואר אִין דִיא לֶעוֶוען גְרִיבּ, אִיזְט דֶער נָבִיא (חֲבַקוּק) גְוֶועזֶן אִין לַאנְד יְהוּדָה, זֶעהְר וַוייט עֶנְטְפֶערְנְט פָאן דָנִיאֵל. הָאט (חֲבַקוּק הַנָבִיא) גֶעטְרָאגֶען אַיין מָאהְלְצַייט אִין פֶעלְד אַרֵיין, פִיר זַיינֶע אַרְבֵּייטֶער, וָואס הָאבֶּען פִיר אִיהְם גֶעשְׁנִיטֶען דִיא תְּבוּאָה. הָאט גָ׳ גֶעזָאגְט צוּ (חֲבַקוּק), גֶעהֶע מִיט דֶעם עֶסֶען אִין דֶען לַאנְד כַּשְׂדִים, צוּ מֵיין קְנַאכְט דָנִיאֵל, עֶר אִיזְט אַצִינְד אִין אֵיינֶע לֶעוֶוען גְרִיבּ: הָאט חֲבַקוּק גֶעזָאגְט, אוּנְד וֶוער וֶוערְד מִיךְ דָארְט אַהִין פִיהְרֶען ?. דֶער וֶועג דָארְט אַהִין, אִיזְט דָאךְ זֶעהְר וַוייט פָאן דַאנֶען ?. אַזוֹ אִיזְט צוּ אִיהְם גֶעקָאמֶען צוּ פְלִיהֶען אֵיין

מַלְאָך פָאן הִימֶעל, אוּנְד הָאט בֶּעגְרִיפֶען אַן דִיא הַאַר פָאן זַיין קָאפְּף, אוּנְד הָאט אִיהְם אִין אֵיין אוֹיגֶענְבְּלִיק אַהִין גֶעטְרָאגֶען, צוּ דִיא גְרִיבּ, אוּנְד הָאט אִיהְם אִין דִיא לֶעוֶוען גְרִיבּ הֶערְאַבּ גֶעלַאסְט, מִיט דֶעם עֶסֶען. אַזוֹ הָאבֶּען בֵּיידֶע, חֲבַקוּק מִיט דָנִיאֵל צוּזַאמֶען גִיגֶעסֶען. אוּנְד הֶערְנַאך הָאט דֶער מַלְאָך דֶעם חֲבַקוּק פָאן דִיא גְרִיבּ הֶערוֹיסגֶענָאמֶען, אוּנְד הָאט אִיהְם צוּרִיק גֶעטְרָאגֶען אוֹיף זַיין עֶרְשְׁט אָרְט:

צוּ מָארְגֶען, וִויא עֶס אִיז נָאר טָאג גֶעוָוארִין, הָאט דֶער מֶלֶך זִיך גֶעאֵיילְט צוּ לוֹיפֶען צוּ דִיא לֶעוֶוען גְרִיבּ. הָאט עֶר גִיהֶערְט דַאס קוֹל פָאן דָנִיאֵל, וִויא עֶר זִינְגְט, אוּנְד לוֹיבְּט צוּ זַיין גָ'. הָאט דֶער מֶלֶך נִישְׁט גֶעקָאנְט אֵיין וָוארְט רֵיידֶען, מַחֲמַת דַאס גְרָאס גֶעוֵויין, וָואס עֶר הָאט גֶעוֵוינְט. הֶערְנַאך הָאט דֶער מֶלֶך גֶערוּפֶען מִיט אֵיין וֵויינֶענְדֶע שְׁטִימֶע, דָנִיאֵל, דָנִיאֵל, הָאט דִיך דֵיין גָ' גִירֶעטֶעט פָאן דִיא לֶעוֶוען ? אוּנְד בִּיזְט דִיא נִישְׁט פַארְצִיקְט וָוארְדֶען פָאן דִיא לֶעוֶוען ?. הָאט דָנִיאֵל אִיהְם גֶעאַנְטְוָוארְט, יָא מֵיין הֶערְר. מֵיין גָ' הָאט פַארְשְׁלָאסֶען דָאס מוֹיעֶל פָאן דִיא לֶעוֶוען, אוּנְד זֵייא הָאבֶּען זִיך מִיט מִיר נָאך גֶעפְרֵייט: אַזוֹ הָאט דֶער מֶלֶך תֵּיכֶּף גֶעשִׁיקְט אוּם דִיא אַלְלֶע שָׂרִים, דִיא אַלְלֶע פֵיינְדֶע פָאן דָנִיאֵל. זֶענֶען אַלְלֶע גֶעקָאמֶען צוּם מֶלֶך. אוּנְד דֶער מֶלֶך אִיזְט גֶעשְׁטַאנֶען בֵּייא דִיא גְרִיבּ. הָאט דֶער מֶלֶך צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, שׁוֹיעֶט אַן, אוּנְד

עֶרְקֶענְט, אוֹיבּ דַאס אִיזְט דֶער זֶעלְבֶּער חוֹתָם פָאן אֵייךְ,
וָואס אִיהְר זֶעלְבְּסְט הָאט פַארְזִיגֶעלְט דִיא גְרִיבּ, מִיט
עֶנְקֶרֶע הֶענְדִי הָאבֶּען אַלֶּע גֶעזָאגְט, אַזוֹ וִויא מִיר
הָאבֶּען עֶס פַארְזִיגֶעלְט, אַזוֹ אִיזְט עֶס: נָאךְ דֶעם הָאט
דֶער מֶלֶךְ גֶעבָּאטֶען אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דֶעם שְׁטֵיין פָאן
דִיא גְרִיבּ. אוּנְד מֶען הָאט דֶעם דָנִיאֵל פָאן דִיא גְרִיבּ
הֶערוֹיס גֶעצוֹיגֶען. הָאט מֶען גִיזֶעהֶן, דַאס עֶס וַואר
אַן אִיהְם קֵיין שׁוּם פַארְדַארְבּוּנְג. אַזוֹ הָאבֶּען זִיךְ אַלֶּע
מֶענְשֶׁן דַארִיבֶּער זֶעהְר פַארְוְוִינְדֶערְט, אוּנְד אַלֶּע
הָאבֶּען אוֹיס גֶעשְׁרִיגֶען, עֶס אִיזְט נִישְׁט פַארְהַאנְדֶען,
נָאךְ אַזוֹ גָ׳, וִויא דֶער גָ׳ פָאן דָנִיאֵל: נָאךְ דֶעם הָאט
דֶער מֶלֶךְ גֶעבָּאטֶען, דִיא אַלֶּע שָׂרִים דִיא פֵיינְדֶע פָאן
דָנִיאֵל, אִין דִיא זֶעלְבֶּע גְרִיבּ אַרֵיין צוּ וַוארְפֶען. דַאס
אִיזְט אַזוֹ גִישֶׁעהְן, אוּנְד בֶּעפָאהְר זַייא וַוארֶען אַן
בּוֹידֶען פָאן דִיא גְרִיבּ, זֶענֶען דִיא אַלֶּע צֶעהְן לֶעוֶוען,
זַייא עֶנְטְגֶעגֶען גֶעשְׁפְּרִינְגֶען, אוּנְד הָאבֶּען זַייא פַארְ-
צִיקְט מִיט אֵיין מָאהְל, אוּנְד אֲפִילוּ דִיא בֵּיינֶער פָאן
זַייא, הָאבֶּען זַייא צוּבְּרָאכֶען, מֵחֲמַת דֶעם גְרָאסֶען
הוּנְגֶעַר וָואס זַייא הָאבֶּען גֶעהַאבְּט, וָואס הָאבֶּען
שָׁאהְן צְוֵוייא גַאנְצֶע (מֵעֵת לָעֵת) נִישְׁט גֶעהַאבְּט גִיגֶעסֶן.
אוּנְד דַאס גֶעשְׁרֵייא, אוּנְד גֶעבְּרִיל, פָאן דִיא לֶעוֶוען,
אִיזְט גִיהֶערְט וָוארְדֶען זֶעהְר וֵוייט. וָואס דַאדוּרְךְ אִיזְט
אֵיין גְרָאס שְׁרֶעק גֶעוָוארְדֶען אִין דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט.

וואס

וָואס מֶען הָאט גֶעדַאכְט, דַאס דִיא לֶעוֶוען זֶענֶען פָאן דִיא גְרִיבּ גֶעלוֹיפֶען: הֶערְנַאךְ אִיזְט דֶער מֶלֶךְ מִיט דָנִיאֵל, אִין זַיין קֶענִיגְלִיכֶען פַּאלַאסְט גֶעגַאנְגֶען, אוּנְד דַאס גְרָאסֶע נֵס פָאן דָנִיאֵל, אִיזְט בֶּעוְוִיסְט וָוארְדֶען אוֹיף דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט:

נָאךְ דֶעם הָאט דֶער מֶלֶךְ דָרְיָוֶשׁ בְּרִיפֶע גֶעשְׁרִיבֶּען, צוּ אַלְלֶע פֶעלְקֶער, אוּנְד שְׁפְּרַאכֶען, וָואס וָואהְנֶען אִין זַיינֶע לֶענְדֶער. פָאן מִיר דֶער קֶענִיג דָרְיָוֶשׁ, גֶעהְט הֶערוֹיס אַיין גִיזֶעטְץ. דַאס אַלְלֶע קֶענִיגֶע, אוּנְד אוֹיךְ אַלְלֶע מֶענְשֶׁן, זָאלִין צִיטֶערֶען אוּנְד אַנְגְסְטֶען, פַאר דֶעם גָ׳ פָאן דָנִיאֵל. דֶען עֶר אִיזְט דֶער עֶווִיגֶער גָ׳, וָואס זַיין קֶענִיגְרַייךְ אִיזְט בִּיז אִין דִיא עֶווִיגְקֵייט. אוּנְד אִין זַיין מַאכְט אִיזְט צוּ רֶעטְטֶען, אוּנְד צוּ בֶּעשִׁיטְצֶען, אוּנְד צוּ טוּהֶען גְרָאסֶע וְוִינְדֶער, אִין הִימֶעל, אוּנְד אוֹיף דִיא עֶרְד. אַזוֹ ווִיא אִיךְ זֶעלְבְּסְט הָאבּ מִיט מַיינֶע אוֹיגֶען גִיזֶעהֶן, וויא עֶר הָאט גִירֶעטֶעט זַיין טְרֵייעֶן קְנַאכְט דָנִיאֵל, פָאן דִיא לֶעוֶוען: נָאךְ דִיזֶען אִיזְט דָנִיאֵל נָאךְ גְרֶעסֶער אוּנְד חָשׁוּבֶר גֶעוָוארִין אִין דֶעם גַאנְצֶען קֶענִיגְרַייךְ פָאן דָרְיָוֶשׁ, אוּנְד אִין דֶעם קֶענִיגְרַייךְ פָאן כּוֹרֵשׁ פָאן פָּרָס:

פרק ו׳.

(א)

נָאךְ דֶעם וָואס דָנִיאֵל אִיזְט גִירֶעטֶעט וָוארְדֶען פָאן דִיא לֶעוֶוען גְרִיבּ, הָאט דֶער מֶלֶךְ דָרְיָוֶשׁ בְּרִיעֶף

גֶעשְׁרִיבֶּען אִין אַלְלֶע זֵיינֶע לֶענְדֶער, וֶועלְכֶער יוּד וָואס זֵיין הַארְץ טוּט אִיהְם בֶּעווִילְלִיגֶען, אַרוֹיף צוּ גֶעהֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, צוּ עֶרְבּוֹיעֶן דַאס (בֵּית הַמִּקְדָּשׁ) גָא"ס הויז. קַאן פְּרַאנְק אוּנְד פְרֵייא אַרוֹיף גֶעהֶען, גַאנְץ אוּנְגֶע-הִינְדֶערְט. אוּנְד אִיךְ וֶוערְדֶע פָאן מֵיינֶע אוֹצְרוֹת גָאלְד אוּנְד זִילְבֶּער גֶעבֶּען, ווִיא פִיעל מֶען וֶוערְד נָאר בְּרוֹיכֶען צוּ דִיא הֵיילִיגֶע בּוֹי. בִּיז צוּם פַארְפַארְטִיגֶען: אוּנְד דֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבֶּען, צוּ אַלְלֶע פִירְשְׁטֶען, אוּנְד הַארְשֶׁער פָּאן זֵיין לַאנְד, דַאס זֵייא זָאלִין בֵּייא הִילְפִיג זֵיין, צוּ דִיא יוּדֶען, מִיט אַלְלֶעס וָואס זֵייא וֶועלִין נָאר דַארְפֶען. פָּאן הָאלְץ, אוּנְד שְׁטֵיינֶער, אוּנְד אוֹיךְ פָאן לֶעבֶּענְסְמִיטֶעל, פִיר דִיא אַרְבֵּייטֶער. פָאן וֵוייטְץ, אוּנְד עֶהְל, אוּנְד וֵויין, אוּנְד אוֹיךְ זֵייא צוּ גֶעבֶּען צוּם אָפְּפֶערֶען קָרְבָּנוֹת. פָאן שְׁטִירֶען, אוּנְד ווִידֶער, אוּנְד שַׁאף. אוּנְד עֶס זָאל זִיךְ נִימַאנְד וַואגֶען, זֵייא עֶפֶּעס צוּ הִינְדֶערֶען: אַזוֹ הָאבֶּען זִיךְ פַארְזַאמֶעלְט פִירְצִיג טוֹיזֶענְט מַאן, פָּאן דִיא יִשְׂרָאֵל, אוּנְד דִיא הוֹיפְּט לֵייט פָּאן זֵייא וַוארֶען, (עֶזְרָא הַסּוֹפֵר), אוּנְד (אֶלְיָקוּם הַכֹּהֵן), (יְהוֹשֻׁעַ), אוּנְד (מָרְדְּכַי), אוּנְד אוֹיךְ דִיא אַלְלֶע גְרָאסֶע אוּנְד חֲשׁוּבֶע לֵייט פָאן שֵׁבֶט יְהוּדָה, וּבִנְיָמִין. זֶענֶען דִיא אַלְלֶע גֶעקָאמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, אוּנְד הָאבֶּן אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ אַרְבֵּייטֶען דִיא פוּנְדֶעמֶענְטֶען פָאן גָא"ס הויז:

ווִיא דִיא (שׂוֹנְאִים שֶׁל יִשְׂרָאֵל), הָאבֶּן דַאס גִיזֶעהֶען, אַזוֹ הָאבֶּן (סַנְבַּלָּט, אוּנְד טוֹבִיָּה הָעַמּוֹנִי, וְגֶשֶׁם הָעַרְבִי),

מְסִירוֹת גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף דִיא יוּדֶן צוּם מֶלֶךְ פָּרָס. אוּנְד אַזוֹ וַואר דָארְט גֶעשְׁרִיבֶּען׃ מִיר דֵיינֶע טְרֵייעֶ אוּנְטֶער־טַאנֶע, מַאכֶען דִיךְ אוֹיפְמֶערְקְזַאם אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ, דַאס וֶוען דִיא שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם זָאל צוּרִיק עֶרְבּוֹיעֶט וֶוערְדֶן, דוּרְךְ דִיא יוּדֶן, אַזוֹ וֶוערְד דַאס דָאזִיגֶע זֵיין זֶעהְר אֵיין גְרָאס שְׁטְרוֹיכְלִינְג. אוּנְד אוֹיךְ זֶעהְר נַאכְטְהֵיילִיג פִיר דַאס גַאנְצֶע קֶענִיגְרֵייךְ׃ דֶען פָאן לַאנְגֶע צֵייטֶען, וַוארֶען דִיא מֶענְשֶׁן פָאן דִיא שְׁטָאט, זֶעהְר שְׁטַארְק, וָואס הָאבֶּען פַארְטִילְלִיגְט, אוּנְד פַארְנִיכְטֶעט, פִיעֶל קֶענִיגֶע, מִיט זֵייעֶרֶע לֶענְדֶער. אוּנְד דַאדוּרְךְ, הָאט דֶער מֶלֶךְ נְבוּכַדְנֶצַר דִיא שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם בֶּעלַאגֶערְט, בִּיז עֶר הָאט זִיא פַארְוִויסְט. אוּנְד הָאט דַאס גַאנְצֶע פָאלְק פָאן דָארְט פַארְטְרִיבֶּען, אִין פְרֶעמְדֶע לֶאנְדֶער אַרֵיין. אוּנְד זֵייט דַאמַאהְלְס, הָאבֶּען עֶרְשְׁט אַלְלֶע מְלָכִים מְנוּחָה, אוּנְד אֵיין יֶעדֶער לֶעהְבְּט בֶּערוּהִיגְט אוֹיף זֵיין אָרְט׃ אַצִינְד אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ, הָאבֶּען מִיר אוּנְס שׁוּלְדִיג גֶעפִינֶען, דִיךְ אוֹיף דִיזֶען אוֹיפְמֶערְקְזַאם צוּ מַאכֶען, זָאנְסְט קָאן דֵיין גַאנְץ קֶענִיגְרֵייךְ צֶערְשְׁטֶערְט וֶוערְדֶען׃ וִויא דֶער בְּרִיעף אִיזְט אַנְגֶעקָאמֶען צוּם מֶלֶךְ, אַזוֹ אִיזְט דַאדוּרְךְ דִיא בּוֹיא פָאן גָא״ס הוי״ז צֶערְשְׁטֶערְט וָוארְדֶען. בִּיז דַאס צְווייטֶע יָאהְר פָאן דָרְיָוֶשׁ הַשֵּׁנִי׃

(ב)

וִויא דֶער צְווייטֶער מֶלֶךְ דָרְיָוֶשׁ הָאט גֶעקִינִיגְט, הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיפְרֶעגְט, אוֹיף דֶעם דָנִיֵאל, אוּנְד הָאט

אִיהְם גֶעלָאזְט פַאר זִיךְ בְּרֶענְגֶען. אַזוֹ הָאט דֶער מֶלֶךְ בַּייא אִיהְם גֶעפִינֶען פִיעֶל מֶעהְר חָכְמָה, אוּנְד ווִיסֶענְ־שַׁאפְט, קֶענֶען ווָאס מֶען הָאט אִיהְם, פָאן אִיהְם עֶרְצֶעהְלְט. הָאט דֶער מֶלֶךְ זִיךְ מִיט אִיהְם זֶעהְר גֶעפְרֵייט, אוּנְד הָאט אִיהְם זֶעהְר לִיעֶב בֶּעקָאמֶען, אוּנְד הָאט אִיהְם גֶעמַאכְט פַאר דֶעם (שֵׁנִי לַמֶּלֶךְ), אַזוֹ ווִיא עֶר ווַאר פְרִיעֶר בֵּייא דֶעם עֶרְשְׁטֶען מֶלֶךְ דָרְיָוֶשׁ:

ווִיא עֶס אִיז גֶעקָאמֶען דֶער פֵייעֶרְטַאג פָאן זֵייעֶר (עֲבוֹדָה זָרָה בֵּל), הָאט דֶער מֶלֶךְ זֶעלְבְּסְט פָארְגֶעבְּרֵייט דִיא פְּרָאזֶענְט, ווָאס מֶען פְלֶעגְט עֶס טֶעגְלִיךְ צוּ בְּרֶענְגֶען פַאר דִיא (ע"ז בֵּל). אוּנְד דַאס ווַאר דִיא פְּרָאזֶענְט! אֵיין שְׁטִיעֶר„ אוּנְד צֶעהְן ווִידֶער הוּנְדֶערְט שַׁאף„ הוּנְדֶערְט טוֹיבֶּען„ אוּנְד זִיבְּצִיג צֶענְטְנֶער פֵיין גֶעבַּאקִינֶעס בְּרָאד„ אוּנְד צֶעהְן לוֹגֶעל מִיט ווַיין„ דַאס דָאזִיגֶע ווַאר דַאס עֶסֶען פָאן דִיא (ע"ז בֵּל) טַאג טֶעגְלִיךְ:

הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעזָאגְט צוּ דָנִיאֵל, ווֶער ווָאלְט גֶעבֶּען, דַאס דִיא הֶעסְט ווָאלֶען אַנְנֶעמֶען דֶעם שְׁטַארְקֶען גָ' (בֵּל), פִיר אֵיין גָ', ווָאס אַזוֹ פִיעֶל עֶסֶען טוּט עֶר טַאג טֶעגְלִיךְ פַארְצֶעהְרִין: הָאט דָנִיאֵל גֶעאַנְטְווָארְט דֶעם מֶלֶךְ, לָאס דִיךְ נִישְׁט אָבְּרֵיידֶען פָאן מֶענְשֶׁן, דַאס דָאס אַלֶעס טוּט דֶער (בֵּל) פַארְצֶעהְרִין, פַארְוָואהְר דֶער גַאנְצֶער (בֵּל) אִיזְט לוֹיטֶער נַארְהֵייטֶען, עֶר הָאט דָאךְ קֵיין לֶעבֶּענְדִיגֶען גֵייסְט אִין זִיךְ. אוּנְד עֶר אִיזְט דָאךְ נָאר גֶעמַאכְט ווָארְדֶען פָאן מֶענְשֶׁן. אוּנְד

וויא זאל ער קענען עפּעס עסען, אָדער טרינקען? נאָר דיא (כּהנים) גייסטליכע פאָן דאָרט, טוהען דאס אַללעס יעדען טאָג אויף עסען; ווען דיא אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ וויקסט אין מיינע הענד איבּערגעבּן. דיא גייסטליכע פאָן (בּל), אַזוֹ וועל איך עס דיר אויפענבּארען, דאס דאס אַללעס עסען וואס ווערד יעדען טאָג פאַר דעם בּל נידער גילעהגט, טוהען דיא גייסטליכע פאַרצעהרין, אָבּער נישט דער בּל. אונד ווערסט דיך בּעצייגען וויא דיא גייסטליכע טוהען דיך מיט לויטער ליגענד בּעריכטען. אונד טוהען נאָך דאס גאַנצע פאָלק פאַרפיהרען, צו גלויבּען אַן אַזוֹ לעהרע, אונד וויסטע זאַך; האט דער מלך צו איהם געזאָגט, גוט איזט, ווען דיא אומשטאנד בּיזט, דאס דאזיגע צו אויפענבּארען, פאָן זייער פאלטשקייט, ווער איך נאָך זעהר צופרידען. האט דניאל געלאָזט פאַרשליסען אַללע טוהרען פאָן דעם הויז וואָס דער בּל דאָרט וואַר. נאָר דאס איינע טוהר וואס דער מלך דאָרט דורך געהט, וואַר נישט פאַר-שלאָסען. דאן האט דניאל געלאָזט בּרענגען אַש פאָן אויפען, אונד האט עס פאַרשפּרייט אויף דעם פוסבּאָדען רינגס אַרום בּייא דעם בּל. אונד נימאנד האט פאָן דיזען געוויסט, אויסער דער מלך. אונד דער מלך זעלבּסט האט פאַרזיגעלט אַללע טוהרען, מיט זיין זיגעל, אונד מיט דעם זיגעל פאָן דניאל. אונד דניאל איזט צוזאמען מיט דעם מלך, אין מלך'ס הויז געגאנגען,

אונד האט דארט איבערנעכטיגט. צו מארגען פריה האט דער מלך גערופען דעם דניאל, צו געהן אין הויז פאן (בל), זיך צו איבערצייגען, וואס געשעהן איזט, מיט דיא פראזענט פאן אזו פיעל עסען, וואס ער האט געסטערן נידער גילעהגט פאר דעם בל. וויא זייא ווארען ביא דיא טוהר, האט דער מלך געזאגט צו דניאל, בעטראכט גוט, אויב עס איזט עטוואס איין פאלטשקייט געשעהן אן אונזער זיגעל? האט דניאל געאנטווארט, עס איזט אין דיא ארדענונג. וויא ביידע זענען אין צימער געקאמען, ווארן דער טיש וואס ווער פאר דעם (בל), גאנץ לעהר. אזו איזט דער מלך געפאללען אויף זיין אנגעזיכט, אונד האט נידער געקניעט פאר דעם בל, אונד האט געזאגט, עס איזט נישט פארהאנדען נאך אזו שטארקער גאט, וויא דער בל איזט: האט דניאל געזאגט צום מלך, מיין קעניג! שויע נאר גוטיגסט אויף דעם פוסבוידען, וואס עס ווער געסטערן גאנץ פארדעקט מיט אש, אזו ווערסט זעלבסט זעהן אונד ערקענען, דיא צייכען פאן דיא טריט, פאן פיעל מענשן, אונד פאן קינדער, וואס האבען הערום געמרעטען אויף דעם אש. דאס האסט שאהן דעם בעווייז, ווער דאס עסען פארצעהרט האט. קיין אנדערער, נאר דיא דינער פאן (בל): אזו האט דער מלך פאר זיך געלאזט רופען דיא זיבען גרעסטע גייסטליכע, אונד האט צו זייא געזאגט, ווען איהר

װערד מיר נישט זאָגען דעם װאַהרען אֶמֶת, װאָס גישעהן איזט מיט דעם עסען, אַזוֹ װערד איהר געטײט װערדען. אונד מַחֲמַת גראָס פַּחַד, האָבען זייא פאָן דיא גאַנצע זאַכע געזאָגט פאַר דעם מֶלֶךְ, אונד האָבען דעם מֶלֶךְ געװיזען דעם איינגאַנג פאָן דיא העלע, װאָס װאַר אונטערערדיש, אַזוֹ האָט מען דאָרט געטראָפען פיעל מענשען אונד פרויען מיט קינדער. דיא פאַמיליען פאָן דיא גייסטליכע אַזוֹ װאַר שאָהן דעם מֶלֶךְ, קיין װינדער מעהר, װיא דאַס אַזוֹ פיעל עסען יעדען טאָג אַהין קאָמט; נאָך דעם האָט דער מֶלֶךְ געבאָטען, צוּ פאַרװיסטען, אונד צוּ פאַרניכטען, דיא גאַנצע געבייֹדע פאָן (בֵּל):

אין דיא צייטען איזט װידער גיװעזען איין אַנדערער אָבגאָט, װאָס אַללע מענשען פאָן שטאָט האָבען געדינט צוּ איינע קראָקאָדילל, װאָס דיא קראָקאָדילל איזט בישטענדיג גיזעסען אין איינע העלע. אונד יעדען טאָג זענען צוגעקאָמען פיעל מענשען צוּ דיא העלע, אַזוֹ איזט דיא קראָקאָדילל פאָן דיא העלע געקאָמען, אַזוֹ האָבען זייא פאַר איהם פיעל עסען געװאָרפען, אונד אין איינינגע מינוטען האָט עס דיא קראָקאָדילל איינ-געשלינגען; האָבען דיא שָׂרים געזאָגט צוּם מֶלֶךְ, װאָרוּם טוּט דָנִיאֵל נישט קריגען, אויף דעם דאָזיגען שטאַרקען גאָט. לאָס דער מֶלֶךְ איהם איינרעדען, צוּ פּראָבירען אויב ער װערד צוּ איהם קענען טוּהען, אַזוֹ

וְויא עֶר הָאט גֶעטוּהֶען צוּם בֵּל: הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעזָאגְט
צוּ דָנִיאֵל, וָואס זָאגְסְט דִיא יֶעצְט צוּ דִיזֶען שְׁטַארְקֶען
גָאט, פִילְלֵייכְט קָאנְסְט דִיר אֵיינְרֵיידֶען, אִיהְם אוֹיךְ צוּ
פַארְשְׁטֶעהְרֶען, אַזוֹ ווִיא דִיא הָאסְט גֶעטוּהֶען צוּם בֵּל?
הָאט דָנִיאֵל גֶעעַנְטְוָוארְט דֶעם מֶלֶךְ, לָאס דֶער מֶלֶךְ
זִיךְ נִישְׁט לַאסֶען אָבְּפִיהְרֶען פָאן אֶמֶת, צוּ הַאלְטֶען
דִיא קְרָאקָאדִילְל פַאר אֵיין גָ׳. עֶר אִיזְט דָאךְ נָאר אֵיינֶע
ווִילְדֶע חַיָה פָאן וַואסֶער, וָואס מִיר מֶענְשֶׁען הָאבֶּען צוּ
גִיוֶועלְטִיגֶען אִיבֶּער אַלְלֶע חַיּוֹת פָאן דִיא וֶועלְט. וֶוען
דָא מֵיין הֶערְר קֶענִיג, ווִילְסְט מִיר עֶרְלוֹיבִּינֶעס גֶעבֶּען,
אַזוֹ וֶועל אִיךְ דֶעם דָאזִיגֶען קְרָאקָאדִילְל, אוֹיךְ פַארְ-
טִילְלִיגֶען. אָהְנֶע שְׁוֶועהְרְט, אוּנְד אָהְנֶע שְׁפִּיס. נָאר
דַאס דֶער מֶלֶךְ זָאל מִיר פַארְזִיכֶערֶען, דַאס דֵיינֶע שָׂרִים,
זָאלְלֶען מִיר קֵיין שְׁלַאכְטֶעס טוּהֶען: הָאט דֶער מֶלֶךְ
צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וֶוען דָא ווִילְסְט דִיר דָאס דָאזִיגֶע
אוּנְטֶערְנֶעמֶען, אַזוֹ גֶעהֶע אוּנְד טוּהֶע וָואס דִיא קָאנְסְט:
ווִיא דִיא שָׂרִים הָאבֶּען דָאס פָאן דֶעם עֶרְפַאהְרֶען, הָאבֶּען
זֵייא זִיךְ זֶעהְר גֶעפְרֵייט, זֵייא הָאבֶּען אַלְלֶע גֶעזָאגְט,
יֶעצְט וֶוערְד זֵיין שְׁטוּרְמְץ קָאמֶען: הָאט דָנִיאֵל גֶעלָאזְט
מַאכֶען פִיעֶל אֵייזֶערְנֶע קֶעם, מִיט פִיעֶל שַׁארְפֶע שְׁפִּיטְצֶען,
אוּנְד הָאט דִיא קֶעם הֶערוּם גֶעקְלֶעהְבְּט מִיט פֶּעטְךְ,
אוּנְד הָאט נָאךְ דַאצוּ גֶענָאמֶען, זָאלְבֶּע שְׁטָאפֶּען פָאן
שְׁפֶּעפֶּל, בִּיז דִיא צֵייהְן זֶענֶען נִישְׁט מֶעהְר גִיזֶעהֶן
וָוארְדֶען. אוּנְד מִיט דִיזֶען אִיזְט דָנִיאֵל צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ

דיא הֶעלֶע, אוּנְד הָאט עֶס נִידֶער גֶעוָוארְפֶען פַאר דִיא קְרָאקָאדִילְל. אוּנְד אִין אֵיין אוֹיגֶען בְּלִיק וַואר עֶס פַארְשְׁלוּנְדֶען. וִויא דַאס דָאזִיגֶע אִיזְט אִין זֵיינֶע גִידֶערְמֶע גֶעקָאמֶען, אַזוֹ אִיזְט דַאס פֶּעמְץ פַארְצֶעהֶרְט וָוארְדֶען, אַזוֹ הָאבֶּען דִיא אֵייזִירְנֶע שְׁפִּיטְצֶען גֶעלַאכֶערְט דִיא גִידֶערְמֶע פָאן דֶעם קְרָאקָאדִילְל. אוּנְד אַם צְוֵוייטֶען טָאג אִיזְט עֶר גִילֶעהֶגֶן טוֹהְט. אַם דְרִיטֶען טָאג זֶענֶען גֶעקָאמֶען דִיא כַּשְׂדִים, צוּ דִיא הֶעלֶע, הָאבֶּען זַייא גֶעפִיהְלְט זֶעהְר אֵיין (רֵיחַ רַע) אוֹיס דִיא הֶעלֶע גֶעהְן, הָאבֶּען זַייא זִיךְ גֶעשְׁמַארְקְט אִין דִיא הֶעלֶע אַרֵיין צוּ גֶעהְן, הָאבְּן זַייא גֶעטְרָאפֶען לִיגֶען זֵייעֶר שְׁטַארְקֶער גָאט, טוֹהְט, אוּנְד פַארְשְׁטִינְקֶען, אַזוֹ וִויא יֶעדֶע נְבֵילָה; הָאט דַאס דָאזִיגֶע זֶעהְר גִיקְרֶענְקְט, דִיא אַלְלֶע שָׂרִים פָאן מֶלֶךְ. זֶענֶען דִיא אַלְלֶע צוּם מֶלֶךְ גֶעקָאמֶען, אוּנְד הָאבֶּען פָאן אִיהְם פַארְלַאנְגְט, זַייא צוּ אִיבֶּער גֶעבֶּן דֶעם דָנִיאֵל, צוּם טֵייטֶען. וַוייל שָׁאהְן דֶעם צְוֵוייטֶען גָאט הָאט עֶר עֶרְשְׁלַאגֶען. אוּנְד וֶוען דֶער מֶלֶךְ וֶועְרד אִיהְם נִישְׁט אוּנְס אִיבֶּערְגֶעבֶּען, אַזוֹ וֶועְרד עֶר אָהְנֶע דֵיינֶע אֵיינְוִוילְלִיגוּנְג גֶעטֵייט וֶוערְדֶען. הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעלָאזְט עֶרְשְׁלַאגֶען דִיא אַלְלֶע וָואס הָאבֶּען זִיךְ קֶעגֶען אִיהְם, אוּנְד קֶעגֶען דָנִיאֵל ווִידֶער גִיזֶעצְט, צוּ שַׁארְפֶער שְׁוֶוערְט׃

דָנִיאֵל אִיזְט אַלְט גֶעוָוארִין, אִיזְט עֶר גֶעקָאמֶען צוּם מֶלֶךְ, אוּנְד הָאט פַאר אִיהְם גֶעזָאגְט, אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ!

איך

איך בין שאהן אַלט, אונד בין שאהן נישט מעהר אַזו קרעפטיג, צו קענען בעוואָרגען דיין דינסט, אונד דאצו טוהען מיך וועהר האַסען דיא פֿאַרשייטע מענשען פֿאן דיין פאלק, וואס דורך זייער האַס, האט מען שאהן מיך איינמאָהל אין דיא לעווען גריב געוואָרפען, אונד אויך יעצט בין איך נישט זיכער מיט מיין לעהבען, דורך דעם גראָסען האַס וואס איך פאן זייא געהאַסט ווערדע, וויל איך האב ערשלאַגען זייערע צוויא פאַלטשע גאטער. אַזו איזט מיין פֿאַרלאַנגען פאן דיר אֲדוני הַמֶלֶךְ, מיך שאהן פאן דיר פֿרייא צו שיקען, צו קענען געהן, אין מיין היימאט, אַזו וועל איך אויף מיין עלטער דינען, מיין ג' פאן מיינע עלטערן, אונ־גישטעהרט: האט דער מלך איהם אויף דיזען געאַנט־וואָרט, וועה ווערד דיך דאס דאזיגע צו הערין, אַזו איינען גאטליכען מאַן וויא דיא ביזט, פאן מיין קעניגרייך אַוועק צו שיקען? אונד וויא קאן איך פיהרען מיין קעניגרייך אָהנע דיר?, אויסער ווען דיא קאנסט, פאר מיר בּרענגען איינ̇ן אַנדערן מאַן, אויף דיינע שטעללע, וואס זאָל אויך אַזו קלוג, אונד פֿאַרשטענדיג זיין וויא דאַ, אונד זאל אויך האבען דעם געטליכען גייסט אין זיך וויא דאַ, דאַמאהלס וועל איך דיך פֿרייא שיקען פאן מיר. אויב וואָהל, דאס איך וויסט גוט, דאס דיין גלייכען איזט נישט צו פינדען. דאך מוס איך דיך בעגנעדיגען, וייל דיא שאהן אַלט ביזט: האט דניאל

וֶועגֶען דִיזֶען דִיא גַאנְצֶע נַאכְט מִתְפַּלֵל גִיוֶועזֶען צוּ גָ׳, אִין דֶער פְּרִיה׳ וִויא עֶר אִיזְט פָאן זַיין הויז גֶעגַאנְגֶען, אִיזְט אִיהְם עֶנְטְגֶעגֶען גֶעקָאמֶען דֶער מַאן (זְרוּבָּבֶל), וָואס עֶר וַואר פָאן דֶעם קֶענִיגְלִיכֶען שְׁטַאם׳ פָאן שֵׁבֶט יְהוּדָה, הָאט דָנִיאֵל דֶעם (זְרוּבָּבֶל) פָארְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר דֶעם מֶלֶךְ. אוּנְד הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דֶעם דָאזִיגֶען מַאן טוּהֶע אִיךְ אִיבֶּער לִיפֶערֶען צוּם מֶלֶךְ, שְׁטָאטְץ מֵיינֶע שְׁטֶעלְלֶע, עֶר קָאמְט הֶערוֹיס פָאן קֶענִיגְלִיכֶען הויז. אוּנְד אִיזְט אוֹיךְ אֵיין הֶעלְדֶער מַאן, וָואס גָ״ס גֵייסְט אִיזְט אִין אִיהְם. הָאט דֶער מֶלֶךְ דַאס דָאזִיגֶע גֶעגְלוֹיבְּט צוּ דָנִיאֵל, אוּנְד הָאט אִיהְם עֶרְלוֹיבִּינֶעס גִיגֶעבֶּען, אִין זַיין הֵיימַאט צוּ גֶעהְן: הָאט דָנִיאֵל זִיךְ גֶעבִּיגְט פַאר דֶעם מֶלֶךְ, אוּנְד דֶער מֶלֶךְ הָאט אִיהְם גֶעהַאלְזְט, אוּנְד גֶעקִישְׁט, אוּנ־ הָאט אִיהְם פִילֶע פְּרָאזֶענְטֶע גִיגֶעבֶּען. דַאן אִיזְט דָנִיאֵל אִין זַיין הֵיימַאט גֶעגַאנְגֶען, אִין דִיא שְׁטָאט (שׁוּשַׁן הַבִּירָה)׳ אוּנְד הָאט דָארְט גֶעדִינְט זַיין גָ׳ זַיינֶע אַלְלֶע לֶעהְבֶּענְס יָאהְרֶען:

פרק ז׳.

דאס נס פאן פורים איזט גישעהן אין יאהר 3403 לברה״ע.

אִין דִיזֶען פֶּרֶק וֶוערְד עֶרְצֶעהְלְט, דִיא גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע
פָאן מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר, מִיט דֶעם מֶלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ:

(א)

*) וַיְהִי! אִין דִיא צֵייט וָואס דֶער מֶלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ

האט

*) כל הפרק הלז נעתק ממגילת אסתר„ ומתרגם יהונתן בן עוזיאל„ ומתרגם שני„

הָאט גֶעקִינִיגְט. דַאס וַואר שָׁאהְן, דַאס זִיבְּצִיגְסְטֶע יָאהְר פָאן (גָלוּת בָּבֶל). אַם דְרִיטֶען יָאהְר פָאן זַיין קִינִיגֶען, הָאט דֶער (מֶלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ) גֶעלָאזְט מַאכֶען אַיינֶע גְרָאסֶע סְעוּדָה, פִיר אַלֶע זַיינֶע הֶערְרֶען, אִין דִיא שְׁטָאט (שׁוּשַׁן הַבִּירָה). דָאס אוּנְטֶערְהַאלְט הָאט גֶעדוֹירְט הוּנְדֶערְט אוּנְד אַכְטְצִיג טָאג. אוּנְד אַן יֶעדֶען טָאג, הָאט דֶער מֶלֶךְ פַאר זַייא גֶעוִויזֶען זַיין גְרָאס עֲשִׁירוּת וָואס עֶר בֶּעזִיצְט. יֶעדֶען טָאג הָאט עֶר גַאנְץ עֶפֶּעס נַייאֶעס גֶעוִויזֶען. זֶעכְּס אוֹצְרוֹת יֶעדֶען טָאג, מִיט זֶעהְר קָאסְטְבַּארֶע זַאכֶען: עֶנְדֶע דִיא הוּנְדֶערְט אוּנְד אַכְטְצִיג טָאג, הָאט דֶער מֶלֶךְ וִוידֶער גֶעמַאכְט אַיינֶע גְרָאסֶע מָאהְלְצַייט, פִיר דִיא אַיינְוָואהְנֶער פָאן דִיא רֶעזִידֶענְט שְׁטָאט (שׁוּשַׁן), גַאנְצֶע זִיבֶּען טָאג: אוֹיךְ דִיא קֶענִיגֶען (וַשְׁתִּי הַמַלְכָּה) הָאט בֶּעזָאנְדֶער גֶעמַאכְט, אַיין מָאהְלְצַייט פִיר פְרוֹיֶענְצִימֶער, אִין קֶענִיגְלִיכֶען הוֹיז: אַם זִיבִּיטֶען טָאג וִויא דֶער מֶלֶךְ אִיזְט צוּזַאמֶען גִיזֶעסֶען מִיט הוּנְדֶערְט אוּנְד צְוָואנְצִיג מְלָכִים, וָואס דִיא אַלֶע מְלָכִים וַוארֶען זַיינֶע אוּנְטֶערְטַאנֶע, אוּנְד אַלֶע וַוארֶען זֶעהְר לוּסְטִיג, פָאן דֶעם פִיעֶל וַויין טְרִינְקֶען. אִיזְט צְווִישֶׁען דִיא אַלֶע מְלָכִים אַיין צַאנְקֶע-רַייא הֶערוֹים גֶעקָאמֶען, וָואס אַיין יֶעדֶער הָאט וָואלֶען בֶּעהוֹיבְּטֶען, דַאס דִיא פְרוֹיֶען פָאן זַיין לַאנְד, דִיא שֶׁענְסְטֶע זֶענֶען, פָאן אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער. אוּנְד אוֹיךְ דֶער מֶלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט, דַאס עֶס גִיבְּט קַיינֶע

שֶׁענֶערֶע פְרױעֶן, װיא אִין זֵיין לַאנְד (בָּבֶל). אוּנְד מֵיינֶע פְרױ (וַשְׁתִּי) אִיזְט דִיא שֶׁענְסְטֶע פָאן אַלְלֶע. װֶען אִיהְר װִילְט עֶס נִישְׁט גְלױבֶּען, אַזױ װֶעל אִיךְ לַאסֶען רוּפֶען דִיא קֶענִיגֶען וַשְׁתִּי פַאר אֵייךְ, אַזױ װֶערְד אִיהְר אַלְלֶע מִיסֶען מוֹדֶה זֵיין, דַאס זִיא דִיא שֶׁענְסְטֶע אִיזְט, פָאן אַלְלֶע עֶנְקֶערֶע פְרױעֶן. הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעשִׁיקְט זִיבֶּען שָׂרִים װָאס הָאבֶּען בֶּעדִינְט דֶעם מֶלֶךְ, צוּ דִיא קֶענִיגֶען וַשְׁתִּי, דַאס דֶער מֶלֶךְ פַארְלַאנְגְט, דַאס זִיא זָאל זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְלֶען פַאר אִיהְם, אוּנְד פַאר דִיא הוּנְדֶערְט אוּנְד צְװָאנְצִיג קֶענִיגֶע, עֶנְטְבְּלֶעהְסְט, אָהְנֶע קְלֵייד, נָאר בְּלוֹיס דִיא גָאלְדִינֶע קְרָאהְנֶע אוֹיף אִיהְר קָאפְּף, אוּנְד אִין יֶעדֶע הַאנְד זָאל זִיא הַאלְטֶען, אֵיין גָאלְדִינֶען בֶּעכֶער מִיט װֵיין, כְּדֵי צוּ װֵייזֶען פַאר זֵייא אִיהְר שׁוֹנְהֵייט: הָאט דִיא קֶענִיגֶען וַשְׁתִּי גֶעאַנְטְװָארְט דִיא שְׁלוּחִים פָאן מֶלֶךְ, גֶעהְט אוּנְד זָאגְט דֶעם מֶלֶךְ, דַאס עֶר װַאהְנְזִינִיג אִיזְט, אוּנְד אִיהְר אַלְלֶע מְלָכִים, זֵייט אַזױ װַאהְנְזִינִיג װִיא עֶר. אִיךְ וַשְׁתִּי הַמַלְכָּה! װָאס הֶערוֹים קָאמֶע פָאן קֶענִיגְלִיכֶען הױז, זָאל מִיךְ פָאר־שְׁטֶעלְלֶען פִיר אֵייךְ?. מֵיין פַאטֶער דֶער קֶענִיג (בֵּלְשַׁצַּר), הָאט אֵיין מָאהְל אַזױ פִיעֶל װֵיין גֶעטְרִינְקֶען, קֶעגֶען טױזֶענְט מַאן, אוּנְד דֶער װֵיין הָאט אִיהְם נִישְׁט אַזױ פַארְרִיקְט װִיא דִיךְ: תָּאבֶּען דִיא זִיבֶּען שָׂרִים, דִיא אַלְלֶע דָאזִיגֶע רֵייד פָאן וַשְׁתִּי גֶעזָאגְט צוּם מֶלֶךְ. אַזױ אִיזְט דֶער מֶלֶךְ זֶעהְר צָארְנִיג גֶעװָארִין, אוּנְד הָאט

דַאס צְוֵוייטֶע מָאהְל צוּ אִיהְ׳ גֶעשִׁיקְט זָאגֶען, וֶוען דִיא ווערסְט נִישְׁט תֵּיכֶף קָאמֶען, דִיךְ פָארְצוּשְׁטֶעלְלֶען פַאר מִיר, אוּנְד פַאר דִיא הוּנְדֶערְט אוּנְד צְוָואנְצִיג מְלָכִים, וֶועל אִיךְ דִיךְ טֵייטֶען לַאסֶען, אוּנְד דֵיין שׁוֹנְהֵייט וֶוערְד פַארְלוֹרִין וֶוערִין פָאן דִיא וֶועלְט. דִיא וַשְׁתִּי הָאט אוֹיף דִיזֶען אוֹיךְ גָאר נִישְׁט גֶעאַכְטֶעט. אוּנְד הָאט ווִידֶע׳ גֶעזָאגְט צוּ דִיא שְׁלוּחִים, זָאגְט צוּם מֶלֶךְ, דֶער נַער, דַאס זֵיין עֵצָה וֶוערְד פַארְשְׁטֶעהְרְט וֶוערְדֶען, אוּנְד זֵיין גְזֵירָה וֶוערְד אוֹיךְ קֵיין קִיוּם הָאבֶּען. אִיךְ וַשְׁתִּי הַמַלְכָּה! דַאס עֶנְקֶעל פָאן מֶלֶךְ (נְבוּכַדְנֶצַר), פָאן מֵיין יוּגֶענְט, בִּיז דֶעם הֵיינְטִיגֶען טָאג, הָאט נָאךְ קֵיין מֶענְשׁ דִיא זְכִיָה גֶעהַאבְּט, אַנְצוּשׁוּיעֶן דַאס פְלֵיישׁ פָאן מֵיין לֵייבּ, אוּנְד וֶוען אִיךְ וָואלְט דִיךְ גֶעהָארְכְט, צוּ קָאמֶען פַאר אַלְלֶע מְלָכִים, אַזוֹ וֶועלִין זֵייא דִיךְ עֶרְשְׁלַאגֶען וֶועגֶען מִיר: וִויא מֶען הָאט דֶעם מֶלֶךְ ווִידֶער דַאס צְוֵוייטֶע מָאהְל גֶעזָאגְט, דִיא רֵייד פָאן וַשְׁתִּי, הָאט זֵיין צָארֶען אִין אִיהְם גִיבְּרֶענְט וִויא פֵייעֶר. אוּנְד הָאט גֶעזָאגְט צוּ זֵיינֶע זִיבֶּען רַאטְהֶערֶן, צוּ פַארְאוּרְטְהֵיילֶען וֶועלְכֶע שְׁטְרַאפֶע דִיא קֶענִיגֶען וַשְׁתִּי זִיךְ פַארְדִינְט הָאט: הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען דֶער (מְמוּכָן), אֵיינֶער פָאן דִיא זִיבֶּען רַאטְהֶערִין, לָאס דֶעם מֶלֶךְ נִישְׁט רַאבְטֶען, דַאס נָאר בְּלוֹיס קֶעגֶען דִיר הָאט דִיא וַשְׁתִּי גֶעזִינְדִיגְט, נָאךְ אוֹיךְ קֶעגֶען אַלְלֶע הֶערְרֶן פָאן דֵיינֶע לֶענְדֶער, הָאט זִיא גֶעזִינְדִיגְט. וָואס דוּרְךְ אִיהְר, וֶוערְד יֶעדֶע

פְרויא גְרינְג שֶׁעטְצֶען אַן אִיהְר מַאן. אַזוֹ אִיזְט מֵיינֶע רַאטְה, דַאס דֶער מֶלֶךְ זָאל דַאס דָאזִיגֶע לַאסֶען פַאר אויפֶענְבַּארֶען אִין אַלְלֶע לֶענְדֶער פָאן דֵיין קֶענִיגְרַייךְ, דַאס דִיא קֶענִיגֶען וַשְׁתִּי אִיזְט גֶעטֵייט וָוארְדֶען, וֵוייל זִיא הָאט גְרִינְג גִישֶׁעצְט אַן דֶען כָּבוֹד פָאן מֶלֶךְ. אוּנְד דֶעם טִיטֶעל קֶענִיגֶען זָאל גִיגֶעבֶען וֶוערְדֶען, צוּ אֵיינֶע אַנְדֶערֶע, וָואס בֶּעסֶער זֵיין ווִירְד פָאן אִיהְר: אִיזְט דִיא עֵצָה פָאן (מְמוּכָן) גוּט גֶעפַאלְלֶען דֶעם מֶלֶךְ, אוּנְד צוּ אַלְלֶע הֶערְרֶען. אוּנְד דִיא וַשְׁתִּי אִיזְט גֶעטֵייט וָוארְדֶען:

נָאךְ דֶעם טוֹהְט פָאן וַשְׁתִּי, ווִיא דֶער צָארֶען פָאן מֶלֶךְ אִיזְט גֶעשְׁטִילְט וָוארְדֶען, הָאט דֶער מֶלֶךְ עֶרְשְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, דַאס דִיא וַשְׁתִּי אִיזְט גַאנְץ אוּנְשׁוּלְדִיג גֶעטֵייט וָוארְדֶען, אוּנְד זִיא הָאט גָאר קֵיין אוּנְרֶעכְט גֶעטוּהֶען, וָואס הָאט נִישְׁט וָואלֶען קָאמֶען פַאר אִיהְם. הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעוָואלְט עֶרְשְׁלַאגֶען, דִיא אַלְלֶע שָׂרִים וָואס הָאבֶען אִיהְם, צוּ דִיזֶען צוּגֶערַאטְהֶען. אוּנְד כְּדֵי דֶעם מֶלֶךְ צוּ בֶּערוּהִיגֶען, הָאבֶען זֵיינֶע הֶערְרֶען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, לָאס אֵיין בִּיפֶעהְל אויסְגֶעבֶען, צוּזַאמֶען צוּ רוּפֶען, אַלְלֶע שֶׁענְסְטֶע יוּנְגְפְרויעֶן פָאן דֵיינֶע לֶענְדֶער, אוּנְד דִיא שֶׁענְסְטֶע פָאן אַלְלֶע, וָואס וֶוערְד וָואהְל גֶעפַאלְלֶען הֵיים מֶלֶךְ, זָאל בְּלֵייבֶען קֶענִיגֶען שְׁטָאטְץ וַשְׁתִּי: דַאס דָאזִיגֶע אִיזְט תֵּיכֶף גִישֶׁעהְן, וָואס מֶען הָאט אֵיינְגֶעזַאמֶעלְט פִיעלֶע יוּנְג־פְרויעֶן, אוּנְד מֶען הָאט זֵייא גֶעבְרַאכְט אִין דִיא שְׁטָאט

שושַן. אונד אײנסטװײלען, האָט מען זיא איבּערליפערט אונטער דיא אױפזיכט פאָן (הֵגָא), דער (שׁוֹמֵר הַנָשִׁים) פאָן מלך:

(ב)

עס װאר אײן מאן אין שטאָט שושן, זײן נאמען װאר (מרדכי) פאָן שבט בנימין, ער װאר צװישען דיא פארטריבּענע פאָן ירושלים, בײא דעם גלות פאָן (יכניה מלך יהודה): דער מרדכי האָט אין זײן הױז ערצױגען דיא (יתומה הדסה), װאס מען האָט זיא גערופען מיט דעם נאמען (אסתר). זיא װאר זײן ברודער'ס טאָכטער: דיא אסתר װאר זעהר היפש אין געשטאלט. אונד װיא איהר פאָטער אונד מוטער זענען געשטאָרבען, האָט זיא מרדכי צו זיך גענאָמען, פאר זײן אײגען קינד: אונד װיא דאס גיזעטץ פאָן מלך איזט העראױס געגאנגען, צוזאמען צו רופען, אללע שענע יונגפרױען, האָט מרדכי דיא אסתר בײא זיך אין צימער פאר-באָרגען. דיא אסתר װאר אבּער אױסגערופען אין דיא גאנצע שטאָט שושן, פאר אײנע (יְפַת תּוֹאַר), בּעריהמט שעהן, אונד צװישען אללע יונגפרױען, װאר דיא אסתר נישט דאָרט. האָט מען פארשטאנען, דאס זיא איזט געװיס פארבּאָרגען. האָט מען דאס צװײטע מאָהל אױסגערופען, דאס דיא יעניגע, װאס װערד זיך פארבּאָרגען פאר דיא שלוחים פאָן מלך, װערד געטײט

װערדען: אונד דורך דיא שטרענגע גזירה, איזט אויך דיא אסתר גענאמען װארדען, אין קעניגליכען הויז, צו דעם (הגי): האט אסתר מעהר גונסט אונד חן געפינען ביי דעם (הגי) מעהר פאן אללע יונגפרויען: דיא אסתר האט געהאבט איין אויפטראג פאן איהר אנקעל מרדכי, פאר נימאנדען צו זאגען פאן איהר פאמיליע, אונד אויך נישט צו זאגען פאן װעלכען פאלק זיא קאמט הערוים: ענדע פאן צװעלף מאנאט, איזט דיא אסתר געבראכט װארדען צום מלך אחשורוש. דאס װאר אין חודש (טבת). האט דער מלך דיא אסתר מעהר ליעב בעקאמען פאן אללע פרויען, אונד זיא האט ביי איהם מעהר גונסט געפינען, פאן אללע יונגפרויען. האט דער מלך זעלבסט אויף איהר קאפף געטוהען דיא קעניגליכע קראהנע, אונד אסתר איזט געבליבען דיא קעניגען שטאט ושתי:

אין דיא טעג, האבען זיך בעשלאסען צװייא דינער פאן מלך, זייער נאמען װאר (בגתן„ אונד תרש„) צו פארגיפטען דעם מלך. איזט דיא זאך בעװיסט װארדען צו מרדכי. װייל דיא צװייא דינער האבען געשפראכען (פרסיעשע) שפראכע, אונד מרדכי װאס ער װאר איינער פאן דיא (סנהדרין), האט פארשטאנען (שבעים לשונות), אללע שפראכען פאן דיא װעלט. האט מרדכי דיא זאך צװויסען געטוהען צו אסתר. האט דיא אסתר עס געזאגט צום מלך, אום נאמען

מָרְדֳכַי: הָאט דֶער מֶלֶךְ דִיא זַאכֶע גֶעלָאזְט גֶענוֹיא אוּנְטֶערְזוּכֶען, אַזוֹ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעצֵייגְט, דַאס עֶס גַאנְץ רִיכְטִיג וַואר, וָואס דִיא צְוֵוייא לֵייט, הָאבֶּען שָׁאהְן גֶעהַאבְּט פָארְגֶעבְּרֵייט, דֶעם גִיפְט, אִין אֵיין כּוֹס וֵויין, וָואס עֶס וַואר פָארְגֶעבְּרֵייט עֶס צוּ גֶעבֶּען צוּ טְרִינְקֶען דֶעם מֶלֶךְ. אַזוֹ זֶענֶען דִיא צְוֵוייא לֵייט אוֹיף גֶעהָאנְגֶען וָוארְדֶען. אוּנְד עֶס אִיזְט וָוארְדֶען אֵיינְגֶעטְרַאגֶען (בְּסֵפֶר הַזִכְרוֹנוֹת), פָאן דִיא זַאךְ, דַאס דוּרְךְ מָרְדֳכַי, אִיזְט דֶער מֶלֶךְ גִירֶעטֶעט וָוארְדֶען פָאן טוֹהְט:

(ג)

נָאךְ דֶעם הָאט דֶער מֶלֶךְ זֶעהְר גְרָאס גֶעמַאכְט דֶעם (הָמָן בֶּן הַמְדָתָא), אִיבֶּער אַלְלֶע יוֹעֲצִים פָאן מֶלֶךְ, אוּנְד אַלְלֶע שָׂרִים פָאן מֶלֶךְ, הָאבֶּען זִיךְ גֶעמִיזְט בִּיגֶען פַאר (הָמָן). וֵוייל עֶס אִיזְט אַזוֹ גִיזֶעטְץ הֶערוֹיס גֶעגַאנְגֶען, דַאס אַלְלֶעס מוּס זִיךְ בִּיגֶען פַאר הָמָן. דֶער הָמָן אִיזְט הֶערוֹיס גֶעקָאמֶען פָאן (עֲמָלֵק), דִיא גְרֶעסְטֶע פֵיינְדֶע פָאן דִיא יוּדֶן: דֶער אוֹיסְנַאהְם וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט בִּיגֶען פַאר הָמָן, וַואר מָרְדֳכַי. אֵיינְס, הָאט זִיךְ דֶער הָמָן אֵיינְמָאהְל זֶעלְבְּסְט פַארְקוֹיפְט, פִיר אֵיין שְׁקְלַאף צוּ מָרְדֳכַי, אוּנְד דַאס צְוֵוייטֶע, וֵוייל הָמָן הָאט גֶעטְרָאגֶען אֵיין (צֵלֶם) אוֹיף זֵיינֶע קְלֵיידֶער: וִויא דֶער הָמָן הָאט גִיזֶעהְן, דַאס מָרְדֳכַי וִויל זִיךְ נִישְׁט פַאר אִיהְם בִּיגֶען, אִיזְט עֶר עֶרְפִילְלְט וָוארְדֶען אוֹיף מָרְדֳכַי מִיט גְרָאס צָארֶען. עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַן דֶעם מָרְדֳכַי

אֵיינֶע נְקָמָה טוּהֶען. עֶס וַואר אָבֶּער דָאס פַאר אִיהְם, אֵיין הֶערְאַבְּזֶעטְצוּנְג, זִיךְ נוֹקֵם צוּ זַיין, אַן מָרְדְכַי אַלְלֵיין. נָאר דֶער הָמָן הָאט גֶעטְרַאכְטּ אֵיינֶע נְקָמָה צוּ טוּהֶען אַן אַלְלֶע יוּדֶן, דַאס פָאלְק פָאן מָרְדְכַי. צוּ לָאסֶען פַארְטִילְלִיגֶען אַלְלֶע יוּדֶן, וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין גַאנְצֶען קֶענִיגְרֵייךְ פָאן מֶלֶךְ: וִויא עֶס אִיזְט גֶעקָאמֶען חוֹדֶשׁ נִיסָן, דֶער עֶרְשְׁטֶער מָאנַאט פָאן יָאהְר, דַאס וַואר דַאס צְוֶועלְפְטֶע יָאהְר, פָאן מֶלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, הָאט הָמָן גֶעלָאזְט אֵיין (גוֹרָל) וַוארְפֶען, אַן וֶועלְכֶען הוֹדֶשׁ, אוּנְד אַן וֶועלְכֶען טָאג פָאן חוֹדֶשׁ, וֶוערְד עֶר קֶענֶען קֶעגֶען דִיא יוּדֶן בֶּעהוֹיפְּטֶען. אַזוֹ אִיזְט דֶער (גוֹרָל) גֶעפַאלְלֶען, אוֹיף דֶען דְרֵייצֶעהְנְטֶען טָאג אִין הוֹדֶשׁ אֲדָר. הָאט זִיךְ הָמָן דַארִיבֶּער גֶעפְרֵייט, וֵוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיזְט גֶעשְׁטָארְבֶּען אִין חוֹדֶשׁ אֲדָר. עֶר הָאט אָבֶּער נִיְשְׁט גֶעוְוִיסְט, דַאס אַן חוֹדֶשׁ אֲדָר, אִיזְט אוֹיךְ מֹשֶׁה גֶעבּוֹרֶען וָוארְדֶען; נָאךְ דִיזֶען אִיזְט הָמָן גֶעקָאמֶען צוּם מֶלֶךְ, אוּנְד הָאט פַאר אִיהְם גֶעזָאגְט, עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אֵיין פָאלְק, וָואס צֶערְשְׁפְּרֵייט זֶענֶען, אִין דֵיין גַאנְץ קֶענִיגְרֵייךְ, וָואס זֵייעֶרֶע גִיזֶעטְצֶע פַארְעֶנְדֶערְט זֶענֶען, פָאן דַאס גִיזֶעטְץ פָאן מֶלֶךְ, אוּנְד אוֹיךְ פָאן אַלְלֶע גִיזֶעטְצֶע פָאן אַלְלֶע פֶעלְקֶער. פָאן אוּנְזֶער בְּרָאד ווִילֶען זֵייא נִיְשְׁט עֶסֶען. אוּנְד פָאן אוּנְזֶער וֵויין, וִוילֶען זֵייא נִיְשְׁט טְרִינְקֶען. אוּנְד אַן אוּנְזֶערֶע פֵייעֶרְטָאגֶע, וִוילֶען זֵייא נִיְשְׁט רוּהֶען. אוּנְד אוֹיךְ אַלְלֶע אוּנְזֶערֶע

גִיזֶעטְצֶע, ווילֶען זַייא נִישְׁט הַאלְטֶען. אוּנְד אֲפִילוּ דַאס גִיזֶעטְץ פָאן מֶלֶךְ, ווילֶען זַייא אויךְ נִישְׁט מְקַיֵים זַיין. צוּ אַלְלֶען, הָאט דֶער מֶלֶךְ גָאר קֵיין שׁוּם נוּטְצֶען פָאן זַייא: אַלְזָא! צוואס דַארְף דֶער מֶלֶךְ לַאסֶען עֶקְסֶעסְ־טִירֶען אַזוֹ אֵיין פָאלְק, אִין זַיין קֶענִיגְרַייךְ? ווֶען עֶס דֶעם מֶלֶךְ גוּט גֶעפַאלְט, זָאל דֶער מֶלֶךְ זַייא לַאסֶען פַארְטִילְלִיגֶען, אוּנְד פַארְנִיכְטֶען, אוּנְד אִיךְ וויל לַאסֶען בְּרֶענְגֶען אִין מֶלֶךְ׳ס אוֹצְרוֹת, צֶעהְן טוֹיזֶענְט צֶענְטְנֶער זִילְבֶּער, ווָאס אִיךְ טוּהֶע דִיא אַלְלֶע יוּדֶן, פָאן דִיר אָנְקוֹיפֶען: הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶענָאמֶען זַיין זִיגֶעל רִינְג, אוּנְד הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעפֶערְט צוּ הָמָן. אוּנְד הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דַאס זִילְבֶּער ווָאס הָאסְט פַארְשְׁפְּרָאכֶען צוּ גֶעבֶּען, קָאנְסְט דִיר צוּרִיק הַאלְטֶען. אוּנְד מִיט דֶעם פָאלְק, קָאנְסְט טוּהֶען, ווָאס ווָאהְל גֶעפַאלְט אִין דֵיינֶע אוֹיגֶען: אַזוֹ הָאט הָמָן גֶעלָאזְט רוּפֶען דִיא שְׁרֵייבֶּער פָאן מֶלֶךְ, דָאס ווַאר דְרֵייטְצֶען טָאג אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן. אוּנְד הָאט גֶעלָאזְט שְׁרֵייבֶּען אֵיין בִּיפֶעהְל אִין נַאמֶען דֶעם מֶלֶךְ, צוּ פַארְטִילְלִיגֶען, דַאס גַאנְצֶע פָאלְק, דִיא יוּדֶען, פָאן יוּנְג בִּיז אַלְט. פָאן זֵייגֶענְדֶע קִינְדֶער, בִּיז פְרוֹיעֶן. אַן דֶעם דְרֵייצֶענְטֶען טָאג, פָאן חוֹדֶשׁ אָדָר. דַאס אִיזְט גְרַאד אִין עֶלְף מָאנַאט פָאן דִיא גְזֵירָה, אוּנְד אַלְלֶעס זֵייעֶר פַארְמֶעגֶן צוּ רוֹיבֶּען; דַאס גִיזֶעטְץ אִיזְט גֶעשְׁרִיבֶּען ווָארְדֶען אִין אַלְלֶע שְׁפְּרַאכֶען. אוּנְד עֶס אִיזְט אִיבֶּערְגֶעפֶערְט ווָארְדֶען, צוּ דִיא לוֹיפֶער פָאן

מֶלֶךְ, דִיא שְׁרִיפְטֶען צוּ אִיבֶּערְרֶענְפֶערֶן, צוּ אַלְלֶע בֶּעאַמְטֶער, אוּנְד הֶארְשֶׁער, פָאן יֶעדֶע שְׁטָאט: אוּנְד חוּץ דֶעם, זָאל מֶען פְּלַאקַאטֶען אוֹיף קְלֶעבֶּען אִין אַלְלֶע שְׁטֶעדְט, דַאס וֶוען עֶס וֶוערְד קָאמֶען דְרֵייטְצֶען טָאג אִין חוֹדֶש אֲדָר, זָאלְלֶען דִיא אַלְלֶע פֵיינְדֶע פָאן דִיא יוּדֶן זֵיין פָארְגֶעבְּרֵייט, אֵיינֶע נְקָמָה צוּ טוּהֶען אַן זֵייעֶר פֵיינְדֶע דִיא יוּדֶן: דִיא לוֹיפֶער פָאן מֶלֶךְ זֶענֶען שְׁנֶעלְל גֶעלוֹיפֶען מִיט דִיא שְׁרִיפְטֶען פָאן מֶלֶךְ. אוּנְד אִין דִיא שְׁטָאט שׁוּשַׁן, אִיזְט תֵּיכֶף אַם דֶעם זֶעלְבֶּען טָאג, דִיא פָארְכְטְבַּארֶע גְזֵירָה פַאר אוֹיפֶענְבַּארְט גֶעוָוארִין: דֶער מֶלֶךְ מִיט הָמָן, הָאבֶּן זִיךְ גִיזֶעצְט וֵויין טְרִינְקֶען, אוּנְד דִיא יוּדֶען פָאן שְׁטָאט שׁוּשַׁן, וַוארֶען זֶעהְר בֶּעטְרִיעבְּט:

וִויא מָרְדְכַי הָאט פָאן דִיא פָארְכְטְבַּארֶע גְזֵירָה עֶרְפַאהְרֶען, הָאט עֶר צֶערִיסֶען זֵיינֶע קְלֵיידֶער, אוּנְד הָאט זִיךְ אָנְגֶעטָארְט מִיט אֵיין זַאק. אוּנְד עֶרְד הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף דֶעם קָאפְּף גִילֶעהְגְט. אוּנְד הָאט זִיךְ נִידֶער גִישְׁטֶעלְט אִין מִיטֶען דִיא שְׁטָאט, אוּנְד הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען בִּיטֶערְלִיךְ צוּ שְׁרֵייעֶן, אוּנְד צוּ וֵויינֶען, וֶועהֶע אִיזְט צוּ אֵייךְ יוּדֶן, פַאר דִיא גְרָאזַאמֶע גְזֵירָה, וָואס אִיזְט אוֹיף אֵייךְ נִגְזַר גֶעוָוארִין: אוּנְד אוֹיךְ אִין יֶעדֶע שְׁטָאט פָאן דֶעם גַאנְצֶען קֶענִיגְרֵייךְ פָאן מֶלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, וִויא דַאס גִיזֶעטְץ פָאן מֶלֶךְ אִיזְט בֶּעוְוִיסְט וָוארְדֶען, וַואר אֵיין גְרָאס טְרוֹרִיגְקֵייט, צוּ אַלְלֶע יוּדֶן.

אונד אַלְלֶע הָאבֶּן זֶעהְר גֶעוֵויינְט, אונד אויךְ גֶעפַאסְטֶעט, אונד אַלְלֶעס הָאט זיךְ בֶּעקְלֵיידֶעט מִיט זֶעק, אונד עֶרְד אויף זֵייעֶר קָאפְּף:

אִיזְט מֶען גֶעקָאמֶען זָאגֶען צו אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה, וִויא מָרְדְכַי גֶעהְט בֶּעקְלֵיידֶעט אִין אֵיין זַאק, אונד עֶרְד אויף זֵיין קָאפְּף, אונד טוּט שְׁטַארְק וֵויינֶען. אִיזְט זִיא זֶעהְר עֶרְשְׁרָאקֶען וָוארְדֶען, אונד הָאט שְׁנֶעלְל גֶעשִׁיקְט צוּ מָרְדְכַי אַנְדֶרֶע קְלֵיידֶער, מָרְדְכַי הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט דֶעם זַאק פָּאן זיךְ אָבְּטוּהֶען. הָאט מָרְדְכַי אִיבֶּערְגֶעבֶּן דַאס גִיזֶעטְץ פָּאן מֶלֶךְ, צוּ אֵיינֶען דִינֶער פָאן אֶסְתֵּר, אִיהְר דָאס שְׁרִיפְט צוּ אִיבֶּערְ-עֶנְפֶּערֶן. אונד הָאט אִיהְר גֶעלָאזְט זָאגֶען, קֵיין אויגֶענְ-בְּלִיק צוּ וַוארְטֶען, נָאר תֵּיכֶף צוּ גֶעהֶן, צוּם מֶלֶךְ, אוּם גֶענַאדֶע צוּ בִּיטֶען, וֶועגֶען אִיהְר פָאלְק, דִיא יוּדֶן:

הָאט אֶסְתֵּר גֶעלָאזְט זָאגֶען צוּ מָרְדְכַי, אֵיין יֶעדֶער וֵויסְט פָאן דֶעם גִיזֶעטְץ, דַאס דֶער יֶענִיגֶער, וָואס וַואהְגְט זיךְ צוּ קָאמֶען צוּם מֶלֶךְ, וָואס אִיזְט נִישְׁט פְּרִיעֶר גֶערוּפֶען וָוארְדֶען, גֶעטֵייט צוּ וֶוערְדֶען. אויסֶער וֶוען דֶער מֶלֶךְ עֶרְלַאנְגְט אִיהְם זֵיין צֶעפְּטֶער. אונד אִיךְ בִּין שָׁאהְן גַאנְצֶע דְרֵייסִיג טַאג נִיכְט גֶערוּפֶען וָוארְדֶען צוּם מֶלֶךְ. הָאט מָרְדְכַי צוּרִיק גֶעלָאזְט זָאגֶען צוּ אֶסְתֵּר, לַאס דָאס דָאזִיגֶע נִישְׁט זֵיין בֵּייא דִיר, פַאר אֵיינֶע גְלֵייכְגִילְטִיגֶע זַאךְ, וֵוייל דִיא גְלוֹיבְּסְט, דַאס דִיר וֶוערְד נִישְׁט גִישֶׁעהְן. נָאר זָאלְסְט וִויסֶען, דַאס וֶוען דִיא וֶוערְסְט

אין אַזוֹ צַייט שְׁווייגֶען, אַזוֹ וֶועלִין דיא יוּדֶען גֶירֶעטֶעט
וֶוערְדֶען, דוּרְךְ אֵיינֶען אַנְדֶערֶען, אוּנְד דיא מִיט דֵיינֶע
פַאמִילְיֶע וֶועלִין פַארְלוֹרִין וֶוערְדֶען. דֶען וֶוער ווייסְט,
אוֹיבּ נִישְׁט דוּרְךְ דֶעם חֵטְא פָאן דֵיין גְרָאס פַאטֶער
שָׁאוּל הַמֶלֶךְ, וָואס הָאט לֶעהְבֶּען גֶעלָאזְט דֶעם מֶלֶךְ
(אֲגָג) פָאן עֲמָלֵק, אִיזְט דיא גַאנְצֶע גְזֵירָה הֶערוֹיס
גֶיגֶעבֶּען וָוארְדֶען: הָאט אֶסְתֵּר גֶעלָאזְט זָאגֶען צוּ
מָרְדְּכַי. לַאס צוּזַאמֶען רוּפֶען אַלְלֶע יוּדֶען, וָואס גֶעפִינֶען
זִיךְ אִין שְׁטָאט שׁוּשַׁן, אוּנְד לָאזֶען אַלְלֶע פַאסְטֶען
גַאנְצֶע דְרֵייא טֶאג, אוּנְד דְרֵייא נַאכְט, אוּנְד אוֹיךְ אִיךְ
מִיט מֵיינֶע דִינְסְטֶע וֶועלִין פַאסְטֶען דְרֵייא טֶאג אוּנְד
דְרֵייא נַאכְט. דַאן וֶועל אִיךְ גֶעהֶן צוּם מֶלֶךְ, וֶוען אוֹיךְ
קֶענֶען דַאס גִיזֶעטְץ. אוּנְד וֶוען אִיךְ זָאל פַארְלוֹרִין
וֶוערְדֶען דוּרְךְ דיא יוּדֶען, אַזוֹ וֶועל אִיךְ דָאךְ נִישְׁט אוֹיךְ
פַארְלוֹרִין וֶוערְדֶען פָאן (עוֹלָם הַבָּא): דַאס דָאזִיגֶע אִיזְט
גִישֶׁעהְן, וָואס מָרְדְּכַי הָאט צוּזַאמֶען גֶערוּפֶען אַלְלֶע
יוּדֶען פָאן שׁוּשַׁן, אוּנְד הָאט אוֹיף אַלְלֶע גוֹזֵר גִיוֶועזֶן צוּ
פַאסְטֶען דְרֵייא טֶאג. דַאס אִיזְט, אַם דְרֵייטְצִיטֶען, אוּנְד
פִירְצִיטֶען, אוּנְד פִינְפְצִיטֶען טָאג פָאן נִיסָן. אֲפִילוּ אוֹיךְ
דיא זֵייגֶענְדֶע קִינְדֶער, הָאט מֶען פָאן דיא בְּרוּסְט פָאן
זֵייעֶר מוּטֶער אַוֶועק גֶענָאמֶען, אוּנְד אַלְלֶעם הָאט
גֶעוֵויינְט אוּנְד מִתְפַּלֵל גִיוֶועזֶן צוּ הקב"ה: הָאבֶּען זִיךְ
פַארְזַאמֶעלְט צְוֶועלְף טוֹיזֶענְט כֹּהֲנִים פָאן דיא יִשְׂרָאֵל,
אוּנְד אֵיין יֶעדֶער הָאט גֶעהַאלְטֶען אֵיין (סֵפֶר תּוֹרָה)

אִין זַיין הַאנְד, אוּנְד הָאבֶּן גֶעשְׁרִיגֶן מִיט גְרָאס גֶעוויין, פַאר גָ'. לִיבֶּער גָ' פָאן דִיא יִשְׂרָאֵל, דָאס אִיזְט דָאךְ דֵיין תּוֹרָה, וָואס דִיא הָאסְט אוּנְס גִיגֶעבֶּן, דוּרְךְ דֵיין בֶּעגְלֵייכְטֶען קְנַאכְט מֹשֶׁה. אוּנְד וֶוען דֵיין גַאנְץ פָאלְק דִיא יִשְׂרָאֵל, זָאלִין צוּגְרִינְד גֶעהֶן, וֶוער וֶוערְד לֶערְנֶען דֵיין תּוֹרָה? אוּנְד וֶוער וֶוערְד אַן דֵיין נַאמֶען דֶענְקֶען? נָאךְ דֶעם זֶענֶען אַלְלֶע יוּדֶן גֶעפַאלְלֶען אוֹיף זֵייעֶר פָּנִים מִיט גְרָאס גֶעוויין, אוּנְד הָאבֶּן גֶעשְׁרִיגֶען (עֲנֵנוּ אָבִינוּ עֲנֵנוּ), עֶנְטְפֶער אוּנְס אוּנְזֶער פָאטֶער! זֵייא הָאבֶּן אַזוֹ לַאנְג גֶעוויינְט, בִּיז אַלְלֶע מַלְאָכִים אִין הִימֶעל הָאבֶּען זִיךְ עֶרְוֶועקְט, אוּנְד דִיא אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אִין קֶבֶר הָאבֶּען מִיט גֶעוויינְט:

אוּנְד אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָאט פָאן זִיךְ אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען, אִיהְרֶע קֶענִיגְלִיכֶע קְלֵיידֶער, אוּנְד הָאט זִיךְ בֶּעקְלֵיידֶעט מִיט אֵיין זַאק, אוּנְד עֶרְד הָאט זִיא גֶעטוּהֶען אוֹיף אִיהְר קָאפְּף, אוּנְד הָאט גֶעפֵּיינִיגְט אִיהְר לֵייבּ, מִיט פַאסְטֶען גַאנְצֶע דְרֵייא טָאג, אוּנְד דְרֵייא נַאכְט. אוּנְד זִיא אִיזְט גֶעפַאלְלֶען אוֹיף אִיהְר פָּנִים, אוּנְד הָאט מִתְפַּלֵּל גִיוֶועזֶן צוּ גָ', מִיט הֵייסֶע טְרֶערִין. אוּנְד הָאט אַזוֹ גֶעזָאגְט. אַךְ! דִיא גָ' פָאן דִיא יִשְׂרָאֵל, וָואס דֵיין גִיוֶועלְטִיגְקֵייט אִיזְט, זֵייט דִיא וֶועלְט עֶרְשַׁאפוּנְג, הֶעלְף דֵיינֶע דִינְסְט-מַאגְד, וָואס זִיא הָאט קֵיין אַנְדֶערֶן הֶעלְפֶער זָאנְדֶער דִיר. אוּנְד טוּהֶע עֶרְלֵייזֶען דֵיין פָאלְק דִיא יִשְׂרָאֵל, פָאן דֶעם בֶּעלֵיידִיגֶער, דֶער (הָמָן הָרָשָׁע הָעֲמָלֵקִי). פֶערְלַאס

נִישְׁט מִיךְ, דִיא בֶּעטְרִיבְּטֶע יְתוֹמָה, וָואס אִיךְ בִּין גַאנְץ אַלֵיין גֶעבְּלִיבֶּען, אָהְנֶע פַאטֶער, אוּנְד אָהְנֶע מוּטֶער. אוּנְד דִיא בִּיזְט דָאךְ דֶער פַאטֶר פָאן (יְתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת), אַזוֹ עֶרְבַּארְמֶע דִיךְ אוֹיךְ אִיבֶּער מִיר, אוּנְד אִיבֶּער דֵיין פָאלְק דִיא יִשְׂרָאֵל. אֵיי עֶס זָאל עֶפֶּעס שְׁלַאכְטֶעס צוּ קָאמֶען, מֵיין פָאלְק דִיא יִשְׂרָאֵל, טוּהְע לִיעבֶּער מֵיינֶע זֶעלֶע נֶעמֶען פָאן מִיר. כְּדֵי מִיט דֶעם אֵיינֶע כַּפָּרָה צוּ זֵיין אוֹיף דֵיין פָאלְק. אוּנְד וֶוען דִיא לִיעבֶּער גָ׳, וִוילְסְט מִיךְ נָאךְ לֶעהְבֶּען לַאסֶען, אַזוֹ רֶעטְטֶע דִיא אַרְמֶע שַׁאף, פָאן דִיא לֶעוֶוען, וָואס שְׁטֶעהְן אוֹיף, קֶעגֶען זֵייא, זֵייא צוּ פַארְצִיקֶען. פַארְוָואהְר, מֵיינֶע עֶלְטֶערְין הָאבֶּען דָאךְ מִיר עֶרְצֶעהְלְט, פָאן דִיא גְרָאסֶע נִסִים וָואס דִיא הָאסְט גֶעטוּהֶען פִיר זֵיירֶענְט וֶועגֶען, אִין לַאנְד מִצְרַיִם, אוּנְד דִיא הָאסְט זֵייא דוּרְךְ דֶעם יַם גֶעפִיהְרְט. אוּנְד הָאסְט זֵייא גֶעשְׁפֵּייזְט מִיט מַן, גַאנְצֶע פִירְצִיג יָאהְר אִין דִיא מִדְבָּר. אוּנְד וַואסֶער הָאסְט פִיר זֵייעֶרְנְט וֶועגֶן גֶעמַאכְט פְלִיסֶען פָאן אֵיין שְׁטֵיין פֶעלְזֶען. וָואס זָאלְכֶע נִסִים, אִיזְט נִישְׁט גֶעטוּהֶען וָוארְדֶען צוּ קֵיין שׁוּם אַנְדֶער פָאלְק, פָאן דִיא וֶועלְט. עֶס אִיזְט וַואהְר דַאס דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע זִינְד, הָאסְט אוּנְס פַארְטְרִיבֶּען אִין גָלוּת אַרַיין, אָבֶּער, דִיא הָאסְט דָאךְ אוּנְס פַארְשְׁפְּרָאכֶען דוּרְךְ דֵיין בֶּעגְלֵייבְּטֶען קְנַאכְט משֶׁה, דַאס צוּ יֶעדֶע צַייט, וָואס מִיר וֶועלִין שְׁרֵייעֶן צוּ דִיר. וֶועְרְסְט אוּנְס עֶרְבַּארְמֶען. אַצִינְד מֵיין גָ׳, קְרִיעֶג דִיא אוּנְזֶער קְרִיעֶג קֶעגֶען דֶעם

בֶּעלֵיידִיגֶער עֲמָלֵק. אוּנְד דִיא, וָואס בִּיזְט, דֶער (אַב הַיְתוֹמִים), שְׁטֶעהֶע צוּ מֵיינֶע רַאכְטֶע הַאנְד, דַאס זָאגְסְט גֶעבֶּען אִין הַארְץ פָאן מֶלֶךְ, עֶרְבַּארְמְקֵייט אִיבֶּער מִיר, דֶען אִיךְ פִירְכְטֶע מִיךְ זֶעהְר פַאר אִיהְם, אַזוֹ וִויא אֵיין שַׁאף, פַאר דֶעם לֶעוֶוע. אוּנְד גִיבּ מִיר חֵן אִין זֵיינֶע אוֹיגֶען, אִין דִיא צֵייט וָואס אִיךְ וֶועל פַאר אִיהְם קָאמֶען, צוּ בִּיטֶען וֶועגֶען דֵיין פָאלְק. אוּנְד נֵייג זֵיין הַארְץ, צוּ הַאסֶען אוּנְזֶער פֵיינְד דֶער (הָמָן הָעֲמָלֵקִי). אוּנְד פְרֵיינְד-שַׁאפְט צוּ בֶּעוֵוייזֶען, צוּ דֵיין גֶעלִיעבְּט פָאלְק דִיא יִשְׂרָאֵל. אוּנְד לָאס מֵיין אַרֵיין קָאמֶען פַאר אִיהְם זֵיין, מִיט חֶסֶד. אוּנְד לַאס מִיךְ פָאן אִיהְם אַוֶועק גֶעהֶען בְּשָׁלוֹם :

וִויא עֶס וַואר דֶער דְרִיטֶער טַאג, הָאט זִיךְ אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה בֶּעקְלֵייד אִין אִיהְרֶע קֶענִיגְלִיכֶע קְלֵיידֶער, אוּנְד מִיט פִיעֶל צִירִינְג פָאן (אֲבָנִים טוֹבוֹת) הָאט זִיא זִיךְ פַארְצִיהְרְט, אוּנְד הָאט מִיט זִיךְ מִיט גֶענָאמֶען, צְוֵוייא יוּנְגְפְרוֹיעֶן, וָואס אוֹיף יֶעדֶע, הָאט זִיא אַרוֹיף גִילֶעהְנְט אִיהְרֶע הֶאנְד, אוּנְד נָאךְ אֵיינֶע, פָאן רִיקְוֶוערְץ, וָואס הָאט אִיהְר דַאס לַאנְגֶע קְלֵייד נָאךְ גֶעטְרַאגֶען. אוּנְד הָאט גֶעטוּהֶען אֵיינֶע קְרָאהְנֶע אוֹיף אִיהְר קָאפְּף, אוּנְד זִיא הָאט פַארְבָּארְגֶען אִיהְר פַארְבִּיטֶערְט גֶעמִיהְט, אִין אִיהְר הַארְץ. אוּנְד אִיזְט גֶעקָאמֶען אִין דֶען אִינְ-וֶוענְדִיגֶען הוֹיף, וָואס וַואר קֶעגֶען אִיבֶּער דֶעם מֶלֶךְ. אוּנְד דָארְט אִיזְט זִיא גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהְן : וִויא דֶער

מֶלֶךְ הָאט עֶרְזֶעהֶן דִיא אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה שְׁטֶעהֶן אִין הוֹיף אָהְנֶע עֶרְלוֹיבְּנִיס, אִיזְט עֶר עֶרְפִילְלְט גֶעוָוארִין מִיט צָארֶען. הָאט אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה עֶרְקֶענְט אַן זַיין פָּנִים, דַאס עֶר אִין גְרָאסֶען צָארֶען אִיזְט. אִיזְט זִיא זֶעהְר עֶרְשְׁרָאקֶען וָוארְדֶען, אוּנְד פַאר גְרָאס שְׁרֶעק, הָאט זִיא אִיהְר קָאפְּף גִילֶעהְגְט אוֹיף אֵיינֶע יוּנְגְפְרוֹיא, וָואס וַואר בֵּייא אִיהְר רַאכְטֶע הַאנְד. אַזוֹ אִיזְט דַאס רַחֲמָנוּת פָאן אִיהְר גֶעקָאמֶען פַאר הַשִׁי"ת. אוּנְד אוֹיךְ דַאס רַחֲמָנוּת פָאן זַיין פָאלְק. הָאט ג' אִיהְר חֵן גִיגֶעבֶּען אִין מֶלֶךְ'ס אוֹיגֶען. הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אוֹיף גִישְׁטֶעלְט פָאן זַיין קֶענִיגְלִיכֶען שְׁטוּהְל, אוּנְד אִיזְט עֶנְטְגֶעגֶן גֶעלוֹיפֶען צוּ אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה, אוּנְד הָאט זִיא גֶעהַאלְזְט, אוּנְד הָאט זִיא גֶענָאמֶען אִין זֵיינֶע אַרְמֶע. אוּנְד הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, וָואס אִיזְט דַאס דֶער פָארְכְט פָאן דִיר אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה ?, דִיא בִּיזְט דָאךְ דִיא קֶענִיגֶען פָאן מִיר, אוּנְד וַוארוּם טוּסְט דִיא גָאר נִישְׁט רֵיידֶען צוּ מִיר, וָואס דֵיין בִּיגֶעהְר אִיזְט ?. וִויא דִיא אֶסְתֵּר הָאט זִיךְ אַבִּיסֶל ווִידֶערְהוֹילְט, הָאט זִיא צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, מֵיין בִּיגֶעהְר אִיזְט, דַאס דֶער מֶלֶךְ, מִיט הָמָן, זָאלֶען קָאמֶען צוּ דֶעם מַאהְלְצֵייט, וָואס אִיךְ הָאבּ פִיר אֵייךְ פָארְגֶעבְּרֵייט: הָאט דֶער מֶלֶךְ שְׁנֶעל גֶעשִׁיקְט אוּם הָמָן, גְלֵייךְ צוּ קָאמֶען צוּ דִיא מַאהְלְצֵייט פָאן דִיא קֶענִיגֶען: בֵּיים עֶסֶען הָאט דֶער מֶלֶךְ צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, וָואס אִיזְט דֵיין בִּיגֶעהְר אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה ? אֲפִילוּ דַאס זָאלְסְט פָאן מִיר

פאַרלאַנגען, ביז דיא העלפטע פאן מיין מלכות, וועל איך עס אויך טוהען. האט אסתר געאַנטוואָרט דעם מלך, יעצט איזט מיין בּיגעהר, דאס דער מלך מיט המן, זאָלען מאָרגען נאָך איינמאָהל קאָמען צו דיא מאהלצייט, וואס איך וועל פיר איירענט וועגען פאר־ברייטען. אונד מאָרגען וועל איך דיר זאגען, וואס מיין בּיגעהר איזט פאן דיר: נאך דעם עסען, איזט המן פאן מאהלצייט געגאנגען זעהר לוסטיג, אונד פריילּיך. אונד וויא ער איזט פאַרביא געגאנגען פאר מרדכי, אונד מרדכי האט זיך פאר איהם נישט געביגט, איזט המן ערפיללט געוואָרין מיט גראָס צאָרען. ער האט זיך דעם צאָרען אין הארץ בּעהאַלטען, בּיז ער איזט אין זיין הויז געקאָמען, אונד האט געשיקט אום אַללע זיינע גוטע פריינד, אונד אויך אום זיינע פרויא (זרש). האט המן פאר זייא ערצעהלט פאן זיין גראָס עשירות, אונד וויא חשוב ער איזט ביים מלך, אונד אויך בּייא דיא קעניגען אסתר. וואס פאן אַללע שרים פאן מלך, האט זיא נישט צו דיא מאהלצייט גערופען, נאר מיך, צוזאַמען מיט דעם מלך. אונד נאך דען אַללען בּעקאָמט מיר דאס אַללעס גאר נישט, דורך דעם יוד מרדכי, וואס זיצט בּישטענדיג פאר דאס טוהר פאן מלך. האט זיין ווייב זרש, מיט זיינע גוטע פריינד צו איהם געזאגט, דער מרדכי קאמט דאך הערויס פאן דיא יודען, אזוי מוס מען עפּעס טראַכטען, מיט וועלכע זאך

מֶען וֶוערְד קֶענֶען אִיהְם צוּגְרוּנְד זֶעטְצֶען. מִיט פֵייעֶר וֶוערְסְט נִישְׁט קֶענֶען אִיהְם שְׁטְרַאפֶען, וֵוייל זֵיין פָאטֶער אַבְרָהָם אִיזְט גִירֶעטֶעט וָוארְדֶן פָאן דֶעם פֵייעֶר, בֵּייא דֶעם מֶלֶךְ (נִמְרָד). אוּנְד ווִידֶער מִיט דִיא שְׁוֶוערְט אִיהְם צוּ טֵייטֶען, אִיזְט ווִידֶער זֵיין פָאטֶער יִצְחָק פָאן דִיזֶען גִירֶעטֶעט וָוארְדֶען. אִין דִיא צֵייט, וָואס זֵיין פָאטֶער אַבְרָהָם, הָאט אִיהְם גֶעוָואלְט שַׁחְטֶן אוֹיף דֶעם אָפְּפֶער שְׁטִיהְל. ווִידֶער מִיט וַואסֶער, וֶוערְסְט אִיהְם אוֹיךְ נִישְׁט קֶענֶען שְׁטְרַאפֶען, וֵוייל זֵייעֶר רַבִּי משֶׁה מִיט אַלְלֶע יוּדֶן זֶענֶען דוּרְךְ דֶעם גְרָאסֶען וַואסֶער, פָאן יַם דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען. ווִידֶער פָאן דִיא לֶעוֶוען גְרִיבּ, אִיזְט דָנִיאֵל גִירֶעטֶעט וָוארְדֶען. נָאר נָאךְ אֵיין זַאךְ אִיזְט פַארְהַאנְדֶען, וָואס מִיר גֶעפִינֶען נִישְׁט, דַאס אֵיינֶער פָאן זֵייא הָאט זָאלִין פָאן דִיזֶען גִירֶעטֶעט וֶוערְדֶן, דַאס אִיזְט פָאן גַאלְגֶען. אַלְזָא, לַאס מַאכֶען אֵיין גַאלְגֶען אִין דֵיין הוֹיף, הוֹיךְ פִינְפְצִיג עֶלְלֶען, *) אוּנְד אִין דֶער פְרִיה, וֶוערְסְט קָאמֶען צוּם מֶלֶךְ, פָאן אִיהְם צוּ פַארְ-לַאנְגֶען, דֶעם מָרְדְכַי אוֹיף צוּ הֶענְגֶען, וֵוייל עֶר הָאט פַארְשְׁטֶעהְרְט דַאס גִיזֶעטְץ פָאן מֶלֶךְ. דַאן וֶוערְסְט

שאהן

*) דער טעם פארוואס זייא האבען געבאטען צו מאכען דעם גאלגען פינפציג עללען הויך ?, ווייל זייא האבען בעראכענט, ווען מרדכי ווערד הענגען אויף דעם גאלגען, אזו ווערד המן קענען פאן מלך׳ס פענסטער זעהן, וויא זיין פיינד מרדכי הענגט. אזו ווערד ער זיך אנעסען מיט נקמות, שטאטץ וואס ער ה.א ז פריער אזו פיעל צער געהאבט פאן איהם.

שָׁאהְן קֶענֶען קָאמֶען צוּ דִיא מַאהְלְצַייט פְרֵיילִיךְ: דַאס דָאזִיגֶע הָאט דֶעם הָמָן גוּט גֶעפַאלְלֶען. אוּנְד דִיא גַאנְצֶע נַאכְט הָאט הָמָן מִיט גֶעהָאלְפֶען מַאכֶען דֶעם גַאלְגֶען פִיר מָרְדְכַי. אוּנְד וִויא דֶער גַאלְגֶען וַואר שָׁאהְן פַארְ-פַּארְטִיגְט, הָאט זִיךְ הָמָן גֶעלָאזְט אוֹיף דֶעם גַאלְגֶען אַרוֹיף צִיהֶען, צוּ וַוייזֶען פַאר אַלְלֶע זַיין בְּנֵי הַבַּיִת, וִויא דֶער מָרְדְכַי וֶועְרד מָארְגֶען הֶענְגֶען אוֹיף דֶעם גַאלְגֶען: דִיא גַאנְצֶע נַאכְט, הָאט הָמָן נִישְׁט גֶעשְׁלַאפֶען, מַחֲמַת וָואס עֶר וַואר בִּישֶׁעפְטִיגְט מִיט דִיא בּוֹיא פָאן גַאלְגֶען. אוּנְד יֶעדֶע שָׁעָה, הָאט עֶר גֶעהוֹיפְט עֶס זָאל שָׁאהְן טָאג וֶוערְדֶן, צוּ קֶענֶען גֶעהֶן צוּם מֶלֶךְ, אוּם עֶרְלוֹיבּנִיס צוּ בִּיטֶען, אוֹיף צוּ הֶענְגֶען דֶעם מָרְדְכַי. אוּנְד אוֹיךְ מָרְדְכַי מִיט אַלְלֶע יוּדֶן פָאן שׁוּשַׁן הָאבֶּען נִישְׁט דִיא גַאנְצֶע נַאכְט גֶעשְׁלַאפֶען, מַחֲמַת וָואס זֵייא הָאבֶּען דִיא גַאנְצֶע נַאכְט מִתְפַּלֵל גִיוֶועזֶן צוּ השי"ת. אוֹיךְ אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה הָאט נִישְׁט גֶעשְׁלַאפֶען, וַוייל זִיא וַואר בִּישֶׁעפְטִיגְט פָארְצוּבְּרֵייטֶען, דַאס מַאהְלְצַייט, פִיר דֶעם מֶלֶךְ, מִיט הָמָן. אוּנְד אוֹיךְ אִין הִימֶעל, וַואר זֶעהְר אֵיין גְרָאס רַעַשׁ פָאן אַלְלֶע מַלְאָכִים, דוּרְךְ דִיא גְרָאסֶע תְּפִילוֹת פָאן דִיא יוּדֶן. אַזוֹ אִיזְט הקב"ה עֶרְ-פִילְלְט גֶעוָוארִין, מִיט עֶרְבַּארֶמְקַייט אוֹיף זַיין פָאלְק דִיא יִשְׂרָאֵל. הָאט הקב"ה גֶעבֶּאטֶען זַיינֶע מַלְאָכִים, צוּ פַארְטִימְלֶען, אוּנְד צוּ עֶרְשְׁרֶעקֶען דֶעם מֶלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ. וָואס עֶר הָאט דִיא גַאנְצֶע נַאכְט נִישְׁט

גִיקֶענְט שְׁלַאפֶען. אַזוֹ הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעבָּאטֶען פַאר אִיהְם צוּ בְּרֶענְגֶען דַאס (סֵפֶר הַזִכְרוֹנוֹת), פַאר אִיהְם פָארְצוּלֵיינֶען, וָואס אַלְלֶעס גֶעטְרָאפֶען הָאט, זֵיינֶע עֶלְטֶערִין, דִיא מְלָכִים פָאן פָּרָס: אוּנְד וִויא מֶען הָאט אַנְגֶעפַאנְגֶען פַאר אִיהְם פָארְצוּלֵיינֶען, אִיזְט אִיהְם פָארְגֶעקָאמֶען, דַאס אֵיין מַאן שְׁטֶעהְט בֵּייא אִיהְם, אוּנְד זָאגְט צוּ אִיהְם וֵוייסְט דָא מֵיין הֶערְר קֶענִיג, דִיא אוּרְזַאךְ וָואס דִיא אַזוֹ עֶרְשְׁרָאקֶען בִּיזְט ?, וֵוייל, דֶעם מַאן וָואס דִיא הַאלְסְט פַאר דֵיין בֶּעסְטֶען פְרֵיינְד, דֶער הָמָן, ווִיל דִיךְ עֶרְמָארְדֶען, אוּנְד גְלוֹיבְּט שְׁטָאטְץ דִיר צוּ קִינִיגֶען. צוּם בֶּעווייז, וֶוערְד עֶר בַּאלְד אִין דֶער פְרִיה, צוּ דִיר קָאמֶען, אוּנְד וֶוערְד פָאן דִיר פַארְלַאנְגֶען, אִיהְם צוּ עֶרְלוֹיבֶּען, אוֹיף צוּ הֶענְגֶען, דֶעם מַאן, וָואס הָאט דִיךְ גִירֶעטֶעט פָאן טוֹהְט. אוּנְד כְּדֵי דַאס דֶער מֶלֶךְ זָאל זִיךְ גֶענוֹיא תֶּעצַייגֶען, אוֹיבּ דַאס אַזוֹ אִיזְט. לַאס דֶער מֶלֶךְ דֶעם הָמָן פָארְטְרַאגֶען, דַאס עֶר זָאל פַארְאוּרְטְ ֵיילֶען, וָואס פַאר אֵיין כָּבוֹד זָאל מֶען צוּ טְהֵיילֶען, צוּ דֶעם מַאן, וָואס דֶער מֶלֶךְ ווִיל אִיהְם כָּבוֹד צוּ טְהֵיילֶען ?. אַזוֹ וֶוערְד עֶר זִיךְ דַאכְטֶען, צוּ וֶועהְם ווִיל דֶער מֶלֶךְ כָּבוֹד צוּ טְהֵיילֶען מֶעהְר וִויא צוּ מִיר ?. אַזוֹ וֶוערְד עֶר דִיר פָארְטְרַאגֶען, דֶעם מַאן צוּ בֶּעקְלֵיידֶען מִיט דִיא קְלֵיידֶער פָאן מֶלֶךְ. אוּנְד דִיא קְרָאהְנֶע פָאן מֶלֶךְ, זָאל גֶעטוּהֶען וֶוערְדֶען אוֹיף זֵיין קָאפְּף. אוּנְד אִיהְם צוּ מַאכֶען רֵייטֶען, אוֹיף דַאס פְּפֶערְד פָאן מֶלֶךְ.

דיא

דִיא אַלְלֶע דָאזִיגֶע רֵייד, אִיזְט דֶעם מֶלֶךְ פָּארְגֶעקָאמֶען,
דַאס יֶעמַאנְד רֵיידֶעט דַאס צוּ אִיהְם: אִין דֶעם הָאט
מֶען גֶעפִינֶען אִין (סֵפֶר הַזִכְרוֹנוֹת) דָאס אַרְטִיקֶעל פָאן
מָרְדְכַי, ווָאס דוּרְךְ אִיהְם אִיזְט דֶער מֶלֶךְ גִירֶעטֶעט
ווָארְדֶען פָאן טוֹהְט. ווָאס זֵיינֶע צְוֵוייא דִינֶער (בִּגְתָן
וָתֶרֶשׁ), הָאבֶען אִיהְם גֶעווָאלְט פַארְגִיפְטֶען. הָאט דֶער
מֶלֶךְ גִיפְרֶעגְט, אוּנְד ווָאס אִיזְט פַארְגֶעלְטִיגְט ווָארְדֶען
צוּ מָרְדְכַי פַאר דִיזֶען?, הָאט מֶען אִיהְם גֶעאַנְטְווָארְט.
גָאר נִישְׁט: אִין דֶעם אִיזְט הָמָן אַנְגֶעקָאמֶען, אִין דֶעם
הוֹיף פָאן מֶלֶךְ, הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיפְרֶעגְט. ווֶער אִיזְט
דֶער מַאן, ווָאס אִיזְט אַזוֹ פְּרִיה גֶעקָאמֶען, אִין הוֹיז
פָאן מֶלֶךְ?, הָאט מֶען אִיהְם גֶעזָאגְט, דֵיין גוּטֶער פְרֵיינְד
הָמָן, אִיזְט אַצִינְד אַנְגֶעקָאמֶען אִין הוֹיף פָאן מֶלֶךְ. הָאט
דֶער מֶלֶךְ גֶעזָאגְט, לַאס עֶר תֵּיכֶף פַאר מִיר קָאמֶען.
ווִיא הָמָן אִיזְט פַאר דֶעם מֶלֶךְ גֶעקָאמֶען, הָאט דֶער
מֶלֶךְ אִיהְם בַּאלְד אוֹיף דִיא פְרַאגֶע גִישְׁטֶעלְט, זָאג
אוֹיךְ מִיר, ווָאס פַאר אֵיין כָּבוֹד זָאל גֶעטוּהֶען ווֶערְדֶען,
צוּ דֶעם מַאן, ווָאס דֶער מֶלֶךְ בִּיגֶעהְרְט אִיהְם כָּבוֹד צוּ
צוּטְהֵיילֶען?, הָאט הָמָן זִיךְ גֶעדַאכְט ווֶער אִיזְט דֶען
נָאךְ אַזוֹ גֶעלִיהְבְּט בֵּיים מֶלֶךְ, ווִיא אִיךְ. הָאט הָמָן
גֶעאַנְטְווָארְט, דֶעם מַאן ווָאס דֶער מֶלֶךְ בִּיגֶעהְרְט אִיהְם
כָּבוֹד צוּ צוּטְהֵיילֶען, זָאל מֶען אִיהְם בֶּעקְלֵיידֶען מִיט
דִיא קְלֵיידֶער פָאן מֶלֶךְ. אוּנְד דִיא קְרָאהְנֶע פָאן מֶלֶךְ,
זאל

זָאל גֶעטוּהְן װֶערְדֶען אוֹיף זַיין קָאפּ. אוּנְד אִיהְם צוּ מַאכֶען רַייטֶען אוֹיף דַאס פְּפֶערְד פָאן מֶלֶךְ. אוּנְד דֶער מֶלֶךְ זָאל גֶעבִּיטֶען אֵיינֶען פָאן דִיא שָׂרִים פָאן מֶלֶךְ, דַאס עֶר זָאל דֶעם מַאן אָנְטוּהֶען דִיא קְלַיידֶער, אוּנְד עֶר זָאל פַאר אִיהְם פָארוֹיס גֶעהֶן, אוּנְד אוֹיסְשְׁרַייעֶן, אִין דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט שׁוּשַׁן, אַזוֹ װֶערְד גֶעטוּהֶען צוּ דֶעם מַאן, װָאס דֶער מֶלֶךְ בִּיגֶעהְרְט, אַן זַיין װִירְדִיגְקֵייט: װִיא דֶער מֶלֶךְ הָאט דִיא אַלְלֶע װַארְטֶער פַארְנָאמֶען פָאן הָמָן, הָאט עֶר זִיךְ גֶעדַאכְט, אַצִינְד זֶעהֶע אִיךְ, דַאס דָאס װָאס אִיךְ הָאבּ דִיא נַאכְט גִיזֶעהֶן, אִיזְט װִירְקְלִיךְ וַאהְר, װָאס הָמָן׳ס מֵיינוּנְג אִיזְט נָאר מִיךְ צוּ טֵייטֶען, אוּנְד צוּ ׳קִינִיגֶען ׳שְׁטָאטְץ מִיר: הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעזָאגְט צוּ הָמָן, מִיט אֵיין שְׁטְרֶענְגֶען בִּיפֶעהְל, אֵיילֶע דִיךְ, אוּנְד גֶעהֶע אִין צִימֶער אַרַיין, אוּנְד נִים פָאן דָארְט, מֵיינֶע ׳קֶענִיגְלִיכֶע קְלַיידֶער, װָאס פַארְצִיהְרְט זֶענֶען, מִיט פִיעֶל אֲבָנִים טוֹבוֹת, אוּנְד פֶּערֶל, אוּנְד נִים אוֹיךְ פָאן דָארְט דִיא גָאלְדִינֶע קְרָאהְנֶע, װָאס מֶען הָאט מִיר גִיבְּרֶענְגְט פָאן לַאנְד (מוֹקְדִינִיאָ) אַן דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג פָאן מֵיין קִינִיגֶען. אוּנְד נִים אוֹיךְ פָאן דָא ׳ט, דֶעם הֶעלְלֶעכ, אוּנְד דֶעם פֶאנְסְטֶער װָאס מֶען הָאט צוּ מִיר גִיבְּרֶענְגְט פָאן לַאנְד (כּוּשׁ). אוּנְד דַאן זָאלְסְט גֶעהֶן אִין שְׁטַאלְל פָאן מֵיינֶע פְּפֶערְדֶע, אוּנְד נִים פָאן דָארְט, דַאס פְּפֶערְד װָאס אִיךְ הָאבּ דַארוֹיף גֶערִיטֶען, אַם עֶרְשְׁטֶען טַאג פָאן מֵיין קִינִיגֶען. אוּנְד

ווען דאס אַללעס וועֶרד שאָהן זיין פאַרגעבְרייט, זאָלסט געהען צו דעם מָרְדֳכַי דער יוד, וואס זיצט בייא דיא טוהר פאן קעניגליכען הויז, אונד טוהע איהם אָנציהען דיא אַללע קליידער, אונד זאָלסט איהם אויף דעם פּפערד אַרויף זעטצען. דאן זאָלסט איהם אַרום פיהרען אין דיא גאַנצע שטאָט שושן, אונד זאָלסט פאַר איהם אויסשרייען, מיט איינע הויכע שטימע, דאס וועלכע וואס דיא פאַראורטהיילט האָסט: האָט הָמָן געאַנטוואָרט, דעם מלך, אין שטאָט שושן געפינט זיך מעהרערע מענשען, וואס הייסען מרדכי. האָט דער מלך צו איהם געזאָגט, דעם מרדכי מיין איך, וואס האָט מיך גירעטעט פאן טוֹהט, אונד ער זיצט בישטענדיג פאַר דיא טוהר פאן מיין הויז: וויא הָמָן האָט דאָס דאזיגע פאַרנאָמען פאן מלך, איזט איהם זיין געזיכט פאַרענדערט געוואָרין. אונד זיינע אויגען זענען איהם פאַרדונקעלט געוואָרין. אונד זיינע געדאַנקען, זענען איהם פאַרמישט געוואָרין. אונד זיינע פוס האָבען אָנגעקלאַפּט, איינער אַן אַנדערען. פאַר גראָס ציטערניס. האָט הָמָן געזאָגט צום מלך, דער דאזיגער מאַן, וואס דער מלך וויל איהם אַזו פיעל כָּבוד צו טהיילען, דער איזט מיין גרעסטער פיינד, איך וויל איהם געבען צעהן טויזענט צענטנער זילבער, נאָר דען כָּבוד לאָס מען איהם נישט צוטהיילען. האָט דער מלך צו איהם געזאָגט, צעהן טויזענט צענטנער זילבער, וועל איך

אִיהְם לַאסֶען גֶעבֶּען, אוּנְד װֶעל אִיהְם זֶעטְצֶען אִיבֶּער
דַאס אַמְט פָאן דִיר. אוּנְד דֶער כָּבוֹד זָאל נִישְׁט פַארְ-
מִיטֶען װֶערְדֶן פָאן אִיהְם. הָאט הָמָן גֶעזָאגְט צוּם מֶלֶךְ,
עֶס אִיזְט דָאךְ גֶעשִׁיקְט װָארְדֶען בְּרִיעֶף, אִין דַיין גַאנְץ
קֶענִיגְרַייךְ, צוּ מַאכֶען פַארְלִירֶען אַלְלֶע יוּדֶן, דַאס
פָאלְק פָאן מָרְדְכַי, לָאס מֶען דִיא גְזֵירָה צוּרִיק רוּפֶען
לַאסֶען, נָאר דֶעם כָּבוֹד, זָאל מֶען אִיהְם נִישְׁט צוּ-
טְהֵיילֶען. הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעזָאגְט דִיא גְזֵירָה װֶעל אִיךְ
מְבַטֵל זַיין, אוּנְד דֶער כָּבוֹד װֶערְד פָאן אִיהְם נִישְׁט
פַארְמִיטֶען װֶערְדֶען. נָאךְ דִיזֶען הָאט דֶער מֶלֶךְ מִיט
אַגְרָאס גֶעשְׁרֵייא גֶעזָאגְט צוּ הָמָן, הָמָן, הָמָן. אֵיילֶע
דִיךְ צוּ טוּהֶען, דַאס דָאזִיגֶע װָאס דִיא זֶעלְבְּסְט פַארְ-
אוּרְטְהֵיילְט הָאסְט, — — — אִיזְט הָמָן פָאן צִימֶער
גֶעגַאנְגֶען מִיט אֵיין אֵיינְגֶעבִּיקְטֶען קָאפְּף, אַזוֹ וִויא אֵיין
אָבֵל, אוּנְד הָאט גֶענָאמֶען דִיא קְלֵיידֶער מִיט דִיא
קְרָאהְנֶע פָאן מֶלֶךְ, דַאן אִיזְט עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין דִיא
שְׁטַאלְל, אוּנְד הָאט פָאן דָארְט גֶענָאמֶען דַאס פְּפֶערְד
פָאן מֶלֶךְ. דִיא קְלֵיידֶער הָאט עֶר אוֹיף זַיינֶע אַכְּסֶעלֶן
גִילֶעהְגְט, אוּנְד דַאס פְּפֶערְד הָאט עֶר בַּייא דִיא צוֹים
גֶעפִיהְרְט, אוּנְד אִיזְט נַאהֶע גֶעקָאמֶען צוּ מָרְדְכַי. אוּנְד
הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, שְׁטֶעהֶע אוֹיף דִיא מָרְדְכַי
הַצַדִיק, דֶער זָאהְן פָאן אַבְרָהָם. יִצְחָק. וְיַעֲקֹב. דֶער
זַאק, אוּנְד דִיא עֶרְד אוֹיף דַיין קָאפְּף, הָאט פִיעֶל מֶעהְר
גֶעוִוירְקְט, פָאן מַיינֶע צֶעהְן טוֹיזֶנְט צֶענְטְנֶער זִילְבֶּער.

וֵוייל אִיהְר יוּדֶן זֵייט זֶעהְר גֶעלִיהְבְּט בֵּייא עֶנְקֶער פַאטֶער אִין הִימֶעל. אוּנְד צוּ יֶעדֶע צֵייט וָואס אִיהְר טוּהְט צוּ אִיהְם אַנְרוּפֶען, טוּהְט עֶר אֵייךְ עֶרְהֶערִין, אוּנְד רֶעטֶעט אֵייךְ, פָאן עֶנְקֶערֶע פֵיינְד. אַצִינְד מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, שְׁטֶעהֶע אוֹיף פָאן דִיא עֶרְד, אוּנְד טוּהֶע אַפּ פָאן דִיר דֶעם זַאק, אַזוֹ וֶועל אִיךְ דִיךְ אָנְקְלֵיידֶען מִיט דִיא דָאזִיגֶע קֶענִיגְלִיכֶע קְלֵיידֶער, אוּנְד וֶועל דִיךְ מַאכֶען רֵייטֶען אוֹיף דֶעם פְּפֶערְד פָאן מֶלֶךְ; הָאט מָרְדְּכַי אִיהְם גֶעעַנְטְוָוארְט, דִיא הָמָן הָרָשָׁע פָאן עֲמָלֵק! פְּרִיעֶר וִוילְסְט מִיר כָּבוֹד צוּ טְהֵיילֶען, אוּנְד הֶערְנַאךְ וֶוערְסְט מִיךְ לַאסֶען אוֹיף הֶענְגֶען אוֹיף דֶעם גַאלְגֶען וָואס הָאסְט פַאר מִיר פָארְגֶעבְּרֵייט?, הָאט הָמָן אִיהְם גֶעעַנְטְוָוארְט, יַא מָרְדְּכַי! לוֹיט וִויא עֶס פִיהְרְט זִיךְ מִיר, הָאבּ אִיךְ דֶעם גַאלְגֶען, פִיר מִיךְ פָארְגֶעבְּרֵייט. אַצִינְד מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק לַאס דִיךְ פָאן מִיר אָנְקְלֵיידֶען, אִין דִיא דָאזִיגֶע קֶענִיגְלִיכֶע קְלֵיידֶער, דֶען אִיךְ בִּין אַזוֹ גֶעבָּאטֶען וָוארְדֶען פָאן מֶלֶךְ. הָאט מָרְדְּכַי צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אַזוֹ מַאן וָואס פַאסְטְעט שָׁאהְן גַאנְצֶע דְרֵייא טֶאג, וִויא אִיז עֶר אוּמְשְׁטַאנְד צוּ רֵייטֶען אוֹיף אֵיין פְּפֶערְד?. אוּנְד עֶס אִיזְט שָׁאהְן פַארְשְׁטְרָאכֶען פִיעֶל טֶעג, וָואס אִיךְ הָאבּ מִיךְ נִישְׁט גֶעוַואשֶׁען, אוּנְד אֲפִילוּ נִישְׁט מֵיינֶע הַאאַר פָאן קָאפְּף אָבְּגֶעשְׁנִיטֶען. אִיזְט הָמָן גֶעלוֹיפֶען אִין בַּאדְהוֹיז, אַזוֹ הָאט עֶר גֶעטְרָאפֶען אַלְלֶע בַּאדְהֵייזֶער פַארְשְׁלָאסֶען. הָאט הָמָן זֶעלְבְּסְט גֶעוַוארֶעמְט דַאס

וואָסער פאַרצוּריכטען איין באַד פאַר מרדכי. נאָך דעם באַד, האָט מען געבראַכט עסען פאַן אסתר המלכה. נאָך דעם עסען, האָט המן צוּ איהם געזאָגט. ליבער מרדכי, זעטצע דיך אויף דעם קעניגליכען פפערד. האָט מרדכי געזאָגט, איך האָב קיין כח אויף דעם פפערד צוּ שטייגען, האָט המן זיך נידער גילעהגט, אויף דיא ערד, אוּנד מרדכי האָט זיך אויף איהם אַרויף גישטעלט. אוּנד ביים אויפשטייגען אויף דעם פפערד, האָט מרדכי איהם מיט זיינע פוס פעסט צוּ געטרעטען. האָט המן צוּ איהם געזאָגט, עס שטייט דאָך ביי אייך געשריבען, (בנפול אויבך אל תשמח), ווען דיין פיינד ווערד פאַללען, זאָלסט דיך נישט פרייען ?. האָט מרדכי איהם געאַנטוואָרט, אַן דיר איזט מקוים געוואָרין דער פסוק וואָס שטייט, (ואתה על במותימו תדרוך): אוּנד וויא מרדכי האָט געריטען אויף דעם קעניגליכען פפערד, האָט דער מלך צוּ איהם געשיקט זיבען אוּנד צוואַנציג טויזענט יוּנגע לייט, וואָס האָבען פאַר איהם אויסגעשריגען, אַזוֹ ווערד געטוּהען צוּ דעם מאַן, וואָס דער מלך ביגעהרט אַן זיין ווירדיגקייט: אוּנד דיא יוּדען ווידער האָבען געזאָגט אַזוֹ ווערד געטוּהען צוּ דעם מאַן וואָס דער מלך וואָס ערשאַפען האָט הימעל אוּנד ערד, ביגעהרט אַן איהם: וויא אסתר המלכה האָט גיזעהן דעם כבוד פאַן מרדכי, איזט זיא זעהר בעראַשט וואָרדען, האָט זיא געזאָגט,

אויף דיר מָרְדֳכַי איזט מְקוּיָם געוואָרין דער פָּסוּק (מְקִימִי מֵעָפָר דָל, מֵאַשְׁפּוֹת יָרִים אֶבְיוֹן) : וויא הָמָן האָט מָרְדֳכַי פַארְבֵייא גֶעפִיהְרְט, פַאר זֵיין הויז, האָט דיא טָאכְטֶער פָאן הָמָן הֶערוּים געקִיקְט פָאן פֶענְסְטֶער, האָט זִיא גֶעגְלוֹיבְּט, דאס מָרְדֳכַי פִיהְרְט דַאס פְּפֶערְד, אוּנְד אִיהְר פַאטֶער הָמָן, רֵייט אויף דֶעם פְּפֶערְד. האָט זִיא גֶענָאמֶען אֵיין פָאלְל נַאכְט גֶעשִׁיהֶער, אוּנְד האָט עֶס הֶערוּנְטֶער גֶעגָאסֶען פָאן פֶענְסְטֶער אויף דֶעם קָאפְּף פָאן הָמָן. אוּנְד וִויא זִיא האָט עֶרְפַאהְרֶען, דַאס דָאס וַואר אִיהְר פַאטֶער, האָט זִיא זִיךְ פָאן פֶענְסְטֶער הֶערוּנְטֶער גֶעוואָרְפֶען, אוּנְד אִיזְט גֶעטֵייט וָוארְדֶען : אַזוֹ אִיזְט הָמָן אִין זֵיין הויז גֶעקָאמֶען (בְּאָבֵל וַחֲפוּי רֹאשׁ), אֵיין אָבֵל אִיבֶּער זֵיין טָאכְטֶער, אוּנְד זֵיין קָאפְּף וַואר פַארְדֶעקְט מִיט דֶען גוּטֶען גֶעשְׁמַאק : אִין דיא פָאר שָׁעָה, האָט הָמָן עֶרְלֶערְנְט פִיעֶר מְלָאכוֹת, אֵיין רַאזִירֶער, וָואס האָט גֶעמִיזְט זֶעלְבְּסְט דֶעם מָרְדֳכַי רַאזִירֶען. אוּנְד אֵיין בַּאאַד יוּנְג. אוּנְד אֵיין קוּטְשֶׁער. וָואס האָט זֶעלְבְּסְט דַאס פְּפֶערְד גֶעפִיהְרְט מִיט מָרְדֳכַי. אוּנְד אֵיין אוּיסְרוּפֶער. וָואס האָט פַאר מָרְדֳכַי אוּיסְגֶערוּפֶען, אויף דֶעם גַאנְצֶען וֶועג, (כָּכָה יֵעָשֶׂה לָאִישׁ, אֲשֶׁר הַמֶּלֶךְ חָפֵץ בִּיקָרוֹ).

וִויא הָמָן אִיזְט צוּ הויז גֶעקָאמֶען, האָט הָמָן עֶרְצֶעהְלְט פַאר זֵיין וֵוייבּ זֶרֶשׁ, אוּנְד פַאר זֵיינֶע גוּטֶע פְרֵיינְד, פָאן זֵיין אוּנְגְלִיק וָואס אִיהְם הֵיינְט גֶעטְרָאפֶען

הָאט. הָאט זֵיין פְרוֹיא זֶרֶשׁ, אוּנְד זֵיינֶע גוּטֶע פְרֵיינְד צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וֶוען מָרְדְכַי זָאל זֵיין פָאן דִיא צַדִיקִים פָאן זֵיין פָאלְק דִיא יוּדֶן, וָואס דִיא הָאסְט אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ פַאלְלֶען פַאר אִיהְם, וֶועְרְסְט דִיא שָׁאהְן מֶעהְר קֵיין בֶּעשְׁטַאנְד הָאבֶּען פַאר אִיהְם. נָאר דִיא וֶועְרְסְט אִין גַאנְצֶען אִין זֵיין הַאנְד אַרֵיין פַאלְלֶען: אִין דֶעם וִויא זֵייא הָאבֶּען אַזוֹ גֶעשְׁפְּרָאכֶען, זֶענֶען אָנְגֶעקָאמֶען דִיא שְׁלוּחִים פָאן מֶלֶךְ, צוּ בְּרֶענְגֶען הָמָן, אוֹיף דִיא מַאהְל-צֵייט פָאן אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה: דִיא שְׁלוּחִים פָאן מֶלֶךְ זֶענֶען מִיט אַזוֹ שְׁטְרֶענְגֶען אוֹיפְטְרַאג גֶעקָאמֶען, וָואס עֶס וַואר נִישְׁט אֵיינְמָאהְל צֵייט, דַאס הָמָן זָאל זִיךְ קֶענֶען אָבְּרֵיינִיגֶען פָאן דַאס טִינוּף, וָואס זֵיין טָאכְטֶער הָאט אִיהְם, דַאמִיט פַארְגָאסֶען. אַזוֹ אִיזְט הָמָן צוּ דִיא מַאהְל-צֵייט גֶעגַאנְגֶען מִיט גְרָאס שְׁרֶעק: אִין מִיטֶען דֶעם עֶסֶען, הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעזָאגְט צוּ אֶסְתֵּר, וָואס אִיזְט דֵיין בֵּיגֶעהְר אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה, אֲפִילוּ דַאס זָאלְסְט פָאן מִיר פַארְלַאנְגֶען, בִּיז מֵיין הַאלְבּ קֶענִיגְרֵייךְ, וֶועל אִיךְ עֶס טוּהְן, פִיר דֵיינֶעט וֶועגֶען. הָאט אֶסְתֵּר גֶעאַנְטְוָוארְט דֶעם מֶלֶךְ, וֶוען אִיךְ הָאבּ גוּנְסְט גֶעפִינֶען אִין דֵיינֶע אוֹיגֶען, אִיזְט מֵיין בֵּיגֶעהְר פָאן דִיר, מִיר צוּ שֶׁענְקֶען דַאס לֶעהְבֶּען פָאן מִיר, אוּנְד דַאס לֶעהְבֶּען פָאן מֵיין פָאלְק. דֶען מִיר אַלְלֶע זֶענֶען פַארְקוֹיפְט וָוארְדֶען, צוּם פַארְטִילְלִיגֶען, אוּנְד צוּם פַארְנִיכְטֶען, פָאן דִיא וֶועלְט. וֶוען דֶער פֵיינְד פָאן מִיר, הֶעט מִיךְ מִיט מֵיין פָאלְק

נָאר בְּלוֹיס אָנגֶעקוֹיפְּט פִיר שְׁקְלַאפֶּען, אַזוֹ הָעט אִיךְ גֶעשְׁווִיגֶען. דֶער פֵיינְד פָאן מִיר אִיזְט אוֹיךְ דֶער פֵיינְד פָאן מֶלֶךְ, דֶען עֶר טוּט נָאר נִישְׁט אַכְטֶען אוֹיף דֶען גְרָאסֶען שַׁאדֶען פָאן מֶלֶךְ, וָואס זַיין ווִירְד, ווֶען אַזוֹ אַיין גְרָאס פָאלְק, זָאל פַארְנִיכְטֶעט ווֶערְדֶען ?: הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ פָאן זַיין זִיץ עֶרְהוֹיבֶּען, מִיט גְרָאסֶען צָארֶען, אוּנְד הָאט גֶעפְרֶעגְט דִיא אֶסְתֵּר, ווֶער אִיזְט דָאס דֶער מַאן, אוּנְד וָוא אִיזְט דֶער מַאן, וָואס הָאט זִיךְ גֶעוָואהְגֶען זָאלְכֶעס צוּ טוּהֶען ? — — — הָאט אֶסְתֵּר זִיךְ אוֹיךְ אוֹיף גִישְׁטֶעלְט, אוּנְד הָאט גֶעצֵייגְט מִיט אִיהְרֶע פִינְגֶער קֶעגֶען הָמָן, אוּנְד הָאט גֶעשְׁרִיעֶן, דֶער דָאזִיגֶער בֶּעלֵיידִיגֶער! אוּנְד דֶער פֵיינְד פָאן מִיר, דֶער (הָמָן הָרָשָׁע הַזֶה). אִיזְט הָמָן זֶעהְר עֶרְשְׁרָאקֶען גֶעוָוארִין, פַאר דֶעם מֶלֶךְ, אוּנְד פַאר דִיא קֶענִיגֶען אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה. וָואס פַאר גְרָאס שְׁרֶעק הָאט עֶר נִישְׁט גִיקֶענְט אַיין וָוארְט רֵיידֶען. אוּנְד דֶער מֶלֶךְ ווִידֶער, דוּרְךְ דֶעם גְרָאסֶען צָארֶען, וָואס עֶר הָאט גֶעהַאבְּט אוֹיף הָמָן, אִיזְט פָאן צִימֶער גֶעלוֹיפֶען, אִין גַארְטֶען אַרַיין. הָאט עֶר ווִידֶער דָארְט גֶעטְרָאפֶען צֶעהְן מַאנֶען, דָאס וַואר מַלְאָכִים וָואס הָאבֶּען אוֹיסְגִיזֶעהֶען ווִיא מֶענְשֶׁען, אוּנְד אַיין יֶעדֶער הַאלְט אֵיינֶע אֵייזֶערְנֶע הַאק אִין זַיין הַאנְד, אוּנְד טוּהֶען אַרוּנְטֶערְשְׁנֵיידֶען דִיא בֶּעסְטֶע בֵּיימֶער, פָאן גַארְטֶען. הָאט דֶער מֶלֶךְ זֵייא גֶעפְרֶעגְט, וָואס טוּהְט אִיהְר ? הָאבֶּען זֵייא

גֶעזָאגְט, אוּנזֶער פַאטֶער הָמָן, הָאט אוּנְס אַזוֹ גֶעבָּאטֶען, צוּ פַארְדַארְבֶּען דֶעם גַארְטֶען פָאן מֶלֶךְ: אוּנְד אִין דִיא צַייט וָואס דֶער מֶלֶךְ וַואר אִין גַארְטֶען, אִיזְט דֶער הָמָן צוּ גֶעגַאנְגֶען צוּ אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה, זִיא צוּ בִּיטֶען אוּם פַארְצַייאוּנְג. אַזוֹ הָאט אִיהְם אַיין מַלְאָךְ אוֹיף דֶעם בֶּעט אַרוֹיף גֶעוָוארְפֶען, וָואס אֶסְתֵּר אִיזְט דַארוֹיף גֶיזֶעסֶען. וִויא דֶער מֶלֶךְ אִיזְט וִוידֶער צוּרִיק אִין שְׁפֵּייזֶע צִימֶער גֶעקָאמֶען, הָאט עֶר וִוידֶער גֶעטְרָאפֶען, וִויא הָמָן לִיגְט אוֹיף דֶעם בֶּעט פָאן דִיא קֶענִיגֶען אֶסְתֵּר. אַזוֹ הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעשְׁרִיעֶן צוּ הָמָן, מִיט גְרָאזַאמֶען צָארֶען, אוֹיךְ דַאס ווִילְסְט דִיא צוּ מִיר טוּהֶען, צוּ בֶּעצְווִינְגֶען דִיא קֶענִיגִען אִין מֵיין צִימֶער, פַאר מֵיינֶע אוֹיגֶען?. וִויא דִיא דָאזִיגֶע וֶוארְטֶער זֶענֶען פָאן מֶלֶךְ'ס מוּנְד הֶערוֹיעס גֶעגַאנְגֶען, אִיזְט דֶער הָמָן פַארְשְׁטִימְט גֶעוָוארִין, וָואס הָאט נִישְׁט גֶעווִיסְט מִיט וָואס זִיךְ צוּ פַארְטֵיידִיגֶען. אוּנְד הָאט קֵיין אֵיינְצִיג וָוארְט גֶעאַנְטְ-וָוארְט דֶעם מֶלֶךְ: הָאט זִיךְ אַנְגֶערוּפֶען אֵיין דִינֶער פָאן מֶלֶךְ, זֵיין נַאמֶען וַואר (חַרְבוֹנָה), יֶעצְט צֵייגְט זִיךְ אוֹיס דַאס דֶער הָמָן הָאט גֶעוָואלְט דֶעם מֶלֶךְ אַלֵיין טֵייטֶען, אוּנְד צוּ קִינִיגֶען שְׁטָאטְץ דִיר. צוּם בֶּעווֵייז, הָאט הָמָן גֶעלָאזְט דִיא נַאכְט אוֹיף שְׁטֶעלְלִין אִין זֵיין הוֹיז אֵיין גַאלְגֶען, פִינְפְצִיג עֶלְלֶען הוֹיךְ, אוֹיף צוּ הֶענְגֶען דֶעם מָרְדְּכַי, ווֵייל עֶר הָאט דֶעם מֶלֶךְ גִירֶעטֶעט פָאן טוֹהְט: הָאט דֶער מֶלֶךְ זִיךְ גֶעדַאכְט, אַצִינְד זֶעהֶע

איך, דאס דאס וואס איך האב דיא נאכט געזעהן, איזט וואהרהאפטיג, דאס המן'ס מיינונג איזט נישט אנדערס נאר מיך צו טייטען. האט דער מלך איין בעפעהל גיגעבן צו דיא אללע מענשן וואס דארט ווארען, געהט שנעלל, אונד הענגט אויף דעם דאזיגען המן, דער פיינד פאן מיר, אויף דעם זעלבען גאלגען. וואס ער האט פארגעבריית פיר מיין גוטען פריינד מרדכי: דאס דאזיגע, האט גאר נישט לאנג געדוירט, נאר דיא לייט האבען בעגריפען אן המן, מיט גראס געשרייא, אונד האבען איהם אין זיין הויז געפיהרט, אונד האבען איהם אויף געהאנגען אויף דעם זעלבען גאלגען וואס ער האט פארגעבריית פיר מרדכי: נאך דען איזט ערשט דער צארן פאן מלך געשטילט ווארדען. אונד אן מרדכי איזט מקוים געוואָרין דער פסוק (צדיק מצרה נחלץ, ויבא רשע תחתיו) דער צדיק ווערד פאן דיא צרה גירעטעט, אונד דער רשע קאמט שטאט זיינער:

אן דעם זעלבען טאג, האט דער מלך גיגעבען צו אסתר המלכה, דאס הויז פאן המן, דער בעליידיגער פאן דיא יודען. אונד מרדכי איזט גערופען ווארדען צום מלך, ווייל אסתר האט דעם מלך געזאגט, דאס מרדכי איהר אנקעל איזט. אונד דיא זיגעל רינג פאן מלך וואס מען האט פאן המן אבגענאמען, האט דער מלך עס איבערגעגעבען צו מרדכי: אונד אסתר האט

דֶעם מָרְדְכַי גֶעְמַאכְט, פַאר דֶעם פַא־וַואלְטֶער, א בֶּער הָמָן׳ס הויז:

נָאךְ דִיזֶען אִיזְט אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה גֶעקָאמֶען צוּם מֶלֶךְ, אוּנְד אִיזְט פַאר אִיהְם גֶעפַאלְלֶען אוֹיף אִיהְר אַנְגֶעזִיכְט, אוּנְד הָאט פַאר אִיהְם זֶעהְר גֶעוויינְט, מְבַטֵל צוּ זַיין, דִיא גְזֵירָה פָאן הָמָן הָרָשָׁע, וָואס עֶס וַואר בֶּעשְׁלָאסֶען אַלְלֶע יוּדֶען צוּ פַארְטִילְלִיגֶען. הָאט דֶער מֶלֶךְ עֶרְלַאנְגְט זַיין גָאלְדִינֶען צֶעפְּטֶער צוּ אֶסְתֵּר. הָאט אֶסְתֵּר זִיךְ עֶרְהוֹיבֶּען פָאן דִיא עֶרְד, אוּנְד הָאט צוּם מֶלֶךְ גִירֵיידֶעט מִיט גְרָאס גֶעוויין, ווֶען אִיךְ הָאבּ חֵן גֶעפִינֶען אִין דֵיינֶע אוֹיגֶען, זָאל דֶער מֶלֶךְ לַאסֶען צוּרִיק רוּפֶען, דַאס עֶרְשְׁטֶע גִיזֶעטְץ פָאן הָמָן. דֶען וִויא וֶועל אִיךְ קֶענֶען דַאס אִיבֶּערְהַאלְטֶען, צוּ צוּזֶעהְן פָאן דֶעם אוּנְגְלִיק פָאן מֵיין פָאלְק. אוּנְד וִויא וֶועל אִיךְ עֶס קֶענֶען אִיבֶּערְשְׁמַארְצֶען, צוּ צוּזֶעהְן, וִויא מֵיינֶע פַאמִילִיעֶ וֶוערְד צוּגְרוּנְד גֶעהֶן: הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעאַנְטְוָוארְט צוּ אֶסְתֵּר, דַאס דָאזִיגֶע בִּיזְט דִיר זֶעלְבְּסְט שׁוּלְדִיג. וָואס הָאסְט נִישְׁט גֶעוָואלְט פַאר מִיר מִיטְטְהֵיילֶען פָאן וֶועלְכֶען פָאלְק דִיא בִּיזְט, אַזוֹ הֶעט אִיךְ גֶעמַאכְט דִיא לֵייטֶע פָאן דֵיין פַאמִילִיעֶ, פִיר הֶערְשֶׁער. אוּנְד גִיוֶועלְטִיגֶער אִיבֶּער מֵיין לַאנְד. נָאר דִיא מֵיינֶע קֶענִיגֶען, פִירְכְט דִיךְ נִישְׁט, דֶען דִיא מִיט מָרְדְכַי קָאנְט לַאסֶען שְׁרֵייבֶּען גַאנְץ אֵיין אַנְדֶער גִיזֶעטְץ, וָואס נָאר וָואהְל גֶעפַאלְט אִין עֶנְקֶערֶע אוֹיגֶען, גוּטֶעס אוֹיף דִיא יוּדֶען, אִין נַאמֶען

מֵיינֶער. אוּנד אִיהר קָאנְט דַאס גִיזֶעטְץ בִּיקְרֶעפְטִיגֶען מִיט מֵיין זִיגֶעל. דֶען אַזוֹי שְׁרִיפְט וָואס גֶעשְׁרִיבֶּען אִיזְט אוּם נַאמֶען דֶעם מֶלֶךְ, אוּנְד עֶס וֶוערְד אוֹיךְ פַארְזִיגֶעלְט מִיט דֶעם זִיגֶעל פָאן מֶלֶךְ, אִיזְט נִישְׁט מֶעהְר צוּרִיק צוּ רוּפֶען: אַזוֹ אִיזְט גֶערוּפֶען וָוארְדֶען דִיא שְׁרֵייבֶּער פָאן מֶלֶךְ, דַאס וַואהְר, דְרֵייא אוּנְד צְוָואנְצִיג טָאג אִין חוֹדֶשׁ סִיוָן. הָאט מָרְדְכַי גֶעלָאזְט שְׁרֵייבֶּען, אוּם נַאמֶען דֶעם מֶלֶךְ, עֶס גֶעהְט יֶעצְט אַרוֹיעס אֵיין גִיזֶעטְץ פָאן מֶלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, דַאס אַלְלֶע יוּדֶען וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין זֵיין גַאנְץ קֶענִיגְרֵייךְ, זָאלְלֶען זִיךְ פַארְזַאמְלֶען אִין אַלְלֶע שְׁטֶעהְט, אַם דְרֵייצֶענְטֶען טָאג אִין חוֹדֶשׁ אֲדָר, כְּדֵי אֵיינֶע נְקָמָה צוּ טוּהֶען אַן זֵייְרֶע אַלֶע פֵיינְדֶע, אַלְלֶעם צוּ פַארְטִילְלִיגֶען, אוּנְד אַלְלֶעס זֵייעֶר פַארְמֶעגֶען צוּ רוֹיבֶּען: אוּנְד דַאס דָאזִיגֶע גִיזֶעטְץ זָאל תֵּיכֶף פַארְ-אוֹיפֶענְבַּארְט וֶוערְדֶען, אִין אַלְלֶע שְׁטֶעהְט: אוּנְד אִין דִיא שְׁטָאט שׁוּשַׁן, אִיזְט תֵּיכֶף נָאךְ אַם דֶעם זֶעלְבֶּען טָאג, דַאס גִיזֶעטְץ פַארְאוֹיפֶענְבַּאר גֶעוָוארִין: נָאךְ דֶעם אִיזְט מָרְדְכַי פָאן קֶענִיגְלִיכֶען הוֹיז גֶעגַאנְגֶען אַנְגֶעצוֹיגֶען אִין קֶענִיגְלִיכֶע קְלֵיידֶער, אוּנְד אֵיינֶע גָאלְדִינֶע קְרָאהְנֶע אוֹיף זֵיין קָאפְּף. וִויא דִיא יוּדֶען הָאבֶּען גִיזֶעהֶן דֶעם מָרְדְכַי אִין שְׁטָאט גֶעהֶן אַנְגֶע-צוֹיגֶען אִין זָאלְכֶע ווִירְדִיגֶע קְלֵיידֶער, אִיזְט אַלְלֶעס גֶעוָוארִין מִיט פָאלְלֶער פְרֵייד. אוּנְד אוֹיךְ אוֹיף יֶעדֶען אָרְט, וָואס דַאס צְוֵייטֶע גִיזֶעטְץ פָאן מֶלֶךְ, אִיזְט

בֶּעווִיסְט וָוארְדֶען, וַואר דָארְט פִּיעֶל שִׂמְחָה, אוּנְד
פֵייעֶרְטַאג גֶעהַאלְטֶען. אוּנְד פִּיעֶל פָאן דִיא גוֹיִם
הָאבֶּען זִיךְ מְגַייר גִיוֶועזֶן, מֵחֲמַת וָואס דֶער פָארְכְט
פָאן מָרְדְכַי אִיזְט אוֹיף זֵייא גֶעפַאלְלֶען:

וִויא עֶס אִיזְט גֶעקָאמֶען דֶער צְוֶועלִיפְטֶער חוֹדֶשׁ אֲדָר, דְרֵייטְצֶען טָאג אִין חוֹדֶשׁ, אַן דֶען זֶעלְבֶּען טָאג, וָואס דִיא שׂוֹנְאִים פָאן דִיא יוּדֶען, הָאבֶּען גֶעהוֹיפְט אוֹיף דֶעם שְׁטָארְקַיְט פָאן דִיא יוּדֶען, אוּנְד עֶס אִיזְט פַארְקֶעהְרְט וָוארְדֶען, וָואס דִיא יוּדֶען הָאבֶּען עֶרְלוֹיבִּינְעֶס בֶּעקָאמֶען, אֵיינֶע נְקָמָה צוּ טוּהֶען אַן זֵייעֶרֶע פֵיינְדֶע. הָאבֶּען זִיךְ דִיא יוּדֶען פַארְזַאמֶעלְט אִין אַלְלֶע שְׁטֶעהְט פָאן דֶען גַאנְצֶען קֶעניִגְרֵייךְ פָאן מֶלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, צוּ פַארְטִילְלִיגֶען זֵייעֶרֶע שׂוֹנְאִים, דָאס וַוארֶען דַאס פָאלְק פָאן עֲמָלֵק. אוּנְד נִיעֶמַאנְד הָאט זִיךְ קֶעגֶען זֵייא ווִידֶער גִיזֶעצְט. וֵוייל דֶער פָארְכְט פָאן מָרְדְכַי אִיזְט גֶעפַאלְלֶען, אוֹיף אַלְלֶע פֶעלְקֶער. אוּנְד דִיא אַלְלֶע הֶערְשֶׁער פָאן לַאנְד, הָאבֶּען עֶרְהוֹיבֶּען, אוּנְד פִּיעֶל עֶהְרֶע צוּגֶעטְהֵיילְט צוּ דִיא יוּדֶען, מַחֲמַת וָואס דֶער גְרָאסֶער רוּף פָאן מָרְדְכַי הָאט זִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייטֶעט אִין אַלְלֶע לֶענְדֶער: אַזוֹ הָאבֶּען דִיא יוּדֶען פִּיעֶל עֶרְשְׁלַאגֶען פָאן זֵייעֶרֶע שׂוֹנְאִים, דַאס אִיזְט דִיא עֲמָלֵקִים, דַאס פָאלְק פָאן הָמָן. אוּנְד אִין דִיא שְׁטָאט שׁוּשַׁן, הָאבֶּען זֵייא עֶרְשְׁלַאגֶען, פִינְף הוּנְדֶערְט מַאן, אוּנְד אוֹיךְ אַלְלֶע צֶעהְן זֶאהְנֶע פָאן הָמָן, זֶענֶען אַן דֶעם טָאג גֶעטֵייט וָוארְדֶען: נָאךְ דִיזֶען הָאט

דֶער מֶלֶךְ גֶעזָאגְט צוּ אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה, זֶעהֶע נָאר וָואס אַלְלֶעס אִיךְ הָאבּ פִיר דֵיינֶעט וֶועגֶען גֶעטוּהֶען. בְּלוֹיס אִין שְׁטָאט שׁוּשַׁן, הָאבֶּען דִיא יוּדֶען דַאס פָאלְק פָאן דִיר, עֶרְשְׁלַאגֶען פִינְף הוּנדֶערְט מַאן. אוּנְד וִויא פִיעֶל אִיזְט נָאךְ עֶרְשְׁלַאגֶען וָוארְדֶען, אִין אַלְלֶע לֶענְדֶער ?. זָאג מֵיינֶע גֶעלִיבְּטֶע, וָואס דֵיין בִּיגֶעהְר אִיזְט, וֶועל אִיךְ אַלְלֶעס פִיר דֵיינֶעט וֶועגֶען טוּהֶען. הָאט אֶסְתֵּר גֶעזָאגְט, וֶוען עֶס דֶעם מֶלֶךְ גוּט גֶעפֶאלְט, לַאס מֶען אוֹיף דֶעם מָארְגִידֶען טָאג אוֹיךְ עֶרְלוֹיבְּנִיס גֶעבֶּען, אִין דִיא שְׁטָאט שׁוּשַׁן דַאס זֶעלְבֶּע צוּ טוּהֶען אַן מֵיינֶע פֵיינְדֶע, וָואס הֵיינְט אִיזְט גֶעטוּהֶען וָוארְדֶען. אוּנְד הָמָן'ס צֶעהְן זָאהְנֶע זָאלֶען אוֹיף גֶעהָאנְגֶען וֶוערְדֶען, אוֹיף דֶעם זֶעלְבֶּען גַאלְגֶען, וָואס הָמָן הֶענְגְט. דֶער מֶלֶךְ הָאט דָאס דָאזִיגֶע אִיהְר אוֹיךְ צוּ לִיעֶבּ גֶעטוּהֶען, אוּנְד עֶס אִיזְט אֵיין בִּיפֶעהְל הֶערוֹיס גֶענַאנְגֶען, דַאס דִיא יוּדֶען פָאן שׁוּשַׁן הָאבֶּען פְרֵייא אוֹיךְ צוּ מָארְגֶען, צוּ עֶרְשְׁלַאגֶען זֵייעֶרֶע פֵיינְדֶע: אוּנְד הָמָן'ס צֶעהְן זָאהְנֶע, הָאט מֶען אוֹיף גֶעהָאנְגֶען אוֹיף דֶען זֶעלְבֶּען גַאלְגֶען וִויא הָמָן הָאט גֶעהָאנְגֶען. דֶען עֶס וַואר גֶענוּג רוּים פִיר אַלְלֶע, וֵייל הָמָן הָאט אִיהְם גֶעלָאזְט מַאכֶען פִינְפְצִיג עֶלְלֶען הוֹיךְ: וִויא מָרְדְכַי אִיזְט אַרֵיין גֶעקָאמֶען אִין הָמָן'ס הוֹיז, אוּנְד הָאט גִיזֶעהֶען וִויא זֵיין פֵיינְד הָמָן, מִיט אַלְלֶע זֵיינֶע קִינְדֶער הֶענְגֶען אוֹיף דֶעם גַאלְגֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, הָמָן הָרָשָׁע, הָאט גֶעטְרַאכְט,

שְׁלַאכְטֶעס צוּ טוּהְען, צוּ אוּנְס יוּדֶן, גַאנְץ אוּנְשׁוּלְדִיג. אַזוֹ הָאט דִיר, דֶער בּישֶׁעפֶּער פָּאן דִיא וֶועלְט, פַּארְגֶעלְטִיגְט דַיין לָאהְן, אוֹיף דַיין קָאפְּף:

אַם צְווייטֶען טָאג, דַאס וַואר פִּירְטְצֶעהְן טָאג אִין חוֹדֶשׁ אֲדָר, הָאבֶּען דִיא יוּדֶן נָאך עֶרְשְׁלַאגֶען אִין שְׁטָאט שׁוּשַׁן דְרֵייא הוּנְדֶערְט מַאן. אוּנְד אִין דִיא אִיבְּרִיגֶע לֶענְדֶער, הָאבֶּען זֵייא עֶרְשְׁלַאגֶען פָּאן זֵיירֶע פֵיינְד, פִינְף אוּנְד זִיבְּצִיג טוֹיזֶענְט מַאן, דִיא אַלֶע וַוארֶען פָּאן דִיא עֲמָלֵקִים, דִיא גְרֶעסְטֶע פֵיינְדֶע פָּאן דִיא יוּדֶען: נָאך דֶעם הָאט מָרְדְכַי דִיא דָאזִיגֶע גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע דַאס אִיזְט (מְגִילַּת אֶסְתֵּר) אוֹיף גֶעשְׁרִיבֶּען צוּם אַנְדֶענְקֶען (לַדּוֹרוֹת). אוּנְד הָאט אִין דִיא מְגִילָּה אַרַיין גֶעשְׁרִיבֶּען, פִיר אַיין גִיזֶעטְץ, יֶעדֶעס יָאהְר וֶוען עֶס וֶועְרְד קָאמֶען דֶער פִירְצֶענְטֶער טָאג, אִין חוֹדֶשׁ אֲדָר, צוּ הַאלְטֶען דֶען טָאג, פַאר אַיין פֵייעֶרְטַאג, גוּט צוּ עֶסֶען, אוּנְד פִיעֶל מַשְׁקִים צוּ טְרִינְקֶען. אוּנְד אַיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶן זָאל שִׁיקֶען (שְׁלוֹחַ מָנוֹת). אוּנְד פִיעֶל גֶעלְד צוּ פַארְטְהֵיילֶען אַן דִיא אַרְמֶע. נָאר דִיא שְׁטָאט שׁוּשַׁן, זָאל עֶרְשְׁט מַאכֶען דֶען פֵייעֶרְטַאג, אַם פִינְפְצִיטֶען טָאג אִין חוֹדֶשׁ אֲדָר. וֵוייל אַן דֶעם טָאג, הָאבֶּען זֵייא עֶרְשְׁט גֶערוּהְט פָאן צוּ עֶרְשְׁלַאגֶען זֵיירֶע פֵיינְד: אַזוֹ צֵייט דַאמַאהְלְס, אִיזְט דַאס גִיזֶעטְץ פָּאן מָרְדְכַי מִיט אֶסְתֵּר אַנְגֶענָאמֶען וָוארְדֶען בֵּייא אַלֶע יוּדֶען, צוּ הַאלְטֶען דִיא צְווייא טֶעג, דַאס אִיזְט דֶעם פִירְטְצֶענְטֶען,

אוּנְד פִינְפְצֶעְנְטֶן טָאג אִין חוֹדֶשׁ אֲדָר, אַזוֹ וִויא (יוֹם טוֹב) זִיךְ מְשַׂמֵחַ צוּ זַיין, וֶועגֶען דִיא הִילְף וָואס הַשי״ת הָאט אַן דִיא טֶעג אוּנְס יוּדֶן זָאלְכֶע גְרָאסֶע נִסִים בֶּעוִויזֶען, אוּנְד פִיעֶל צְדָקָה צוּ פַארְטְהֵיילֶען אַן דִיא אַרְמֶע אוּנְד (שְׁלוֹחַ מָנוֹת) צוּ שִׁיקֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶן : *)

פרק ח׳.

דאס בנין בית שני, וואר אין יאהר 3408 לבריאת העולם.

אִין דִיזֶען פֶּרֶק וֶוערְד עֶרְצֶעהְלְט פָאן דֶען בִּנְיַן בֵּית הַמִקְדָשׁ הַשֵׁנִי, דוּרְךְ דֶעם עֶרְלוֹיבְּנִיס פָאן דֶעם מֶלֶךְ כּוֹרֶשׁ פָאן (פָּרַס וּמָדַי).

(א)

אִין דִיא צֵייטֶען הָאבֶּען גֶעקִינִיגְט אִיבֶּער (מָדַי וּפָרַס) צְווייא קֶענִיגֶע, (דָרְיָוֶשׁ). אוּנְד (כּוֹרֶשׁ). וִויא דֶער מֶלֶךְ דָרְיָוֶשׁ הָאט זָאלִין שְׁטַארְבֶּען, הָאט עֶר קוֹדֶם מוֹתוֹ גֶעשִׁיקְט, אוּם דֶעם מֶלֶךְ כּוֹרֶשׁ, אוּנְד הָאט צוּ אִיהְם

געזאגט

*) בלויס פאן דיזען נס אליין, פאן פורים, קאן מען פארשטיין דיא גראסע השגחה, וואס השי״ת האט אימערוועהרענט אויף זיין פאלק דיא ישראל. אפילו אין דיא צייט, וואס השי״ת טוט זיין פאלק שטראפען מיט יסורים, מיינט ער עס אויך נישט פאר איינע נקמה חלילה, נאר כדי אונס מתעורר צו זיין, צו תשובה. אונד צו פארריכטען וואס מיר האבען פארדארבען. אזו וויא דיא חכמים האבען געשריבען, דאס השי״ת טוט פריער פארברייטען, דיא רפואה פאר דיא מכה. אזו וויא מיר זעהן דא בייא דעם נס פאן פורים, וואס השי״ת האט פריער פארגעברייט דיא אסתר, גענאמען צו ווערדען צום מלך אחשורוש, כדי דורך איהר זאל קענען קאמען דיא רפואה צו זיין פאלק ישראל :

גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועדְרֶע בַּאלְד שְׁטַארְבֶּען, אַזוֹ אִיבֶּער־
עֶנְפֶּערֶע אִיךְ אִין דֵיין הַאנְד, אוֹיךְ דַאס גִיוֶועלְטִיגְקֵייט
פָאן מִיר. דַאס דִיא אַלְלֵיין זָאלְסְט דָאבֶּען צוּ
גִיוֶועלְטִיגֶען אִיבֶּער (מָדַי וּפָרַס) : אַם עֶרְשְׁטֶען
יָאהְר פָאן זֵיין קִינִיגֶען, הָאט גָ׳ עֶרְוֶועקְט דַאס הַארְץ
פָאן כּוֹרֶשׁ, בַּייא הִילְפִיג צוּ זֵיין, צוּ דִיא הֵיילִיגֶע בּוֹיא
פָאן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ. ווַייל עֶר הָאט זִיךְ עֶרְמַאנְט,
דַאס עֶר הָאט אֵיינְמָאהְל אֵיין נֵדֶר גֶעטוּהֶען, פְרֵייא צוּ
שִׁיקֶען דִיא יוּדֶן פָאן זִיךְ. אוּנְד אוֹיךְ דִיא אַלְלֶע כֵּלִים
פָאן בֵּית הַמִקְדָשׁ, צוּרִיק צוּשִׁיקֶען, פָאן בָּבֶל, קֵיין
יְרוּשָׁלַיִם. אוּנְד אוֹיךְ דֶער מֶלֶךְ דָרְיָוֶשׁ, הָאט אִיהְם קוֹדֶם
מוֹתוֹ, וֶועגֶען דִיזֶען, גֶעמַאכְט בִּישְׁוֶועהְרִין : אַזוֹ הָאט
דֶער מֶלֶךְ כּוֹרֶשׁ גֶעשִׁיקְט אוּם דִיא זְקֵנִים פָאן דִיא בְּנֵי
הַגוֹלָה, אוּנְד הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, יֶעדֶער מַאן פָאן
אֵייךְ, וָואס זֵיין הַארְץ טוּט אִיהְם בֶּעוִוילְלִיגֶען, הֶערוֹיף
צוּ גֶעהֶען, קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, צוּ הֶעלְפֶען עֶרְבּוֹיעֶן, דַאס
הֵיילִיגֶע הוֹיז, פָאן דֶעם גָ׳ פָאן דִיא וֶועלְט. וָואס דֶער
רָשָׁע, דֶער מֶלֶךְ נְבוּכַדְנֶצַר הָאט חָרוּב גֶעמַאכְט, אוּנְד
הָאט צוּ אֵייךְ יוּדֶן, אַזוֹ פִיעֶל שְׁלַאכְטֶעס גֶעטוּהֶען. דִיא
אַלְלֶע זָאלִין צוּ מִיר אַהֶער קָאמֶען. אוּנְד אִיךְ כּוֹרֶשׁ,
וֶועל אֵייךְ שִׁיקֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם צוּ עֶרְבּוֹיעֶן דִיא שְׁטָאט,
אוּנְד גָאטְ׳ס הוֹיז. אוּנְד אִיךְ כּוֹרֶשׁ, דֶער קְנַאכְט פָאן
עֶנְקֶער גָ׳, וָואס דוּרְךְ זֵיין בִּיפֶעהְל, בִּין אִיךְ קֶענִיג
וָוארְדֶען, אִיבֶּער (מָדַי וּפָרַס). טוּהֶע מִיךְ פַארְפְלִיכְטֶען

צו שְׁפַּאנְדירֶען פָאן מֵיינֶע אוֹצְרוֹת, אַלְלֶעס וָואס מֶען וֶוערְד נָאר דַארְפֶען צו פַארְוֶוענְדֶען פִיר דִיא הֵיילִיגֶע בּויא: אַזוֹ הָאבֶען זיךְ אֵיינְגֶעזַאמֶלְט, דִיא אַלְלֶע חָשׁוּבֶע לֵייט, פָאן דִיא (בְּנֵי הַגּוֹלָה). דִיא אַנְפִירֶער פָאן זֵייא וַוארֶען, (עֶזְרָא הַסּוֹפֵר). (נְחֶמְיָה בֶּן חֲכַלְיָה). (מָרְדְּכַי. וִיהוֹשֻׁעַ. אוּנְד זְרוּבָּבֶל בֶּן שַׁלְתִּיאֵל). זֶענֶען דִיא אַלְלֶע גֶעקָאמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם. אוּנְד מֶען הָאט אַנְגֶעפַאנְגֶען זֶעהְר פְלֵייסִיג צו אַרְבֵּייטֶען אִין דִיא הֵיילִיגֶע בּויא פָאן דִיא שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם, אוּנְד אויךְ גָ'-ס הויז, דַאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ: אוּנְד וֶוען דַאס (מִזְבֵּחַ), אָפְּגֶעשְׁטוּהְל, וַואר פַארְפַארְטִיגְט, הָאט מֶען אויף דֶעם מִזְבֵּחַ הֶערוֹיף גִילֶעהְגְט הָאלְץ, אוּנְד דַאס פְלֵייש, פָאן דִיא קָרְבָּנוֹת אויף דֶעם הָאלְץ, אָבֶער פֵייעֶר הָאבֶען זֵייא נִישְׁט גֶעהַאבְּט. וַוייל דַאס דָאזִיגֶע אִיזְט אוּנְס יוּדֶען פַארְבָּאטֶען, לוֹיט פָארְשְׁרִיפְט דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, קֵיין פְרֶעמְדֶעס פֵייעֶר נִישְׁט הֶערוֹיף צו בְּרֶענְגֶען אויף דֶעם מִזְבֵּחַ: אַזוֹ הָאבֶען דִיא (אַנְשֵׁי הַגּוֹלָה) וֶוענֶען דִיזֶען מִתְפַּלֵּל גִיוֶועזֶן צו גָ' ב"ה, דַאס עֶר זָאל זֵייא אֵיין נֵס בֶּעוַויְיזֶען, צו שִׁיקֶען פֵייעֶר אויף דֶעם מִזְבֵּחַ: וִויא זֵייא הָאבֶען אַזוֹ מִתְפַּלֵּל גִיוֶועזֶן, וַואר דָארְט אֵיין אַלְטֶער מַאן פָאן דִיא כֹּהֲנִים, הָאט עֶר זִיךְ עֶרְמַאנְט, פָאן דֶען אָרְט, וָואס דֶער (נָבִיא יִרְמְיָהוּ) הָאט דָארְט פַארְבָּארְגֶען דַאס הֵיילִיגֶע פֵייעֶר פָאן גָ': אַזוֹ אִיזְט דֶער זָקֵן מִיט נָאךְ אַנְדֶערֶע כֹּהֲנִים גֶעגַאנְגֶען אויסֶער דִיא שְׁטָאט, וואר

דָארְט בַּייא דִיא מוֹיעֶר פָאן שְׁטָאט, אֵיינֶע הֶעלֶע. אוּנְד אֵיין גְרָאסֶער שְׁטֵיין וַואר אוֹיף דֶען אֵייְנְגַאנְג פָאן דִיא הֶעלֶע. הָאבֶּען זֵייא דֶעם שְׁטֵיין פָאן דָארְט אַרָאפּ גֶענָאמֶען, הָאבֶּען זֵייא דָארְט גֶעטְרָאפֶען, אֵיינֶע זַאכֶע, דַאס וַואר אַזוֹ וְויא פֶעט וַואסֶער. וְויא הָאנִיג, אוּנְד עֶהְל. הָאט עֶזְרָא הַסוֹפֵר גֶעבָּאטֶען דִיא כֹּהֲנִים, דַאס אֵיין יֶעדֶער זָאל פָאן דִיזֶען פֶעט וַואסֶער אַנְפִּילְלֶען אֵיינֶען פָאלְלֶען גוֹיפֶען. נָאךְ דֶעם הָאט עֶזְרָא צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, דַאס זֵייא זָאלִין דַאס וַואסֶער פָאן זֵייעֶרע הֶענְד אַרוֹיף וַוארְפֶען אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ. וְויא דַאס אִיזְט אַזוֹ גִישֶׁעהְן, אִיזְט פְּלֶעטְצְלִיךְ עֶנְטְשְׁפְּרִינְגֶען אֵיין גְרָאס פֵייעֶר, אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ, אוּנְד עֶס הָאט פַארְבְּרֶענְט אַלְלֶעם וָואס נָאר וַואר אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ. דַאס פֵייעֶר וַואר אָבֶּער אַזוֹ גְרָאס, וָואס דִיא כֹּהֲנִים הָאבֶּען גֶעמִיזְט פָאן בֵּית הַמִקְדָשׁ עֶנְטְלוֹיפֶען, מַחֲמַת וָואס דָאס פֵייעֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייט רִינְגְס אַרוּם, אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּנְד הָאט פַארְבְּרֶענְט אַלְלֶע כֵּלִים, אוּנְד אוֹיךְ אַלְלֶעם וָואס מֶען הָאט נִישְׁט נֶעטִיג גֶעדַארְפְט צוּם בֵּית הַמִקְדָשׁ. אוּנְד אֵיינְצִיגְוֵויים אִיזְט דַאס פֵייעֶר פָאן זִיךְ זֶעלְבְּסְט גֶעשְׁטִילְט וָוארְדֶען, וָואס עֶס אִיזְט נִישְׁט מֶעהְר גֶעבְּלִיבֶּען, נָאר אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ אַלֵיין: אוּנְד פָאן דֶען טַאג אַן, אוּנְד וֵוייטֶער, אִיזְט דַאס פֵייעֶר נִישְׁט מֶעהְר פַארְלָאשֶׁען וָוארְדֶן, וֵוייל מֶען הָאט טַאג טֶעגְלִיךְ צוּגֶעלֶעהְגְט הָאלְץ. אוּנְד דַאס פֵייעֶר אִיזְט נִימַאהְלְס פַארְלָאשֶׁען וָוארְדֶען:

דַאס אֵיינֶע הָאט גִיפֶעהְלְט בֵּייא דֶעם צְוֵוייטֶען בֵּית הַמִקְדָש, וָואס דֶער אָרוֹן הַקוֹדֶש, מִיט דִיא לוּחוֹת, וַואר נִישְׁט מֶעהְר צוּ פִינְדֶען. וֵוייל בֵּיים חוּרְבַּן פָאן בֵּית רִאשׁוֹן, הָאט יַרְמִיָהוּ הַנָבִיא גֶענָאמֶען דֶעם אָרוֹן מִיט דִיא לוּחוֹת, אוּנְד אוֹיךְ דִיא אַלְלֶע (יְרִיעוֹת) אוּמְהֶענְגֶען פָאן מִשְׁכּוֹן. וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעמַאכְט אִין דִיא מִדְבָּר. אוּנְד אִיזְט מִיט דִיזֶען אַלְלֶען הֶערוֹיף גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג (בּוֹג), אוּנְד הָאט דָאס אַלְלֶעס דָארְט פַארְבָּארְגֶען אִין אֵיינֶע הֶעלֶע: דִיא כֹּהֲנִים וָואס דַאמַאהְלְס וַוארֶען, הָאבֶּען גֶעוָואלְט וִויסֶען וָואס דֶער נָבִיא יַרְמִיָהוּ וֶועְרד טוּהֶען, מִיט דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶש, אַזוֹ זֶענֶען זֵייא בִּשְׁתִיקָה נָאכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יַרְמִיָהוּ. הָאט יַרְמִיָהוּ דִיא כֹּהֲנִים אָנְגֶעשְׁרִיעֶן, מִיט גֶעבֵּייזֶער, אוּנְד הָאט גֶעשְׁוָוארֶען, דַאס דָאס אָרְט פָאן דֶעם אָרוֹן, מִיט דִיא לוּחוֹת, וֶוערְד בֶּעוַואהְרְט וֶוערְדֶען, וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ אוֹיף דִיא וֶועלְט וֶוערְד וִויסֶען, אוּנְד עֶס וֶוערְד בְּלֵייבֶּען פַארְהוֹילֶען, בִּיז דִיא צֵייט וֶוערְד קָאמֶען, וָואס דֶער גוֹאֵל צֶדֶק וֶוערְד קָאמֶען, אוּנְד עֶס וֶוערְד עֶרְבּוֹיעֶט וֶוערְדֶען דַאס דְרִיטֶע בֵּית הַמִקְדָש:

נַאךְ דֶען וָואס דַאס צְוֵוייטֶע בֵּית הַמִקְדָש, וַואהְר שָׁאהְן פַארְפַארְטִיגְט, הָאבֶּען דִיא אַלְלֶע מְלָכִים פָאן (מָדַי וּפָרַס) זֶעהְר שְׁטַארְק אוּנְטֶערְשְׁטִיצְט דִיא יוּדֶן, מִיט גָאלְד. אוּנְד זִילְבֶּער. אוּנְד מִיט וֵוייטְץ. אוּנְד עֶהְל. אוּנְד וֵויין. אוּנְד אוֹיךְ מִיט רִינְדֶער. אוּנְד שַׁאף. דַאס

זֵייא זָאלֶין קֶענֶען אוּנְגֶעהִינְדֶערְט אָפְּפֶערֶען יֶעדֶען טָאג אַלְלֶע קָרְבָּנוֹת וָואס נֶעטִיג וַואר, צוּ אָפְּפֶערֶען פַאר גָ׳־ם וֶועגֶען. דֶען אַלְלֶע קֶענִיגֶע פָאן (מָדַי וּפָרַס) הָאבֶּן זֶעהְר לִיעֶב גֶעהַאבְּט, אוּנְד אוֹיךְ זֶעהְר גֶעשֶׁעצְט דִיא יוּדֶן, אוּנְד אוֹיךְ דַאס הֵיילִיגֶע הויז פָאן גָ׳:

(ב)

דַאס קֶענִיגְרֵייךְ פָאן כּוֹרֶשׁ הָאט גֶעדוּיערְט, בִּיז דִיא צֵייטֶען פָאן (אַלֶכְּסַנְדְרוּס הַמּוּקְדוֹן). וָואס דֶער אַלֶכְּסַנְדְרוּס הָאט אֵיינְגֶענָאמֶען בֶּענוּיא דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט. אוּנְד הָאט עֶרְשְׁלַאגֶען דִיא אַלְלֶע פֶעלְקֶער, וָואס הָאבֶּען פְרִיעדֶען גֶעהַאבְּט מִיט דֶעם מֶלֶךְ כּוֹרֶשׁ: דַאן וַואר עֶר שָׁאהְן אִין בְּרֵייטְשַׁאפְט, הֶערוֹיף צוּ גֶעהֶן קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, צוּ עֶרְשְׁלַאגֶען דִיא אַלְלֶע אֵיינְוָואהְנֶער פָאן דָארְט, וֵוייל זֵייא הָאבֶּען (כּוֹרֵת בְּרִית) גִיוֶועזֶן מִיט דִיא צְוֵוייא מְלָכִים, דָרְיָוֶשׁ. אוּנְד כּוֹרֶשׁ. הָאט אַלֶכְּסַנְ׳ רוּס הַמּוּקְדוֹן אַוֶועק גֶעצוֹיגֶען, מִיט זֵיינֶע גַאנְצֶע מַאכְט, פָאן שְׁטָאט (עַזָּה), צוּ קָאמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם: אוֹיף דֶעם וֶועג בֵּייא נַאכְט וִויא דֶער אַלֶכְּסַנְדְרוּס הָאט גֶעשְׁלַאפֶען, הָאט עֶר גִיזֶעהֶן אִין שְׁלַאף, וִויא עֶס קָאמְט צוּ אִיהְם אֵיין מַאן, עֶר וַואר בֶּעקְלֵיידֶעט אִין קְלֵיידֶער פָאן לַאנְנֶען, אוּנְד הָאט גֶעהַאלְטֶען אִין זֵיין הַאנְד, אֵיינֶע אוֹיסְגֶעצוֹיגִינֶע שְׁוֶוערְט, אוּנְד הָאט גֶעוָואלְט מִיט דִיא שְׁוֶוערְט עֶרְשְׁלַאגֶען דֶעם מֶלֶךְ אַלֶכְּסַנְדְרוּס. הָאט דֶער מֶלֶךְ צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט מִיט גְרָאס שְׁרֶעק, מֵיין

הֶערְר ! וַוארוּם ווִילְסְט דִיא מִיךְ עֶרְשְׁלַאגֶען? הָאט דֶער מַאן צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, זָאלְסְט ווִיסֶען, דַאס אִיךְ בִּין דָאס דֶער מַאן, וָואס גָ׳ הָאט מִיךְ צוּ דִיר גֶעשִׁיקְט, דִיר בֵּייאהִילְפִיג צוּ זַיין, אִין אַלְלֶע דֵיינֶע שְׁטְרֵייט. כְּדֵי פַאר דִיר אוּנְטֶערְטֶעניג צוּ מַאכֶען, שְׁטַארְקֶע קֶענִיגֶע, אוּנְד נָאר דוּרְךְ מִיר, טוּסְט דִיא בֶּעזִיגֶען, אִין אַלְלֶע שְׁטְרֵייטֶען, אוּנְד יֶעצְט אָבֶּער, בִּין אִיךְ גֶעשִׁיקְט וָוארְדֶן, דִיךְ צוּ טֵייטֶען, ווֵייל דִיא הָאסְט דִיךְ גֶעווַאגֶען זָאלְבֶעס צוּ טוּהֶען, צוּ וֶועלִין טֵייטֶען דִיא כֹּהֲנִים פָאן גָ׳, אוּנְד דַאס פָאלְק פָאן יְרוּשָׁלַיִם. הָאט אַלֶכְּסַנְדְרוּס צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּיטֶע דִיךְ מֵיין הֶערְר, פַארְצֵייעֶ מִיר אִיבֶּער מֵיינֶע מוּסְטֵייט. אוּנְד וֶוען דַאס דָאזִיגֶע דִיר נִישְׁט רַאכְטְפַארְטִיג אִיזְט, אַזוֹ וֶועל אִיךְ מִיךְ צוּרִיק קֶעהְרִין. הָאט דֶער מַאן צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אִיהְ פַארְצֵייעֶ עֶס דִיר. נָאר וֶוען דִיא ווִילְסְט קָאנְסְט ווֵייטֶער צִיהֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם. נָאר אָבֶּער מִיט דִיזֶען בֶּעדִינְגְנִים, דַאס גְלֵייךְ בֵּייא דֵיין אַנְקָאמֶען פַאר דִיא שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם, וֶוערְסְט דִיא עֶרְזֶעהֶן אֵיין מַאן, בֶּעקְלֵיידֶעט אִין זָאלְבֶע קְלֵיידֶער ווִיא אִיךְ, אוּנְד עֶר וֶוערְד פוּנְקְט אַזוֹ אוּיסְזֶעהֶן, ווִיא אִיךְ. אַזוֹ ווִיא דִיא וֶוערְסְט נָאר אִיהְם עֶרְזֶעהֶן, זָאלְסְט פַאלְלֶען אוּיף דֵיין אַנְגֶעזִיכְט, דִיךְ צוּ בִּיגֶען פַאר אִיהְם, בִּיז צוּ דִיא עֶרְד. אוּנְד אַלְלֶעס וָואס עֶר וֶועְרד צוּ דִיר זַאגֶען, זָאלְסְט אַלְלֶעס טוּהֶען, זָאנְסְט וֶוערְסְט דִיא גֶעטֵייט וֶוערְדֶען ; צוּ מָארְגֶען פְרִיה ווִיא

דֶער מֶלֶךְ הָאט עֶרְוַואכְט פָאן שְׁלַאף, וַואר עֶר זֶעהְר פַארְדְרִיסִיג אִיבֶּער דִיא פָארְשְׁטֶעלְלוּנְג, וָואס עֶר דִיא נַאכְט גִיזֶעהֶן הָאט. אוּנְד הָאט גָ׳ צְווִיגֶען מִיט זַיינֶע גַאנְצֶע מַחֲנֶה קַיין יְרוּשָׁלַיִם מִיט גְרָאס צָארֶען: וְוִיא זַייא זֶענֶען אַנְגֶעקָאמֶען פַאר דִיא שְׁטָאט, הָאט עֶר דָארְט גֶעלַאגֶערְט אוֹיסֶער דִיא שְׁטָאט. אוּנְד אִין דִיא שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם וַואר זֶעהְר אַיין גְרָאסֶער אַנְגְסְט, אוּנְד אַיין גְרָאס שְׁרֶעק, ווייל דֶער נַאמֶען פָאן אַלֶכְּסַנְדְרוּס וַואר שָׁאהְן גוּט בֶּעקַאנְט אוֹיף דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט, דַאס אוֹיף וֶועלְכֶען אָרְט וְוִיא עֶר אַהִין קָאמְט, טוּט עֶר אַלְלֶעס פַארְווִיסְטֶען. אַזוֹ הָאבֶּען זִיךְ אַיינְגֶעזַאמֶעלְט דַאס גַאנְצֶע פָאלְק פָאן יְרוּשָׁלַיִם, אוּנְד אַלְלֶעס הָאט גֶעפַאסְטֶעט, אוּנְד מִתְפַּלֵל גִיוֶועזֶן צוּ גָ׳, דַאס עֶר זָאל זַיין פָאלְק, אוּנְד זַיין שְׁטָאט שִׁיטְצֶען פָאן פֵיינְד. צוּ מָארְגֶען נָאךְ דֶעם תַּעֲנִית, זֶענֶען דִיא חָשׁוּבֶע לַייט פָאן שְׁטָאט עֶנְטְגֶעגֶען גֶעגַאנְגֶען דֶעם מֶלֶךְ אַלֶכְּסַנְדְרוּס, אִיהְם צוּ בִּיטֶען דַאס עֶר זָאל נִישְׁט פַארְדַארְבֶּען דִיא הַיילִיגֶע שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם. אוּנְד (חֲנַנְיָה הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל) *) וַואר אוֹיךְ מִיט זַייא. אוּנְד עֶר וַואר בֶּעקְלֵיידֶעט אִין קְלֵיידֶער פָאן לַאנְגֶען. דַאן זֶענֶען אַלְלֶע שְׁטֶעהְן גֶעבְּלִיבֶּען, אוּנְד חֲנַנְיָה מִיט נָאךְ אַנְדֶערֶע כֹּהֲנִים זֶענֶען נַאהֶע גֶעגַאנְגֶען צוּ דַאס לַאגֶער פָאן אַלֶכְּסַנְדְרוּס. וְוִיא דער

*) אין דיא גמרא יומא ווערד גיברענגט, דאס דער כהן גדול, האט געהייסען „שמעון הצדיק".

דֶער אַלֶכְּסַנְדְרוּס הָאט עֶרְזֶעהֶן דֶעם חֲנַנְיָה הַכֹּהֵן, הָאט עֶר זִיךְ גֶעאֵיילְט, אוּנְד הָאט הֶערָאפּ גֶענִידֶערְט פָאן זֵיין רֵייטְוַואגֶען, אוּנְד אִיזְט גֶעפַאלְלֶען אוֹיף זֵיין פָּנִים, אוּנְד הָאט זִיךְ פַאר אִיהְם גֶעבִּיגְט בִּיז צוּ דִיא עֶרְד. הָאבֶּען דִיא אִיבְּרִיגֶע מְלָכִים וָואס וַוארֶען מִיט אַלֶכְּסַנְדְרוּס, צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וַוארוּם טוּט זִיךְ דֶער עֶרְהוֹיבֶּינֶער קֶענִיג אַלֶכְּסַנְדְרוּס בִּיגֶען פַאר דֶעם דָאזִיגֶען מַאן, וָואס הָאט נִישְׁט אֵיינְמָאהְל כֹּחַ צוּ קֶענֶען שְׁטְרֵייטֶען ?. הָאט עֶר זֵייא גֶעאַנְטְוָוארְט, לַאס אֵייךְ דַאס דָאזִיגֶע קֵיין וְוינְדֶער זֵיין. דֶען דֶער עֶנְגֶעל, וָואס גֶעהְט פָארְאוֹיס פַאר מִיר אִין אַלְלֶע מֵיינֶע שְׁטְרֵייט, זֶעהְט אַזוֹי אוֹיס וְויא דֶער דָאזִיגֶער מַאן, וָואס אִיךְ הָאבּ מִיךְ צוּ אִיהְם גֶעבִּיגְט :

נָאךְ דִיזֶען אִיזְט חֲנַנְיָה הַכֹּהֵן מִיט דֶעם מֶלֶךְ אַלֶכְּסַנְדְרוּס אִין שְׁטָאט גֶעגַאנְגֶען. הָאט חֲנַנְיָה דֶעם מֶלֶךְ אַרֵיין גֶעפִיהְרְט אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּנְד הָאט אִיהְם אַלְלֶעס גֶעוִויזֶען. הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעזָאגְט צוּ אִיהְם, גֶעלוֹיבְּט אִיזְט דֶער גָ׳ פָאן דִיא יוּדֶען, דֶער גָ׳ פָאן דִיזֶען הוֹיז. אוּנְד וָואהְל אִיזְט צוּ אֵייךְ יוּדֶען, וָואס אִיהְר דִיא זְכִיָה הָאט, צוּ בֶּעדִינֶען, עֶנְקֶער עֶרְהוֹיבִּינֶען גָ׳, אוֹיף דִיזֶען הֵיילִיגֶען אָרְט : נָאר אֵיין זַאךְ וֶועל אִיךְ דִיךְ בִּיטְטֶען, אִיךְ וִויל מִיר לַאסֶען מַאכֶען אֵיינֶע זַאכֶע פִיר אֵיין אַנְדֶענְקֶען. גֶעהְמְלִיךְ אִיךְ וֶועל לַאסֶען אוֹיסְ־אַרְבֵּייטֶען אֵיין בִּילְד פָאן פֵּיין גָאלְד, אִין דֶעם זֶעלְבֶּען

גֶעשְׁטַאלְט, פָאן מִיר, אוּנְד דַאס בִּילְד זָאל בְּלַייבֶּען בִּישְׁטֶענְדִיג שְׁטֶעהֶן בַּייא דִיא טוֹהְר פָאן דַאס בֵּית הַמִקְדָשׁ. הָאט חֲנַנְיָה הַכֹּהֵן צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דַאס גָאלְד וָואס דֶער קֶענִיג וִויל שְׁפֶּענְדֶען, לַאס לִיבֶּער דֶער קֶענִיג, דַאס גָאלְד גֶעבֶּען צוּ דִיא אַרְמֶע כֹּהֲנִים פָאן דֶען הֵיילִיגֶען הויז. אוּנְד אִיךְ וֶועל פִיר דִיךְ לַאסֶען מַאכֶען, אֵיין אַנְדֶערֶן אַנְדֶענְקֶען, פִיעֶל גְרֶאסֶער, קֶענֶען וָואס דִיא פַארְלַאנְגְסְט הָאסְט. הָאט אַלֶכְּסַנְדְרוּס צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אוּנְד וָואס וֶוערְד דָאס זַיין דַאס אַנְדֶענְקֶען? הָאט חֲנַנְיָה אִיהְם גֶעאַנְטְוָוארְט, דַאס אַנְדֶענְקֶען וֶוערְד זַיין, דַאס דִיא אַלֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלִין אִין דִיזֶען יַאהְר גֶעבּוֹרִין וֶוערְדֶען צוּ דִיא כֹּהֲנִים, וֶועלִין אַלֶע גֶערוּפֶען וֶוערְדֶען, מִיט דֶען נַאמֶען פָאן דִיר „אַלֶכְּסַנְדְרוּס" אָבֶּער דָאס וָואס דִיא פַארְלַאנְגְסְט הָאסְט, צוּ מַאכֶען אֵיין בִּילְד אִין ג׳-ם הויז, דַאס אִיזְט צוּ אוּנְס יוּדֶן שְׁטְרֶענְגְסְט פַארְבָּאטֶען. דָאס דָאזִיגֶע הָאט דֶעם אַלֶכְּסַנְדְרוּס גוּט גֶעפַאלֶען. אוּנְד עֶר הָאט פִיעֶל גֶעלְד גִישֶׁענְקְט צוּם בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּנְד הָאט גֶעבִּיטֶען דֶעם חֲנַנְיָה, דַאס עֶר זָאל אִיהְם זַאגֶען, אוֹיבּ עֶר וֶוערְד בֶּעגְלִיקֶען אִין זַיינֶע שְׁטְרֵייטֶען. הָאט חֲנַנְיָה צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דִיא קָאנְסְט גַאנְץ אָהְן בֶּעזָארְגְט קְרִיעֶג פִיהְרֶען מִיט דֶעם וָואס דִיא ווילְסְט, דֶען ג׳ אִיזְט מִיט דִיר:

פרק ט׳.

אין דיעזען פרק ווערד ערצעהלט וואס האט זיך פאסירט נאך דעם טוהט פאן (אלכסנדר המוקדון).

(א)

נאך דען טוהט פאן אלכסנדרוס המוקדון, איזט זיין קעניגרייך צוטהיילט װארדען, אויף פיעל טהייל: דער פעלדמארשאהל פאן אלכסנדרוס, וואס זיין נאמען וואר, (אנטיפאטרוס) האט געקיניגט איבער דאס לאנד, פאן דיא (יונים): אונד נאך איהם האט געקיניגט, איבער דיא (יונים) איין אלטער מאן זיין נאמען וואר (בארדאקוס): אונד נאך איהם האט געקיניגט זיין זאהן (סליקוס): זענען צו דעם קעניג פאן דיא יונים דער (סליקוס) געקאמען איינינע שאלקאפטיגע מענשען פאן דיא יודען, אונד האבען צו איהם געזאגט, מיר זענען צו דיר געקאמען, אום דיך אויפמארקזאם צו מאכען, וועגען דאס גראסע רייכטהום פאן גאלד, אונד זילבער, אונד פיעל אבנים טובות, וואס געפינט זיך אין בית המקדש, פאן דיא יודען, אזו גראס רייכטהום וואס עס האט גאר קיין צאהל. אזו גראס רייכטהום, פאסט נאר צו זיין אין מלך׳ס שאטצקאמער: האט דער מלך (סליקוס) זיך געלאזט אנריידען פאן זייא. אונד האט געשיקט קיין ירושלים איין מאן פאן זיינע משפחה, זיין נאמען וואר (אליאודוס). צו צונעמען אללעס פארמעגען וואס זיך געפינט אין בית המקדש: פלעטצליך איזט דער

(אַלִיאוּדוּס) גֶעקָאמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, אוּנְד עֶר הָאט מִיט זִיךְ גֶעהַאבְּט פִיעֶל מִילִיטֶער. הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אוּם דֶעם כֹּהֵן הַגָּדוֹל, וָואס דַאמַאהלְס וַואר, אוּנְד הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וֵויסְט דִיא וֶועגֶען וָואס אִיךְ בִּין הִיעֶר אַהֶער גֶעקָאמֶען ?, דֶער קֶענִיג (סַלִיקוּס) הָאט מִיךְ אַהֶער גֶעשִׁיקְט צוּזַאמֶען צוּ נֶעמֶען, אַלְלֶעס רֵייכְ-טְהוּם, אַזוֹ גוּט פָאן גָאלְד, אוּנְד זִילְבֶּער, וְויא אוֹיךְ אַלְלֶע אֲבָנִים טוֹבוֹת וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין עֶנְקֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ. אוּם עֶס צוּ אִיבֶּערְלִיפֶערֶן מֵיין הֶערְר דֶער קֶענִיג פָאן מוּקְדוֹן. הָאט דֶער הַכֹּהֵן צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וַוארוּם זָאל דֶער מֶלֶךְ זָאלְכֶעס פַארְלַאנְגֶען, אוֹיסְצוּ-רוֹיבֶּען דַאס רֵייכְטְהוּם פָאן דֶען הוי״ז, פָאן דֶעם שְׁטַארְקֶען אוּנְד אַלְמֶאכְטִיגֶען גָ׳, וָואס אַלְלֶע נְפָשׁוֹת פָאן אַלְלֶע לֶעבֶּענְדִיגֶע וֶועזֶען, אִין זַיין הַאנְד אִיזְט ?. דֶער (אַלִיאוּדוּס) הָאט אָבֶּער גָאר נִישְׁט גֶעאַכְטֶעט אוֹיף זַיין מָארַאהְל זַאגֶען. נָאר עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט פָאן זַיינֶע מֶענְשֶׁן צוּ בֶּעוַואכֶען דַאס גַאנְצֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ פָאן אַלְלֶע זַייטֶען: וְויא דִיא זַאךְ אִיזְט בֶּעוְוּיסְט וָוארְדֶען צוּ דִיא אֵיינְוָואהְנֶער פָאן יְרוּשָׁלַיִם, וַואר אִין דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט זֶעהְר אַיין גְרָאס גֶעוֵויין, אוּנְד אַלְלֶעס הָאט מִתְפַּלֵל גִיוֶועזֶן צוּ גָ׳ וֶועגֶען דִיזֶען. דַאס דֶער כָּבוֹד פָאן זַיין הֵיילִיג הוי״ז, זָאל נִישְׁט קָאמֶען אִין דִיא הַאנְד פָאן פֵיינְד: אוּנְד חֲנַנְיָה הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל, מִיט נָאךְ אַנְדֶערֶע כֹּהֲנִים, הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעקְלֵייד אִין זֶעק. אוּנְד הָאבֶּען

גֶעהַאלְטֶען זַיירֶע הֶענְד פַארְשְׁפְּרַייט קֶעגֶען הִימֶעל, אוּנְד הָאבֶּען זֶעהְר שְׁטַארְק מִתְפַּלֵל גִיוֶועזֶען צוּ גָ׳: צוּ מָארְגֶען, אִיזְט דֶער (אַלִיאוּדוּס) מִיט נָאךְ אַנְדֶערֶע הֶערְרֶען צוּ גֶעגַאנְגֶען צוּם בֵּית הַמִקְדָשׁ. אוּנְד וִויא דִיא אַלְלֶע וַוארֶען שָׁאהְן אִינְוֶוענְדִיג אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ. הָאט גָ׳ גֶעמַאכְט הֶערֶען זֶעהְר פָארְכְטְבַּארֶע קוֹלוֹת פָּאן דָאנֶערִין. אַזוֹ זֶענֶען דִיא אַלְלֶע שָׂרִים, פָּאן דָארְט הֶערוּיס גֶעלָאפֶען, אוּנְד אֵיין יֶעדֶער הָאט זִיךְ פַּארְשְׁטֶעקְט, אוּנְד פַּארְבָּארְגֶען. נָאר דֶער (אַלִיאוּדוּס) אִיזְט גַאנְץ אַלְלֵיין אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען, שְׁטֶעהֶען אִין מִיטֶען בֵּית הַמִקְדָשׁ. זֶעהְר עֶרְשְׁרָאקֶען. אִין דֶעם וִויא עֶר אִיזְט אַזוֹ גֶעשְׁטַאנֶען עֶרְשְׁרָאקֶען, הָאט עֶר פְּלֶעטְצְלִיךְ עֶרְזֶעהֶען וִויא עֶס קָאמְט צוּ אִיהְם אֵיין מַאן. וָואס זַיין גֶעשְׁטַאלְט וַואר זֶעהְר פָארְכְטְבַּאר אָנְצוּזֶעהֶען, בֶּעקְלֵיידֶעט אִין גָאלְדִינֶע קְלֵיידֶער, פַּארְצִיהְרְט מִיט פִיעֶל אֲבָנִים טוֹבוֹת, אוּנְד עֶר וַואר אוֹיךְ בֶּעקְלֵיידֶעט מִיט שְׁטְרֵייט גִיוֶועהְר, אוּנְד הָאט גֶערִיטֶען אוֹיף אֵיין גְרָאס פְּפֶערְד. הָאט זִיךְ דֶער (אַלִיאוּדוּס) גֶעשְׁטַארְקְט, אוּנְד אִיזְט צוּ גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם מַאן. אַזוֹ הָאט דַאס פְּפֶערְד אִיהְם פֶעסְט גֶעשְׁלַאגֶען מִיט זַיינֶע פוּס, בִּיז עֶר אִיזְט צוּ דִיא עֶרְד גֶעפַאלְלֶען. אַזוֹ אִיזְט דֶער מַאן מִיט דֶעם פְּפֶערְד גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהֶען אוֹיף זַיין קָארְפֶּער, אוּנְד הָאט גֶעזָאגְט צוּ אַנְדֶערֶע צְוַוייא יוּנְגֶע לֵייט, וָואס וַוארֶען בֶּעקְלֵיידֶעט אִין וַוייסֶע קְלֵיידֶער פָּאן לַאנְגֶען,

אונד אין זײרע הענד האבען זײא געהאלטען לאנגע װײנרעבען, שלאגט דעם פײנד! שלאגט דעם פײנד! װאס נאר איהר קאנט, אהנע ערבארמקײט. אזו האבען דיא צװײא לײט איהם געשלאגען יעדער פאן אײנע אנדרע זײט, אהנע רחמנות. אזו לאנג ביז דער (אליאודוס) איזט געבליבען ליגען פארשטימט עס האט װעניג גיפעהלט דאס ער זאל שטארבען. אונד ער איזט אזו געבליבען ליגען פארשטימט אויף דען פוסבאדען: זענען צו איהם צוגעקאמען אײניגע כהנים, אונד האבען איהם פאן דיא ערד ערהױבען, אונד האבען איהם איבערליפערט, צו זײנע מענשען: האבען זײא איהם געטראגען, אין זײן צימער ארײן, אונד האבען איהם נידער גילעהגט, אויף זײן גילעהגער. אונד ער איזט אזו גילעגען, פארשטימט װאס האט קײן װארט ניקאנט רײדען:

נאך דיזען זענען דיא שרים פאן מוקדון געקאמען צו חניה כהן, אונד האבען פאר איהם געװײנט, דאס ער זאל מתפלל זײן פיר זײן קנאבט (אלאודוס), אונד אויך פיר זײרענט װעגען, דאס זײא זאללען נישט שטארבען. דען אצינד איזט אונס בעװיסט װארדען, דאס עס עקסעסטירט נישט אײן אנדרע ג', זאנדערע ענקער ג'. האט חניה הכהן מתפלל גיװעזן צו ג'. אזו זענען דיא זעלבע צװײא יונגע לײט, װאס האבען איהם אזו פארכטבאר געשלאגען, צו איהם געקאמען

בֵּייא נַאכְט אִין חָלוֹם, אוּנְד הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, ג׳ הָאט עֶרְהֶערְט דַאס גִיבֶּעהְט פָאן חֲנַנְיָה הַכֹּהֵן, פִיר דֵיינֶעט וֶועגֶען. יֶעצְט שְׁטֶעהֶע אוֹיף, אוּנְד גֶעהֶע צוּ חֲנַנְיָה הַכֹּהֵן, אוּנְד זָאלְסְט דִיךְ פַאר אִיהְם בִּיגֶען בִּיז צוּ דִיא עֶרְד, דֶען נָאר דוּרְךְ אִיהְם, בִּיזְט דִיא לֶעהְבֶּען גֶעבְּלִיבֶּען. אוּנְד מִיר גֶעבֶּען דִיר אֵיין מוֹפֵת אוֹיף דִיזֶען, דַאס תֵּיכֶּף וִויא עֶס וֶועְרד נָאר טָאג וֶוערִין, וֶוערְסְט דוּא אַנְפַאנְגֶען צוּ רֵיידֶען. וִויא עֶס אִיז טָאג גֶעוָוארִין, הָאט עֶר אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֵיידֶען, אוּנְד הָאט זִיךְ אוֹיף זֵיינֶע פוּס גִישְׁטֶעלְט. אוּנְד אִיזְט גְלֵייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ חֲנַנְיָה הַכֹּהֵן, אוּנְד אִיזְט פַאר אִיהְם גֶעפַאלְלֶען צוּ דִיא עֶרְד. אוּנְד הָאט גִיזֶעגְנְט, דֶער ג׳ פָאן דִיא יוּדֶן אִיזְט דֶער אֵיינְצִיגֶער גָ׳. אוּנְד הָאט פִּיעֶל גָאלְד אוּנְד זִילְבֶּער גִישֶׁענְקְט פַאר אֵיין פְּרֵיזֶענְט צוּ גָ׳ס הוי״ז. אַם צְוֵויטֶען טָאג, אִיזְט אַלִיאוּדוּס מִיט זֵיינֶע מֶענְשֶׁן צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיין הֶערר דֶער קֶענִיג מוּקְדוֹן, אוּנְד הָאט אִיהְם עֶרְצֶעהְלְט פָאן דִיא גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע וָואס הָאט אִיהְם גֶעטְרָאפֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם: נָאךְ דִיזֶען הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעלָאזְט אוֹיף זוּכֶען דִיא שְׁלַאכְטֶע מֶענְשֶׁן פָאן דִיא יוּדֶן וָואס הָאבֶּען אִיהְם צוּ דִיזֶען צוּגֶערַאטְהֶען, אוּנְד הָאט זֵייא גֶעלָאזְט טֵיטֶען מִיט עֲנִיִים קָשִׁים. אוּנְד פָאן נוּן אַן, הַאט דֶער מֶלֶךְ (סוֹלִיקוּס) יֶעדֶעס יָאהְר גֶעשִׁיקְט גְרָאסֶע פְּרָאזֶענְטֶע צוּ גָ-׳ס הוי״ז, וָואס וַואר אִין יְרוּשָׁלַיִם:

פרק י׳.

„מעשה יהודית".

מִיר קַאנֶען נִישְׁט גֶענוֹיא בֶּעצֵייכְנֶען דַאס יאָהר צאָהל פָאן דִיא „מַעֲשֶׂה יְהוּדִית" נָאר לוֹיט וִויא דִיא גֶעשִׁיכְטֶע װֶערְד גִיבְּרֶענְגְט (בספר כתובים אחרונים), וַואר עֶס נָאךְ בִּנְיַן בַּיִת הַשֵּׁנִי, בֶּעפָאהר עֶס הָאט זִיךְ אַנְגֶעפַאנְגֶען (מֶמְשָׁלוֹת הַחַשְׁמוֹנָאִים:

(א)

דֶער מֶלֶךְ (אַשׁוּר) פָאן (בָּבֶל) הַאט וָואלְלֶען שְׁטְרֵייטֶען מִיט דֶעם מֶלֶךְ (אַרְפַּכְשַׁד) פָאן (מָדַי). הָאט דֶער קֶענִיג פָאן (אַשׁוּר) גֶעשִׁיקְט אָם פִּיעֶל קֶענִיגֶע וָואס וַוארֶען זֵיינֶע אוּנְטֶערְטַאהְנֶע צוּ אִיהְם צוּ קָאמֶען װֶעגֶען הִילְפֶע. הָאבֶּען דִיא קֶענִיגֶע דַאס דָאזִיגֶע אִיהְם פַארְזָאגְט, וַוייל זֵייא הָאבֶּען זִיךְ נִישְׁט וָואלְלֶען פֶער־הַאסְט מַאכֶען מִיט דֶעם קֶענִיג פָאן (מָדַי): הָאט דֶער מֶלֶךְ פָאן (אַשׁוּר) גַאנְץ אַלֵיין מִיט אִיהְם גֶעשְׁטְרִיטֶען אוּנְד הָאט אִיהְם בֶּעזִיעֶגְט: נוּר עֶר הָאט וָואלְלֶען אֵיינֶע נְקָמָה טוּהֶען אַן דִיא אַלְלֶע קֶענִיגֶע וָואס הָאבֶּען נִישְׁט גֶעאַכְטֶעט אוֹיף זֵיין בִּיפֶעהְל. הָאט דֶער קֶענִיג פָאן (אַשׁוּר) גֶעשִׁיקְט זֵיין גְרֶעסְטֶען פֶעלְד הֶערְר (הִילְפָּרְנִשׁ) מִיט זֶעהְר פִּיעֶל פָאלְק צוּ שְׁטְרֵייטֶען מִיט דִיא אַלְלֶע קֶענִיגֶע אָהְנֶע עֶרְבַּארְמֶקֵייט. אוּנְד אִין אֵיינֶע קוּרְטְצֶע צֵייט הָאט (הִילְפָּרְנִשׁ) פִּיעֶל פָאן זֵייא בֶּעזִיעֶגְט, דֶעם קֶענִיג (פּוּט). אוּנְד (לוּד). אוּנְד דִיא (בְּנֵי תַרְשִׁישׁ). אוּנְד (בְּנֵי יִשְׁמָעֵאל). אוּנְד אוֹיךְ דָאס גַאנְצֶע לַאנְד (קִילִיקִיאָ).

בִּיז זַיין פָאַרְכְט אִיזְט גֶעפַאלְלֶען אוֹיף פִיעֶל פֶעלְקֶער
וָואס אַלְלֶע הָאבֶּען זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבֶּען, וָואס הָאבֶּען
מִיט אִיהְם פְרִיעֶדֶען גֶעשְׁלָאסֶען: דֶער אוֹיסְנַאמֶע וָואס
הָאבֶּען נִישְׁט וָואלְלֶען מִיט אִיהְם פְרִיעֶדֶען שְׁלִיסֶען:
וַוארֶען דָאס פָאלְק (יְהוּדָה), ווייל זַייא הָאבֶּען זִיךְ
גֶעפָארְכְטֶען, דַאס דֶער (הִילְפֶּרְנִשׁ) זָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֶערְן
דִיא אַלְלֶע גִיזֶעטְצֶע פָאן זַייעֶר תּוֹרָה, אַזוֹ וִויא עֶר
גֶעטוּהֶען הָאט צוּ דִיא אַלְלֶע פֶעלְקֶער, וָואס עֶר
בֶּעזִיעֶגְט הָאט. וָואס אַלְלֶע הָאבֶּען מוּסֶען אַנְנֶעמֶען
דָאס גִיזֶעטְץ פָאן דֶעם מֶלֶךְ (אַשּׁוּר): הָאט (אַלְיָקִים
הַכֹּהֵן גָדוֹל), אֵיין בִּיפֶעהְל גִיגֶעבֶּען דַאס גַאנְצֶע פָאלְק
דִיא יוּדֶען, צוּ בֶּעוַואכֶען דִיא אַלְלֶע הוֹיכֶע בַּארְגֶער פָאן
לַאנְד, אוּנְד אוֹיךְ צוּ בִּיפֶעסְטִיגֶען דִיא אַלְלֶע שְׁטֶעהְט,
וָואס זֶענֶען בֵּייא דִיא גְרֶענִיטְץ פָאן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. כְּדֵי
צוּ פַארְמֵיידֶען דֶעם אֵיינְגַאנְג פָאן פֵיינְד אִין זֵייעֶר לַאנְד:
וִויא (הִילְפֶּרְנִשׁ) אִיזְט גֶעקָאמֶען צוּ דִיא שְׁטָאט (בְּתוּל)
וָואס וַואר בֵּייא דִיא גְרֶענִיטְץ, הָאט עֶר גִיזֶעהְן וִויא
דִיא יוּדֶען טוּהֶען שְׁטַארְק בֶּעוַואכֶען אוֹיף דִיא אַלְלֶע
בַּארְגֶער וָואס זֶענֶען רִינְגְס אַרִים אִין שְׁטָאט. הָאט דָאס
אִיהְם זֶעהְר גֶעגְרִימְט. הָאט עֶר נַאכְגֶעפָארְשְׁט צוּ וִויסֶען
פָאן דִיא גְבוּרָה פָאן דִיא יוּדֶען, וָואס טוּהֶען זִיךְ אוּנְטֶער-
נֶעמֶען מִיט מִיר צוּ שְׁטְרֵייטֶען. אִיזְט צוּ אִיהְם צוּגֶע-
קָאמֶען, אֵיין שַׂר פָאן (בְּנֵי עַמּוֹן), וָואס זַיין נַאמֶען וַואר
אכיור

(אַבְיוֹר). אוּנְד הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דַאס אַזוֹ לַאנְג וָואס דִיא יוּדֶן טוּהֶען טְרֵייא דִינֶען צוּ זֵייעֶר גָ', קָאן זֵייא, קֵיין שׁוּם מֶלֶךְ, עֶפֶּעס שְׁלַאכְטֶעס טוּהֶען. אוֹיסֶער אִין דִיא צֵייט וָואס זֵייא טוּהֶען פַארְלַאסֶען דִיא גֶעבָּאט פָאן זֵייעֶר גָ', פַארְלִירֶען זֵייא זֵייעֶר גַאנְצֶען כֹּחַ. אוּנְד פַאלְלֶען פַאר זֵייעֶר פֵיינְד: וְויא (הִילְפֶּרְנְשׁ) הָאט דָאס פָאן אִיהְם פַארְנָאמֶען אִיזְט עֶר זֶעהְר אִין צָארֶען אַרֵיין גֶעקָאמֶען אוֹיף דֶעם (אַבְיוֹר), הָאט עֶר אִיהְם לַאסֶען שְׁלִיסֶען אִין קֶעטְטֶען אוּנְד הָאט אֵיין בִּיפֶעהְל גִיגֶעבֶּן, אִיהְם צוּ טְרָאגֶען בִּיז דַאס טוֹהְר פָאן שְׁטָאט (בְּתוּל). דֶען עֶר הָאט גֶעזָאגְט, לַאס עֶר דָארְט אַזוֹ לַאנְג פַארְבְּלֵייבֶּען, בִּיז אִיךְ וֶועל אִין דִיא שְׁטָאט קָאמֶען, וֶועְרד עֶר צוּזַאמֶען עֶרְמָארְדֶעט וֶוערְדֶען מִיט דִיא שְׁטָאט לֵייט. וְויא מֶען הָאט אִיהְם נִידֶער גִילֶעהְגְט גֶעשְׁלָאסֶען, הָאבֶּן אִיהְם דִיא מַאנֶען פָאן שְׁטָאט, אִין שְׁטָאט אַרֵיין גֶענָאמֶען. הָאט דֶער (אַבְיוֹר) פַאר זֵייא עֶרְצֶעהְלְט וֶועגֶען וָואס מֶען הָאט דָאס צוּ אִיהְם גֶעטוּהֶען. אוּנְד וְויא דֶער (הִילְפָרְנְשׁ) הָאט זִיךְ פָארְגֶענָאמֶען, צוּ פַארְטִילְלִיגֶען עֶנְקֶער גַאנְצֶע שְׁטָאט, נִישְׁט אִיבֶּער צוּ לַאסֶען פָאן אֵייךְ אֵיין לֶעבֶּענְדִיגֶע זֶעהְל. זֶענֶען אַלְלֶע שְׁטָאט מֶענְשֶׁן גֶעפַאלְלֶען אוֹיף זֵייעֶר פָּנִים, אוּנְד אַלְלֶעס הָאט זֶעהְר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט, אוּנְד אַלְלֶע הָאבֶּען מִתְפַּלֵל גִיוֶועזֶן צוּ גָ' זֵייא צוּ רֶעטְטֶען פָאן דֶעם פֵיינְד, וָואס וִויל זֵייעֶר נַאמֶען פַארְטִילְלִיגֶען, פָאן דִיא וֶועלְט:

נָאךְ דֶעם זֶענֶען גֶעקָאמֶען דִיא שָׂרִים פָאן (אֱדוֹם אוּנְד מוֹאָב), צוּ (הִילְפָּרְנִשׁ), אוּנְד הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט וֶוען דִיא וֶוערְסְט הָארְכֶען אוּנְזֶער עֵצָה וֶוערְסְט דִיא קֶענֶען דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט אֵיינְנֶעמֶען, נִישְׁט אֵיין מַאן צוּ פַארְלִירֶען. דֶען זֵייא צוּ בֶּעצְווִינְגֶען מִיט שְׁטְרֵייטֶען, מוּס דַאס פִיעֶל בְּלוּט קָאסְטֶען, וַוייל זֵייא זֶענֶען שְׁטַארְק גֶעשִׁיצְט, מִיט דִיא הוֹיכֶע אוּנְד שְׁפִּיטְצִיגֶע בֶּערְגֶער, וָואס זֶענֶען אַרוּם אִין שְׁטָאט: נָאר זָאלְסְט זֶעהֶן צוּ טוּהֶען, צוּ פַארְמֵיידֶען דֶעם אֵיינְפְלוּס, פָאן דִיא אַלֶלֶע וַואסֶערֶן וָואס טוּהֶען פָאן דִיא הוֹיכֶע בֶּערְגֶער הֶערְאַבּ פְלִיסֶען, אוּנְד עֶס קָאמְט אִין שְׁטָאט אַרֵיין, דֶען אִין אִין דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט, גֶעפִינְט זִיךְ קֵיין אַנְדֶערֶעס וַואסֶער, אוֹיסֶער פָאן דִיא קְוֶועלֶען, וָואס אִיזְט אוֹיסֶער דִיא שְׁטָאט. אַזוֹ אִיבֶּערְדַאנְק וֶועלְלֶען זֵייא מוּסֶען אִין דֵיין הַאנְד פַאלְלֶען, דוּרְךְ דֶעם גְרָאסֶען דָארְשְׁט וָואס זֵייא וֶועלְלֶען מוּסֶען לֵיידֶען. (הִילְפָּרְנִשׁ) הָאט אַזוֹ גֶעטוּהֶען, וָואס הָאט פַארְמִיטֶען דֶען אֵיינְפְלוּס פָאן אַלְלֶע וַואסֶערִין אִין שְׁטָאט, דַאס הָאט אַזוֹ גֶעדוֹירְט פִיעֶר אוּנְד דְרֵייסִיג טָאג, בִּיז אַלְלֶעס וַואסֶער פָאן שְׁטָאט, הָאט זִיךְ גַאנְץ אוֹיסְגֶעלָאזְט. וָואס אַלְלֶעס הָאט גְרָאס דָארְשְׁט גֶעלִיטֶען. אִיזְט דַאס גַאנְצֶע פָאלְק פָאן שְׁטָאט גֶעקָאמֶען צוּ (עוּזִיָהוּ הַכֹּהֵן), אוּנְד הָאבֶּען גֶעשְׁרִיעֶן, וָואס הָאסְט צוּ אוּנְס גֶעטוּהֶען, וָואס הָאסְט נִישְׁט וָואלְלֶען פְרִיעְדֶען שְׁלִיסֶען מִיט אוּנְזֶער פֵיינְד,

אוּנְד יֶעצְט קָאמְט אוֹיס, דַאס מִיר אַלְלֶע זָאלֶען שְׁטַארְבֶּען אִין דָארְשְׁט. אוּנְד אַלְלֶעס הָאט שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט, פָּאן גְרָאס בִּיז קְלֵיין, הָאט (עוּזִיָּהוּ הַכֹּהֵן) צוּ זֵייא גֶעזָאגְט מֵיינֶע בְּרוּדֶער, הָאט נָאךְ גֶעדוּלְד בִּיז פִינְף טֶאגֶע, אוּנְד וֶוען מִיר זָאלְלֶען נִישְׁט גֶעהָאלְפֶען וֶוערְדֶען בִּיז פִינְף טָאג, אַזוֹ וֶועל אִיךְ מִיךְ אוּנְטֶערְ־גֶעבֶּען צוּם פֵיינְד:

אִין דִיא שְׁטָאט (בְּתוּל) הָאט גֶעוָואהְנְט אֵיינֶע (אִשָּׁה אַלְמָנָה) וָואס אִיהְר נַאמֶען וַואר „(יְהוּדִית)״. אוּנְד נָאךְ דֶעם וָואס אִיהְר מַאן מְנַשֶּׁה אִיזְט גֶעשְׁטָארְבֶּען, אִיזְט זִיא גַאנְץ אַלֵיין גִיזֶעסֶן אִין אֵיין קְלֵיין צִימֶער, בֶּעקְלֵיידֶעט אִין אֵיין זַאק, אוּנְד יֶעדֶען טָאג הָאט זִיא גֶעפַאסְטֶעט. אוֹיסֶער אַן שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, אוּנְד רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וָואס הָאט עֶפֶּעס גִיגֶעסֶען. דָאס וַואר שָׁאהְן, דַאס פִירְטֶע יָאהְר וָואס זִיא הָאט זִיךְ אַזוֹ גֶעפִיהְרְט. אוּנְד דִיא (יְהוּדִית) וַואר זֶעהְר הִיפְּשׁ אִין גֶעשְׁטַאלְט. אוּנְד וַואר אוֹיךְ רֵייךְ מִיט פִיעֶל פַארְמֶעגֶען וָואס אִיהְר גֶעבְּלִיבֶּען אִיזְט, פָאן אִיהְר מַאן. אִיזְט דִיא יְהוּדִית גֶעקָאמֶען צוּ דִיא דֶעם (עוּזִיָּהוּ), אוּנְד הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וַוארוּם הָאט אִיהְר אַלְלֶע קֵיין בִּטָּחוֹן אַן גָ׳ ב״ה דַאס עֶר וֶוערְד אוּנְס הֶעלְפֶען וֶועגֶען זֵיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען. אוּנְד וָואס וֶוערְד זֵיין וֶוען דִיא הִילְף פָאן גָ׳, וֶוערְד זִיךְ לֶענְגֶער אוֹיף הַאלְטֶען, אַזוֹ קָאן שָׁאהְן אוּנְס נִישְׁט גֶעהָאלְפֶען וֶוערְדֶען ?. יֶעצְט מֵיינֶע פְרֵיינְד, אִיךְ

וויל טוהען איינע זאכע, וואס דאס ווערד בלייבען פיר איין אנדענקען (לדורי דורות). נאר אבער, וואס איך טוהן וויל, זאלט איהר מיך נישט פראגען, דען איך וועל עס אייך נישט זאגען. נאר איך בין אין דיא הויפנונג, דאס השם יתברך ווערד אונס נאך פריער העלפען איי עס ווערד זיך אויסלאסען דיא פינף טעג. היינט ביינאכט וועל איך מיט מיינע דינסטע אויס דיא שטאט געהן צום פיינד, אונד ג' ב"ה זאל בעגליקען מיין וועג. יהודית איזט אין איהר הויז געקאמען. אונד האט פאן זיך אויסגעצוינען דיא וויטפע קליידער, אונד האט זיך געוואשען אונד דעם קאפף שעהן אויף געפיצט, אונד האט זיך בעקליידעט אין טהייערע קליידער, אונד האט זיך פארציהרט מיט פיעל ערלייא צירונג פאן גאלד, אונד עדעלגעשטיין. דאן האט זיא גיגעבען צו איהרע דינסטע איין לוגעל מיט וויין, אונד איינע קריעג מיט עהל. אונד איין זאק מיט מעהל, אונד עטוואס פייגען. אונד זייא זענען ביינאכט פאן דיא שטאט געגאנגען ביז זייא זענען אנגעקאמען צו דיא פאסטען פאן פיינד. האט מען זיא געפראגט ווער ביזט דא, אונד צו וועהם ווילסט דא געהן?. האט זיא געאנטווארט, איך בין איינע (יהודית), אונד מיין נאמען איזט אויך יהודית. איך ענטלויפע פאן מיין שטאט, צו ענקער הערר (הילפרנש). איך האב עטוואס וויכטיגעס מיט איהם צו שפרעכען. אללעס האבען זיך זעהר

פַארְווינְדֶערְט אִיבֶּער אִיהְר שׁוֹנְהַייט. אוּנְד אַזוֹ פָארְט, הָאט מֶען זִיא אַהִין גֶעפִּיהְרְט צוּ (הִילְפָּרְנְשׁ). אִיזְט זִיא גֶעפַאלְלֶען צוּ זֵיינֶע פוּס, אוּנְד הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט עֶרְלוֹיבֶּע מִיר מֵיין הֶערְר, מִיט דִיר עֶטְוַואס ווִיכְטִיגֶעס צוּ שְׁפְּרֶאכֶען, הָאט עֶר זִיא גֶעלָאזְט עֶרְהֶעבֶּען פָאן דִיא עֶרְד. ווִיא עֶר הָאט גִיזֶעהְן דִיא שׁוֹנְהֵייט פָאן אִיהְר, אִיזְט עֶר זֶעהְר בֶּעֲרַאשְׁט גֶעוָוארְדֶען, אוּנְד הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, פִירְכְטֶע דִיךְ נִישְׁט, נָאר זָאגֶע וָואס הָאסְט מִיט מִיר צוּ שְׁפְּרֶאכֶען. הָאט זִיא צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט זָאלְסְט ווִיסֶען דַאס דִיא אַלְלֶע רֵייד, וָואס דֶער שַׂר (אַכְיוֹר) פָאן (בְּנֵי עַמוֹן) צוּ דִיר גֶעזָאגְט הָאט, אִיזְט זֶעהְר וַואהְרְהַאפְטִיג, דֶען אַזוֹ לַאנְג וָואס מִיר יוּדֶען טוּהֶען דֶעם רָצוֹן פָאן אוּנְזֶער גָ׳, קָאן אוּנְס קֵיין שׁוּם פֵיינְד עֶפֶּעס שְׁלַאכְטֶעס טוּהֶען. יֶעצְט אַבֶּער הָאבֶּען זֵייא שְׁטַארְק פַארְדָארְבֶּען זֵיירֶע ווֶערְקֶע, וָואס הָאבֶּען זִיךְ עֶרְלוֹיבְּט צוּ עֶסֶען זָאלְכֶע מַאֲכָלִים, וָואס זֵייא פַאר־בָּאטֶען אִיזְט. וָואס דַאדוּרְךְ הָאבֶּען זֵייא זִיךְ זֶעהְר שׁוּלְדִיג גֶעמַאכְט בֵּייא זֵייעֶר גָ׳, נָאר אִיךְ אַבֶּער בִּין זֶעהְר אֵיינֶע גָ׳־ם פָארְכְטִיגֶע אַלְלֶע מֵיינֶע טֶעג. הָאט מִיךְ מֵיין גָ׳ צוּ דִיר גֶעשִׁיקְט זַאגֶען, דַאס אִיז אֵיינֶע קוּרְצֶע צֵייט, וֶוערְד דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט (בְּתוּל) אִיבֶּער־עֶנְפֶערְט ווֶערְדֶען אִין דֵיין הַאנְד. אוּנְד ווֶען דִיא ווֶערְסְט שָׁאהְן הָאבֶּען דִיא דָאזִיגֶע שְׁטָאט אֵיינְגֶענָאמֶען, ווֶערְסְט שָׁאהְן לֵייכְט קֶענֶען קָאמֶען בִּיז יְרוּשָׁלַיִם. אוּנְד אִיךְ

װעֶל דִיר װײזֶען אױף װעֶלכֶען װעֶג דִיא הָאסְט צוּ גֶעהְן, זִיכֶער צוּ זֵיין פַאר דֶעם פֵיינְד. נָאר דָאס אֵיינֶע טוּהֶע אִיךְ פָאן דִיר פַארְלַאנְגֶען מִיר צוּ עֶרְלױבֶּען, בֵּייא דִיר אױף צוּ הַאלְטֶען אֵײנִיגֶע טֶעג, בִּיז מֶען װעֶרְד מִיר מוֹדִיעַ זֵיין מִן הַשָּׁמַיִם, דַאס דִיא זִינְד פָאן מֵיין פָאלְק, שָׁאהְן פַארְפִיהְלְט אִיזְט, װעֶל אִיךְ עֶס דִיר זַאגֶען. אוּנְד זָאלְסְט מִיר עֶרְלױבֶּען יֶעדֶע נַאכְט, פָאן דֵיין לַאגֶער צוּ גֶעהֶן, אױף אֵיין בֶּעזָאנְדֶער אָרְט װָאס נִיעמַאנְד דָארְט אִיזְט, דַאס אִיךְ זָאל דָארְט קֶענֶען מֵיין גִיבֶּעהְט פַארְ-רִיכְטֶען פַאר מֵיין גָ'. הָאבֶּן אִיהְרֶע רֵייד גוּט גֶעפַאלְלֶען צוּ (הִילְפֶּרְנִשׁ), אוּנְד צוּ אַלְלֶע זֵיינֶע שָׂרִים, אוּנְד אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ זֶעהְר פַארְװוּנְדֶערְט אִיבֶּער אִיהְר קְלוּגְהֵייט, אוּנְד אִיבֶּער אִיהְר שׁוֹנְהֵייט. הָאט (הִילְפֶּרְנִשׁ) צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, װעֶן דֵיין גָ' װעֶרְד צוּ מִיר אַזוֹ טוּהֶען, װִיא דָא גֶעזָאגְט הָאסְט, װעֶרְסְט דִיא אִימֶער פַארְבְּלֵייבֶּען אִין דַאס קֶענִיגְלִיכֶע הוֹיז, אוּנְד דֵיין גְרָאסֶער נָאמֶען, װעֶרְד בֶּעקַאנְט װעֶרְדֶען אִין דַאס גַאנְצֶע לַאנְד: הָאט (הִילְפֶּרְנִשׁ) אִיהְר אִיבֶּערְגֶעבֶּען אֵיין בֶּעזָאנְדֶער צִימֶער, אוּנְד הָאט גֶעבָּאטֶען זֵיינֶע קְנַאכְט, צוּ גֶעהֶן זַאגֶען זֵיינֶע שָׂרִים, אִין נָאמֶען מֵיינֶער, דַאס נִיעמַאנְד זָאל פַארְמֵיידֶען דֶעם גַאנְג פָאן דִיזֶע פְרוֹיא װָאס אִיזְט צוּ מִיר גֶעקָאמֶען פָאן דִיא יוּדֶען: יְהוּדִית װַאר דָארְט אִין דַאס לַאגֶער, גַאנְצֶע דְרֵייא טָאג. אוּנְד יֶעדֶע נַאכְט, אִיזְט זִיא פָאן לַאגֶער גֶענַאנְגֶען, אִין דַאס פְרֵייעֶ פֶעלְד, װִיא נִיעמַאנְד

דָארְט וַואר, אוּנְד הָאט מִתְפַּלֵל גִיוֶועזֶן צוּ ג', דַאס עֶר זָאל בֶּעגְלִיקֶען אִיהְר וֶועג, דַאס זֵיין פָּאלְק דִיא יוּדֶען זָאלֶען דוּרְךְ אִיהְר הַאנְד אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְדֶען פָאן דֶעם פֵיינְד. אוּנְד יֶעדֶען טָאג, הָאט זִיא גֶעפַאסְטֶעט בִּיז אַבֶּענְד:

אַם פִירְטֶען טַאג, הָאט הִילְפָּרְנִשׁ גֶעלָאזְט מַאכֶען אֵיינֶע גְרָאסֶע מַאהְלְצֵייט, פִיר זֵיינֶע הוֹיז מֶענְשֶׁן, אוּנְד הָאט קֵיין אֵיינְצִיגֶען פָאן זֵיינֶע הֶערְרֶן צוּ דִיא מַאהְל-צֵייט גֶערוּפֶען, אוּנְד הָאט גֶעזָאגְט צוּ זֵיין דִינֶער (בָּגוֹא), טוּהֶע אִיבֶּער רֵיידֶען דִיא פְרוֹיא וָואס אִיזְט אִין מֵיין הוֹיז, דַאס זִיא זָאל צוּ מִיר קָאמֶען צוּ דִיא מַאהְל-צֵייט, וָואס הַאבֶּע פִיר אִיהְר פָארְגֶעבְּרֵייט. דֶען דַאס וֶועהְרֶע זֶעהְר אֵיינֶע גְרָאסֶע שַׁאנְדֶע פַאר מִיר, דַאס אַזוֹ אֵיינֶע הִיפְּשֶׁע פְרוֹיא וִויא זִיא אִיזְט, זָאל נִישְׁט פָאן מִיר בֶּעשְׁלַאפֶען וֶוערְדֶען. הָאט דֶער דִינֶער (בָּגוֹא) מִיט אִיהְר וֶועגֶען דִיזֶען גֶעשְׁפְּרָאכֶען, הָאט זִיא זִיךְ בֶּעקְלֵיידֶעט אִין אִיהְרֶע שֶׁענֶע קְלֵיידֶער, אוּנְד הָאט אוֹיף זִיךְ גֶעטוּהֶען אַלְלֶעס אִיהְר צִירִינְג, אוּנְד אִיזְט גֶעקָאמֶען אִין דַאס צִימֶער פָאן (הִילְפָּרְנִשׁ). הָאט עֶר זִיא גֶעבִּיטֶען מִיט אִיהְם צוּ עֶסֶען. הָאט זִיא גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין דָאךְ אֵיינֶע יְהוּדִית, אַזוֹ קָאן אִיךְ נָאר עֶסֶען פָאן דִיזֶען, וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט מִיר מִיט גֶעבְּרַאכְט. אוּנְד בֵּיים טִישׁ, וִויא עֶר אִיזְט אַזוֹ מִיט אִיהְר צוּזַאמֶען גִיזֶעסֶען, הָאט אִין אִיהְם גִיבְּרֶענְט דִיא גְרָאסֶע תַּאֲוָה

וָואס עֶר הָאט צוּ אִיהְר גֶעהַאבְּט. אוּנְד דוּרְךְ דִיא גְרָאסֶע פְרֵיידֶע פָאן אִיהְם, הָאט עֶר זֶעהְר פִיעֶל וַויין גֶעטְרוּנְקֶען בִּיז עֶר הָאט זִיךְ שְׁטַארְק בֶּעזָאפֶען. ווִיא עֶס אִיזְט נַאכְט גֶעוָוארְדֶען אִיזְט אַלְלֶעס פָאן צִימֶער גֶעגַאנְגֶען, הָאט (בָּגוֹא) פַארְמַאכְט דִיא טוּהְר פָאן דַאס גִיצֶעלְט, אִיזְט קֵיינֶער מֶעהְר אִין דַאס צִימֶער גֶעבְּלִיבֶּען וְוִיא הִילֶפָרְנֶשׁ מִיט יְהוּדִית אַלֵיין. אוּנְד מַחֲמַת זֵיין גְרָאס שִׁכְּרוּת אִיזְט עֶר אוֹיף זֵיין בֶּעט גֶעפַאלְלֶען, אוּנְד הָאט פֶּעסְט אֵיינְגֶעשְׁלַאפֶען. אִיזְט יְהוּדִית צוּ גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם בֶּעט, ווִיא עֶר אִיזְט דָארְט גִילֶעהְגֶען, אוּנְד הָאט הֶערוּנְטֶער גֶענָאמֶען דִיא שְׁוֶוערְט, וָואס הָאט גֶעהָאנְגֶען אִיבֶּער זֵיין בֶּעט, אוּנְד אַזוֹ וְוִיא זִיא הָאט דִיא שְׁוֶוערְט גֶעהַאלְטֶען אִין אִיהְר הַאנְד, הָאט זִיא אַזוֹ מִתְפַּלֵל גִיוֶועזֶן צוּ גָ׳, דִיא אַלְלְמֶאכְטִיגֶער גָ׳, וָואס אִין דֵיין הַאנְד אִיזְט דִיא גְבוּרָה, אוּנְד מֶמְשָׁלָה, פַארְנִים דַאס גִיבֶּעהְט פָאן מִיר, צוּ עֶרְלֵייזֶען דֵיין גֶעלִיבְּט פָאלְק דִיא יִשְׂרָאֵל, פָאן דֶען דָאזִיגֶען בֶּעלֵיידִיגֶער, וָואס וִויל מַאכֶען פַארְלִירֶען אוּנְזֶער נַאמֶען, פָאן דִיא וֶועלְט. אוּנְד ווִיא אַזוֹ הָאט שָׁאהְן פַארְלֶענְט אִיהְר גִיבֶּעהְט, הָאט זִיא גֶעזָאגְט מֵיין גָ׳ שְׁטַארְק אוּנְד פֶּעסְטִיג מִיךְ, אוּנְד הָאט מִיט גְרָאס קְרַאפְט צְוֵוייא מַאהְל גֶעשְׁלַאגֶען מִיט דִיא שְׁוֶוערְט, אוֹיף זֵיין הַאלְז, אִיזְט דֶער קָאפְּף אִין גַאנְצֶען אָבְּגֶעשְׁנִיטֶען וָוארְדֶען פָאן אִיהְם. הָאט זִיא אִיהְם צוּ דִיא עֶרְד גֶעוָוארְפֶען, אוּנְד הָאט מִיט זִיךְ מִיט גֶענָאמֶען

דֶעם קָאפְּף פָאן איהְ;, מִיט נָאךְ אֵיינֶע דֶעקֶע וָואס עֶר וואר דַאמִיט צוּגידֶעקְט, אוּנְד אִיזְט אִין אִיהְר צִימֶער גֶעקָאמֶען, הָאט זִיא דֶעם קָאפְּף אַרֵיין גִילֶעהְגְט אִין אֵיין זַאק, אוּנְד זִיא מִיט אִיהְרֶע דִינְסְטֶע זֶענֶען צוּזַאמֶען פָאן דַאס דוֹ׳ ז גֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ דַאס גַאנְצֶע לַאגֶער, אַזוֹ וִויא זִיא הָאט יֶעדֶע נַאכְט גֶעטוּהֶען. אוּנְד נִימַאנְד הָאט זִיא אַבְּגֶעפְרַאגְט וִויא אַהִין זִיא גֶעהְט, בִּיז זִיא אִיזְט אַנְגֶעקָאמֶען צוּ דַאס טוֹהְר פָאן שְׁטָאט (בְּתוּל). הָאט זִיא גֶעשְׁרִיעֶן צוּ דִיא וֶואכְטֶער, מַאכְט מִיר אוֹיף דַאס טוֹהְר, וֶועל אִיךְ אֵייךְ וֵויזֶען דִיא הִילְפֶע פָאן אוּנְזֶער גָ׳, וָואס עֶר דוּרְךְ מִיר גֶעטוּהֶען הָאט צוּ זֵיין פָאלְק. אוּנְד וִויא זִיא אִיזְט אִין שְׁטָאט גֶעקָאמֶען, הָאט מֶען אִין דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט פִיעֶל לִיכְטֶער אָנְגֶעצִינְדֶען, אוּנְד אַלֶע שְׁטָאט מֶענְשֶׁן הָאבֶּן זִיךְ גִישְׁטֶעלְט רִינְגְס-אַרוּם אִין אִיהְר. הָאט יְהוּדִית אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן צוּם גַאנְצֶען פָאלְק, (הוֹדוּ לַה׳) לוֹיבְּט אִיהְר אַלֶע גָ׳, אוּנְד טוּט דַאנְקֶען זֵיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען, וָואס עֶר הָאט אִין אוּנְזֶער הַאנְד אִיבֶּערְגֶעפֶערְט, אוּנְזֶערֶע פֵיינְד. אוּנְד הָאט הֶערוֹיס גֶענָאמֶען דֶעם קָאפְּף פָאן זַאק, אוּנְד הָאט עֶס גֶעצֵייגְט צוּ אַלֶע מֶענְשֶׁן. אוּנְד הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן, דַאס אִיזְט דֶער קָאפְּף פָאן (הִילְפָרְנֵשׁ), דֶער בֶּעלֵיידִיגֶער פָאן אוּנְס יוּדֶן. זֶעהְט דִיא הִילְפֶע פָאן גָ׳, דַאס אִין דִיא הַאנְד פָאן אֵיינֶע אִשָּׁה, הָאט גָ׳ אִיבֶּער עֶנְפֶערְט דֶעם פֵיינְד פָאן אוּנְס. אוּנְד אִיךְ שְׁוֶועהְרֶע אַזוֹ וַואהְר וִויא גָ׳

לֶעהְבְּט, דַאס גָ' ב"ה הָאט בֶּעגְלִיקְט מֵיין וֶועג, אוּנְד אִיךְ בִּין גַאנְץ רֵיין פָאן זִינְד. וָואס נִימַאנְד הָאט מִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט בֶּערִירְט מִיט זַיינֶע פִינְגֶער:

נָאךְ דֶעם הָאט זִיא גֶעזָאגְט צוּם פָאלְק, נִימְט דֶעם קָאפְּף, אוּנְד שְׁטֶעקְט אִיהְם אוֹיף, אוֹיף אֵיין הוֹיכֶע שְׁטַאנְג, אוּנְד טוּט עֶס אוֹיף שְׁטֶעלְלֶען אוֹיף דִיא מוֹיעֶר פָאן שְׁטָאט, אוּנְד וִויא עֶס וֶוערְד טָאג וֶוערְדֶען, זָאלְט אִיהְר אַלְלֶע נָאכְיָאגֶען דֶעם פֵיינְד. דֶען גָ' אִיזְט אִין אוּנְזֶער הִילְף. וִויא עֶס אִיזְט טָאג גֶעוָוארְדֶען, זֶענֶען אַלְלֶע מֶענְשֶׁען פָאן שְׁטָאט גֶעגַאנְגֶען, אַלְלֶע בֶּעוַואפֶּענְט מִיט שְׁטְרֵייט גִיוֶועהְר, אוּנְד זֶענֶען צוּ גֶעלוֹיפֶען צוּם פֵיינְד מִיט גְבוּרָה. זֶענֶען דִיא שָׂרִים גֶעלוֹיפֶען אִין דֶעם גִיצֶעלְט פָאן (הִילְפֶּרְנִשׁ), הָאבֶּען זֵייא אִיהְם גֶעטְרָאפֶען לִיגֶען אוֹיף דִיא עֶרְד, אוּנְד דֶער קָאפְּף פָאן אִיהְם, אִיזְט נִישְׁט מֶעהְר דָא. וִויא דִיא זַאךְ אִיזְט גֶעוִויסְט וָוארְדֶען אִין דַאס גַאנְצֶע לַאגֶער, דַאס זֵייעֶר אַנְפִירֶער אִיזְט גֶעטֵייט וָוארְדֶען, אִיזְט אוֹיף אַלְלֶעס זֶעהְר אֵיין גְרָאס שְׁרֶעק גֶעפַאלְלֶען, אוּנְד אַלְלֶעס אִיזְט אַזוֹ פַּארְטִימֶעלְט וָוארְדֶען, וָואס זֵייא הָאבֶּען נִישְׁט גֶעוִויסְט וִויא צוּ לוֹיפֶען, אוּנְד הָאבֶּען אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ עֶנְטְלוֹיפֶען. הָאט (עוּזִיָהוּ) שְׁלוּחִים גֶעשִׁיקְט צוּ אַלְלֶע יוּדֶען וָואס וַוארֶען נִישְׁט וֵוייט פָאן זֵייא, אִיזְט אַלְלֶעס גֶעקָאמֶען הֶעלְפֶען נָאכְיָאגֶען דֶעם פֵיינְד, אוּנְד הָאבֶּען פָאן זֵייא אַזוֹ פִיעֶל עֶרְשְׁלָאגֶען בִּיז עֶס אִיזְט פָאן זֵייא וֶוענִיג אִיבֶּער

גֶעבְּלִיבֶּען. אוּנְד בֵּיים צוּרִיק גֶעהְן, הָאבֶּען זֵייא צוּ גֶענָאמֶען אַלְלֶעס רוֹיבּ וָואס אִיזְט פָאן זֵייא צוּרִיק גֶעבְּלִיבֶּען. גַאנְצֶע דְרֵייסִיג טָאג הָאט גֶעדוֹיעְרְט, וָואס זֵייא הָאבֶּען גֶעהַאבְּט צוּ־זַאמֶען צוּ נֶעמֶען אַלְלֶעס פַארְמֶעגֶען פָאן דֶעם פֵיינְד. אוּנְד וֶוען אַלְלֶע זֶענֶען שָׁאהְן צוּרִיק גֶעקָאמֶען אִין שְׁטָאט, הָאבֶּען זֵייא דִיא יְהוּדִית גִישְׁטֶעלְט אִין דִיא מִיטֶע, אוּנְד אַלְלֶע מֶענְשֶׁען הָאבֶּען זִיא גֶעלוֹיבְּט, אוּנְד גִיזֶעגֶענְט גֶעלוֹיבְּט בִּיזְט דָא צוּ גָ'. דֵיין אַנְדֶענְקֶען וֶוערְד נִישְׁט אוֹיף הֶערֶען, בִּיז אִין דִיא עֶווִיגְקֵייט: נָאךְ דֶעם הָאט מֶען גִיגֶעבֶּען צוּ יְהוּדִית, דָאס אַלְלֶעס גָאלְד, וָואס מֶען הָאט הֶערוֹיעֶס גֶענָאמֶען, פָאן דָאס גִיצֶעלְט, פָאן (הִילְפָארְנִשׁ) אוּנְד הָאבֶּען עֶס גִיגֶעבֶּען צוּ יְהוּדִית. אוּנְד דִיא פְרוֹיעֶן פָאן שְׁטָאט (בְּתוּל) הָאבֶּען אָבְּגֶעריסֶען צְווֵייגֶען פָאן עֶהְל-בִּירְטֶען בֵּיימֶער, אוּנְד הָאבֶּען דַארוֹיעֶס גֶעמַאכְט אֵיינֶע גְרָאסֶע קְרָאהְנֶע, אוּנְד הָאבֶּען עֶס אַרוֹיף גֶעטוּוהֶען אוֹיף דֶעם קָאפְּף פָאן יְהוּדִית, אוּנְד אַלְלֶע הָאבֶּען זִיא בֶּעגְלֵייט מִיט גֶעזַאנְג בִּיז אִיהְר הוֹיז.

נָאךְ דֶעם אִיזְט יְהוּדִית גֶעקָאמֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם, אוּנְד הָאט דָאס אַלְלֶעס גָאלְד פָאן הִילְפָּרְנִשׁ מַקְדִישׁ גִיוֶועזֶן אִין דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ אַרֵיין, אוּנְד אִיזְט צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אִין אִיהְר שְׁטָאט. זִיא הָאט שָׁאהְן נִישְׁט מֶעהְר אֵיין מַאן גֶענָאמֶען בִּיז אִיהְר שְׁטַארְבֶּען: אִיהְרֶע לֶעהְבֶּענְס יַאהְרֶען וַוארֶען הוּנְדֶערְט אוּנְד פִינְף יַאהְר.

אוּנְד אַזוֹ לַאנְג װָאס זִיא הָאט גִילֶעהְבְּט, וַואר רוּהִיג פָאן שְׁטְרֵייטֶען, אִין דַאס גַאנְצֶע לַאנְד יְהוּדָה:

„מעשה שושנה"

(ב)

אִין דִיא שְׁטָאט בָּבֶל וַואר אֵיין מַאן, וָואס זֵיין נַאמֶען וַואר (יְהוֹיָקִים), אוּנְד זֵיינֶע פְרוֹיא הָאט גֶעהֵייסֶען („שׁוֹשַׁנָּה") דִיא טָאכְטֶער פָאן (חֶלְקִיָּהוּ). דִיא שׁוֹשַׁנָּה וַואר בֶּערִיהְמְט שֶׁעהְן, אוּנְד זִיא וַואר אוֹיךְ זֶעהְר גָ-'ס פָארְכְטִיג. אִיהְר מַאן (יְהוֹיָקִים) וַואר זֶעהְר רֵייךְ. עֶס וַואר צוּ אִיהְם אֵיין גַארְטֶען נֶעבֶּען זֵיין הוֹיז. וָואס אִין דֶען גַארְטֶען פְלֶעהְגְט דִיא שׁוֹשַׁנָּה יֶעדֶען טָאג דָארְט אַהִין גֶעהְן: בַּייא דֶעם יְהוֹיָקִים, הָאבֶּען זִיךְ עֶפְּטֶערְס אִין זֵיין הוֹיז פַארְזַאמֶעלְט, דִיא גְרֶעסְטֶע לֵייט פָאן שְׁטָאט, ווַייל עֶר וַואר דֶער חָשׁוּבְסְטֶער פָאן שְׁטָאט: אִין דִיא שְׁטָאט וַוארֶען צְוֵוייא זְקֵנִים, וָואס מֶען הָאט זֵייא גֶעמַאכְט פַאר דִיא רִיכְטֶער, אוּנְד דַיָינִים אִין שְׁטָאט. אַזוֹ הָאבֶּען דִיא צְוֵוייא זְקֵנִים עֶפְּטֶערְס בֶּעזוּכְט דֶעם יְהוֹיָקִים. הָאבֶּען דִיא בֵּיידֶע גְרָאס חַשְׁקוֹת בֶּעקָאמֶען צוּ דִיא שׁוֹשַׁנָּה, אַזוֹ יֶעדֶעס מָאהְל וָואס דִיא שׁוֹשַׁנָּה אִיזְט אִין דֶען גַארְטֶען גֶעגַאנְגֶען, הָאבֶּען זֵייא זִיא דָארְט עֶרְוַוארְטֶעט, כְּדֵי זִיא אַנְצוּזֶעהֶן. אֵיינְמָאהְל וֶוען דִיא שׁוֹשַׁנָּה אִיזְט אִין גַארְטֶען גֶעגַאנְגֶען, הָאט אֵיינֶער פָאן דִיא זְקֵנִים גֶעזָאגְט צוּ דֶעם צְוֵוייטֶען, וָואס מַאכְסְט דִיא נָאךְ הִיעֶר? עֶס אִיזְט דָאךְ שָׁאהְן צֵייט

מִיטְטַאג צוּ עֶסֶען, אַזוֹ אִיזְט אֵיין יֶעדֶער פָאן דָארְט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען. אוּנְד אִין אֵיינִיגֶע מִינוּטֶען זֶענֶען בֵּיידֶע ווִידֶער דָא גִיוֶועזֶען. הָאט אֵיין יֶעדֶער עֶנְפְּלֶעקְט פַאר דֶעם צְוֵוייטֶען, דַאס-דִיא גְרָאסֶע לִיעֶבְּשַׁאפְט צוּ דִיא שׁוֹשַׁנָה הָאט אִיהְם צוּרִיק גֶעפִיהְרְט; יֶעצְט הָאט שָׁאהְן זִיךְ קֵיין אֵיינְצִיגֶער מֶעהְר גִישֶׁעהְמְט פַאר דֶעם צְוֵוייטֶען. אַזוֹ הָאבֶּען זֵייא זִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶען, יֶעדֶען טָאג זִיךְ צוּ פַארְבַּארְגֶען אִין גַארְטֶען, בִּיז דִיא שׁוֹשַׁנָה וֶוערְד גַאנְץ אַלְלֵיין זֵיין, ווֶעלִין מִיר פָאן אִיהְר פַארְלַאנְגֶען אוּנְזֶער וָואוּנְשׁ צוּ עֶרְפִילְלֶען, זָאנְסְט וֶועלִין מִיר בֵּיידֶע אוֹיף אִיהְר עֵדוּת זָאגֶען, דַאס מִיר הָאבֶּען דִיךְ גֶעטְרָאפֶען מְזַנָה זֵיין, מִיט אֵיין פְרֶעמְדֶען מַאן, אַזוֹ וֶוערְד מֶען דִיךְ טֵייטֶען: אֵיינְמָאהְל אִיזְט דִיא שׁוֹשַׁנָה אִין גַארְטֶען גֶעקָאמֶען מִיט צְוֵוייא דִינְסְטֶע אִין דִיא מִיטַאג שְׁטוּנְדֶע, הָאט זִיא אִיהְרֶע דִינְסטֶע אִין אִיהְר צִימֶער גֶעשִׁיקְט פִיר אִיהְר צוּ בְּרֶענְגֶען אֵיינִיגֶע זַאכֶען, וָואס מֶען דַארְף צוּם בַּאדֶען. ווִיא דִיא דִינְסְטֶע זֶענֶען נָאר פָאן גַארְטֶען גֶעגַאנְגֶען, זֶענֶען דִיא צְוֵוייא זְקֵנִים פְלֶעטְצְלִיךְ צוּ אִיהְר צוּ גֶעקָאמֶען, אוּנְד הָאבֶּען צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, יֶעצְט אִיזְט נִימַאנְד דַא, זָאנְדֶער דָא, אוּנְד מִיר בֵּיידֶע, זָאלְסְט ווִיסֶען, דַאס דוּרְךְ דֵיין שׁוֹנְהֵייט, הָאבֶּן מִיר אוּנְס בֶּעשְׁלָאסֶען דִיךְ צוּ בֶּעקָאמֶען אִין אַזוֹ שָׁעָה וָואס בִּיזְט גַאנְץ אַלֵיין. אַזוֹ אִיזְט אוּנְזֶער פַארְלַאנְגֶען פָאן דִיר, אוּנְזֶער וָואוּנְשׁ נַאכְצוּקָאמֶען. זָאנְסְט

וָועלִין מִיר בֵּיידֶע אוֹיף דִיר בֶּעצֵייגֶען, דַאס הָאסְט וָואלֶען מְזַנֶה זַיין מִיט אֵיין פְרֶעמְדֶען מַאן, אַזוֹ וֶוערְד מֶען דִיךְ טֵייטֶען. אוּנְד וֶוען דָא ווֶערְסְט אַבֶּער אוּנְזֶער וָואוּנְשׁ עֶרְפִילְלֶען, וֶוערְד נִימַאנְד פָאן דִיא זַאךְ וִויסֶען. הָאט שׁוֹשַׁנָה זִיךְ גֶעדַאכְט, עֶס אִיזְט בֶּעסֶער גֶעטֵייט צוּ וֶוערְדֶען, אֵיידֶער צוּ טוּהֶען אַזוֹ שַׁאנְדְקַאפְּטִיגֶע זַאךְ מִיךְ שׁוּלְדִיג צוּ מַאכֶען בֵּייא מֵיין ג'. הָאט דִיא שׁוֹשַׁנָה אַנְגֶעפַאנְגֶען זֶעהְר הוֹיךְ צוּ שְׁרֵייעֶן, וֶועגֶען הִילְפֶע. הָאבֶּען דִיא צְוֵוייא לֵייט אוֹיךְ הוֹיךְ גֶעשְׁרִיעֶן, וֶועגֶען מֶענְשֶׁען. אִיזְט בַּאלְד דֶער גַארְטֶען פָאלְל גֶעוָוארֶען מִיט מֶענְשֶׁען, הָאבֶּען דִיא צְוֵוייא אַלְטֶע לֵייט פַאר זֵייא גֶעזָאגְט מִיר הָאבֶּען יֶעצְט גֶעטְרָאפֶען דִיא שׁוֹשַׁנָה פַארשְׁלָאפֶען אִין גַארְטֶען מִיט אֵיין פְרֶעמְדֶען מַאן:

צוּ מָארְגֶען זֶענֶען דִיא גְרֶעסְטֶע לֵייט פָאן שְׁטָאט צוּזַאמֶען גֶעקָאמֶען אִין דַאס הוֹיז פָאן יְהוֹיָקִים. הָאט מֶען דִיא שׁוֹשַׁנָה פַאר דֶעם מִשְׁפָּט גֶעבְּרַאכְט, הָאבֶּען זִיךְ דִיא צְוֵוייא זְקֵנִים אוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט, אוּנְד הָאבֶּען בֶּעצֵייגְט אַלְס עֵדוּת, וִויא זֵייא הָאבֶּען גֶעטְרָאפֶען דִיא שׁוֹשַׁנָה צוּזַאמֶען לִיגֶען מִיט אֵיין יוּנְגֶען מַאן, מִיר הָאבֶּען אִיהְם וָואלְלֶען פַאנְגֶען, עֶר וַואר אַבֶּער שְׁטַארְקֶער פָאן אוּנְס, אוּנְד אִיזְט עֶנְטְלוֹיפֶען וָוארְדֶען. הָאט מֶען דִיא שׁוֹשַׁנָה גֶעפְרַאגְט, צוּ בִּיקֶענֶען, אוּנְד צוּ זַאגֶען וֶוער דֶער מַאן וַואר? הָאט זִיא זֶעהְר גֶעוֵויינְט, אוּנְד גֶעשְׁווארֶען דַאס דִיא גַאנְצֶע זַאכֶע לִיגֶענְט אִיזְט. אִיהְר וֵויינֶען

הָאט אָבֶּער גָאר נִישְׁט גֶעהָאלְפֶען, נָאר זִיא אִיזְט פַארְאוּרְטְהֵיילְט וָוארְדֶען צוּם פַארְשְׁטֵיינֶען. הָאט דִיא שׁוֹשַׁנָה אַזוֹ גֶעזָאגְט, מֵיין גָ' דִיא וְוייסְט דָאךְ דֶען אֶמֶת, דֶען פַאר דִיר אִיזְט אַלְלֶעס אָפֶּענְבַּאר, אִיךְ וַוארְף מֵיין גַאנְץ הָאפְנוּנְג אוֹיף דִיר, דֶען קֵיין אֵיינְצִיגֶער קָאן מִיךְ רֶעטְטֶען, אוֹיסֶער דִיר: ווִיא מֶען הָאט זָאלְלֶען דִיא שׁוֹשַׁנָה אוֹיסֶער דִיא שְׁטָאט פִיהְרֶען צוּ טֵייטֶען. הָאט גָ' ב"ה עֶרְוָועקְט אֵיין גֶעטְלִיכֶען גֵייסְט אִין אֵיין קְלֵיין קִינְד, וָואס זֵיין נַאמֶען וַואר דַנִיאֵל. הָאט דָאס קִינְד אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁרֵייעֶן, אַךְ אוּנְד וֶועה אִיזְט אִיבֶּער אֵייךְ צוּ שְׁרֵייעֶן, צוּ פַארְאוּרְטְהֵיילֶען אֵיין מֶענְשֶׁען צוּם טוֹהְט, בֶּעפָאהְר דַאס אִיהְר הָאט דִיא זַאךְ גֶענוֹיא אוּנְטֶערְזוּכְט, פִילְלֵייכְט אִיזְט עֶס גַאנְץ לִיעֶגֶענְט. גֶעהְט בֶּעסֶער צוּרִיק אִין דַאס גֶערִיכְט הוֹיז, וֶוערְד אִיהְר זֶעהְן ווִיא אִיךְ וֶועל דִיא זַאךְ גְרוּנְדְלִיךְ עֶרְגֶעהְן. דָאס דָאזִיגֶע וַואר זֶעהְר פַאר אֵיין גְרָאס ווּנְדֶער, זָאלְכֶע רֵייד צוּ הֶערֶען פָאן אַזוֹ קְלֵיין קִינְד. דָאךְ הָאבֶּען זִיךְ אַלְלֶע צוּרִיק גִיקֶעהְרְט אִין דַאס גֶערִיכְט הוֹיז. אוּנְד הָאבֶּען גֶעזָאגְט צוּ דָאס קִינְד דַנִיאֵל, טוּהֶע דָאס, וָואס דִיא גֶעזַאגְט הָאסְט. הָאט דָאס קִינְד גֶעזָאגְט, לָאס מָען דִיא צְוֵוייא עֵדִים אַבְּזָאנְדֶערֶן אֵיינֶעם פָאן אַנְדֶערֶען הָאט עֶר גֶעלָאזְט פַאר זִיךְ רוּפֶען אֵיינֶעם פָאן זֵייא אוּנְד הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, נִימַאנְד הָאט וָואלְלֶען מִיט דִיא שׁוֹשַׁנָה מְזַנֶה זֵיין, ווִיא נָאר אִיהְר אַלְלֵיין. נָאר

װען דָאס װַאהר אִיזְט, אַזוֹ װיא דִיא זָאגְסְט, זָאג פַאר מִיר בֵּייא װעלְכֶעם בּוֹים אִיזְט דִיא זַאךְ גִישֶׁעהְן ?, הָאט עֶר גֶעאַנְטְװָארְט בֵּייא אֵיין פֵייגֶען בּוֹים. הָאט מֶען אִיהְם אִין אֵיין אַנְדֶער צִימֶער אַרֵיין גֶעפִיהְרְט. הָאט מֶען װידֶער דֶעם צְװֵייטֶען אַהֶער גִיבְּרֶענְגְט, הָאט דָאס קִינְד אִיהְם גֶעפְרַאגְט בֵּייא װעלְכֶעם בּוֹים אִיזְט דָאס גִישֶׁעהְן ? הָאט עֶר גֶעזָאגְט, בֵּייא אֵיין דַאטְטֶעל בּוֹים. הָאט דַנִיאֵל גֶעזָאגְט צוּ אַלְלֶע מֶענְשֶׁן װָאס דָארְט װַארֶען, זֶעהְט אִיהְר דֶעם שֶׁקֶר, װיא עֶס צֵייגְט זִיךְ אוֹים דַאס נָאר דִיא זֶעלְבֶּע עֵדִים הָאבֶּען גֶעװָאלְט מִיט דִיא אוּנְשׁוּלְדִיגֶע שׁוֹשַׁנָה מְזַנָה זַיין. אַזוֹ װיא זִיא גֶעזָאגְט הָאט. יֶעצְט טוּט אִיהְר פַארְאוּרְטְהֵיילֶען װָאס דִיא צְװֵייא זְקֵנִים דִיא רְשָׁעִים זִיךְ פַארְדִינְט הָאבֶּען, דֶען אִיךְ בִּין צוּ יוּנְג צוּ אַזוֹ װַאס. הָאט מֶען אַזוֹ פָארְט דִיא צְװֵייא זְקֵנִים אוֹים דִיא שְׁטָאט גֶעפִיהְרְט, אוּנְד זֶענֶען גֶעטֵייט װָארְדֶען: נָאךְ דֶעם הָאט חִלְקִיָהוּ, דֶער פַאטֶער פָאן שׁוֹשַׁנָה, אוּנְד אוֹיךְ יְהוֹיָקִים דֶער מַאן פָאן אִיהְר, אוּנְד אוֹיךְ אַלְלֶע שְׁטָאט מֶענְשֶׁן גְרָאסֶע לוֹיב גֶעזַאנְג גֶעטוּהְן צוּ גָ׳: װייל דִיא שׁוֹשַׁנָה װַאר זֶעהְר בֶּעלִיעבְּט אִין דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט. נָאךְ דִיא גֶעשִׁיכְטֶע אִיזְט דַאס קִינְד דַנִיאֵל זֶעהְר חָשׁוּב גִיװָארֶען אִין דִיא שְׁטָאט, אַזוֹ לַאנְג װָאס עֶר הָאט גִילֶעהְבְּט.

פי״א

פרק י״א.

אין דיזען פּרק ווערד ערצעהלט פאן דיא צרות וואס דיא יודען האבען געליטען אין דיא צייט פאן מלך אנטיוכוס הרשע. אונד פאן דאס נס פאן חנוכה:

(א)

אין איינע לאנגע צייט ארום, האט געקיניגט איבער דאס לאנד (מוקדון) איין קעניג אנטיוכוס הרשע. אין זיינע צייטען האבען זיך אנגעפאנגען, פארכטבארע מלחמות, צווישען איהם, אונד דיא כהנים, דיא (בני חשמונאים). ווייל נאך דעם וואס דער (אנטיוכוס) האט בעזיעגט דעם קעניג פאן מצרים, איזט ער דאריבער זעהר שטאלץ געווארין, אונד האט געלאזט מאכען איין בילד פאן גאלד, אין זיין געשטאלט. אונד האט איין בעפעהל הערויעס גיגעבען, אין זיין גאנץ קעניג־רייך, דאס אללעם מוס זיך בוגען צו זיין בילד: זענען געקאמען דיא שלאכטע מענשען פאן דיא יודען, צום מלך אנטיוכוס, אונד האבען איינע מסירה געזאגט איבער דיא יודען, דאס זיא ווילען נישט אננעמען זיין בילד פאר איין ג׳:

אין דיא צייטען איזט גיזעהן וואָרדען אין ירושלים, גראסע וואונדער אין הימעל, גאנצע פירציג טאג. וואס מען האט גיזעהן אין געשטאלט פאן פפערדע אויס פייער, אונד אויף דיא פפערד האבען געריטען שטרייט מאנער, מיט פארשידען שטרייט גיוועהר. וואס האבען

גֶעשְׁטְרִיטֶען אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערְן: הָאבֶּען דִיא חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל דָאס בֶּעשַׁיידֶען, דַאס עֶס בֶּעוֵוייזְט אוֹיף דִיא שׂוֹנְאִים פָאן דִיא יִשְׂרָאֵל, וָואס וֶוערְדֶען אוּנְטֶער טֶענִיג וֶוערְדֶען, פַאר דִיא יוּדֶן, אוּנְד אַנְטִיוֹכוּס הָרָשָׁע וֶוערְד אִין אֵיינֶע קוּרְצֶע צֵייט גֶעטֵייט וֶוערְדֶען: זֶענֶען ווִידֶער גֶעקָאמֶען, דִיא שְׁלַאכְטֶע, אוּנְד שַׁאלְקַאפְּטִיגֶע מֶענְשֶׁן פָאן דִיא יוּדֶן, צוּם מֶלֶךְ אַנְטִיוֹכוּס, אוּנְד הָאבֶּן פַארְלֵיימְדֶעט דִיא יוּדֶן, דַאס זֵייא פְרֵייעֶן זִיךְ, אִיבֶּער דֶעם שְׁטוּרְץ פָאן מֶלֶךְ. הָאט דַאס דָאזִיגֶע פַארְאוּרְזַאכְט, וָואס דֶער אַנְטִיוֹכוּס אִיזְט זֶעהְר פַארְהַאסְט גֶעוָוארִין אוֹיף אַלְלֶע יוּדֶן: אוּנְד פְּלֶעטְצְלִיךְ, גַאנְץ אִינְפַארְהוּיפְּט, אִיזְט עֶר גֶעקָאמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם מִיט פִיעֶל פָאלְק, דַאס וַואר הוּנְדֶערְט, דְרֵייא אוּנְד פִירְצִיג יָאהְר, נָאךְ דֶעם בִּנְיָן פָאן (בֵּית שֵׁנִי), אוּנְד הָאט זֶעהְר פִיעֶל יוּדֶן עֶרְשְׁלַאגֶען, אִין דִיא שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם. אוּנְד הָאט פִיעֶל מֶענְשֶׁן פָאן דָארְט גֶעפַאנְגֶען גֶעפִיהְרְט. אוּנְד פִיעֶל חֲסִידִים וַחֲכָמִים פָאן שְׁטָאט, זֶענֶען עֶנְטְלוֹיפֶען אִין דִיא מִדְבָּר אַרֵיין, אוּנְד הָאבֶּן זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען אִין דִיא וֶועלְדֶער. אֵיינֶע לַאנְגֶע צֵייט הָאבֶּען זֵייא גֶעמוּזְט לֶעהְבֶּען נָאר פָאן דַאס גְרָאז פָאן פֶעלְד: אִיזְט אַנְטִיוֹכוּס אַרֵיין גֶעקָאמֶען, אִין גָ'-ם הוי"ז, אִין (בֵּית הַמִקְדָשׁ)׳ אוּנְד הָאט פָאן דָארְט אַרוֹיעֶס גֶענָאמֶען דַאס גָאלְדִינֶע (מִזְבֵּחַ), אוּנְד דִיא מְנוֹרָה, מִיט דֶעם (שׁוּלְחָן הַפָּנִים), אוּנְד נָאךְ מֶעהְרֶערֶע טְהֵייעֶרֶע כֵּלִים.

אוּנְד אוֹיךְ אַלְלֶעס גָאלְד, אוּנְד זִילְבֶּער, וָואס הָאט זִיךְ דָארְט גֶעפִינֶען, הָאט עֶר אַלְלֶעס פָאן דָארְט הֶערוֹיס גֶענָאמֶען, אוּנְד הָאט דַאס אַלְלֶעס גֶעשִׁיקְט אִין זַיין לַאנְד אַרַיין: אוּנְד אִין צְוֶוייא יָאהְר אַרוּם, דַאס וַואר הוּנְדֶערְט, פִינְף אוּנְד פִירְצִיג יָאהְר פָאן (בִּנְיַן הַבַּיִת), צֶעהְן טָאג אִין חוֹדֶשׁ כִּסְלָיו, הָאט מֶען אוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט אֵיין צֶלֶם אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ פָאן גָ׳, אוּנְד רִינְגְסְאַרוּם אִין שְׁטָאט, הָאט מֶען אוֹיף גֶעבּוֹיעֶט אָפְּפֶערְשְׁטִילֶען, אוֹיף זַייא צוּ אָפְּפֶערֶן קָרְבָּנוֹת צוּ דֶעם צֶלֶם פָאן אַנְטִיוֹכוּס. אוּנְד אַלְלֶע סִפְרֵי תּוֹרוֹת וָואס זַייא הָאבֶּען גֶעפִינֶען. הָאט מֶען צוּשְׁנִיטֶען אוֹיף שְׁטִיקֶער, אוּנְד פַארְבְּרֶענְט אִין פֵייעֶר. צוּ פָארְט הָאבֶּן זִיךְ פִיעֶל פָאן דִיא דֶען פֶעסְט גֶעהַאלְטֶען אַן דִיא אֱמוּנָה פָאן גָ׳, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט הַארְגִינֶען, אֵייְדֶער אָבְּצוּטְרֶעטֶען פָאן גָ׳-ס תּוֹרָה. דֶער (אַנְטִיוֹכוּס הָרָשָׁע) וַואר אָבֶּער נָאךְ נִישְׁט צוּפְרִידֶען מִיט דִיזֶען, נָאר בֶּעפָאהְר זַיין אַבְּרֵייזֶען פָאן יְרוּשָׁלַיִם, הָאט עֶר אִיבֶּער גֶעלָאזְט אֵיינִיגֶע שָׂרִים, צוּ פֵיינִיגֶען דִיא יוּדֶען, אוּנְד דַאס גַאנְצֶע פָאלְק פָאן שֵׁבֶט יְהוּדָה. זַיין אַנְפִיהְרֶער (פִילִיפּוּס) הָאט עֶר אֵיין בֵּיפֶעהְל גִיגֶעבֶּען, צוּ אוּנְטֶער דְרִיקֶען דַאס פָאלְק פָאן דִיא יוּדֶען, נָאר אָהְנֶע רַחֲמָנוֹת, אוּנְד הָאט צוּ אִיהְם אַזוֹ גֶעזָאגְט, דֶער דָאזִיגֶער וָואס וֶוערְד וֶועלִין אַנְנֶעמֶען מֵיין גֶעבָּאט, זִיךְ צוּ בִּיגֶען צוּ מֵיין צֶלֶם, אוּנְד וֶוערְד וֶועלִין עֶסֶען חֲזִיר פְלֵיישׁ. אוּנְד וֶוערְד אוֹיךְ

אויסגעטרעטען פאָן דאס גאנצע געזעץ פאָן (דת משה), דער זאָל לעהבען בלייבען. דער אָבער וואָס ווערד נישט וועלין דאס אַללעס טוהען, זאָל געטייט ווערדען אָהנע ערבארמקייט. אונד האָט איהם נאָך געבאָטען, דאס ער זאָל דיא יודען פארמיידען פאָן צו האַלטען שבת, אונד ימים טובים, אונד נישט צו צולאסען מלה זיין זיירע קינדער: דער (פיליפוס) האָט אזו געטוהען וויא ער איז געבאָטען וואָרדען, וואָס אללע פראָמע לייט האָט ער ערשלאגען, אונד דיא שלעכטע מענשען, וואָס האָבען עובר געוועזען אויף דיא גאַנצע תורה, האָט ער געלאָזט לעהבען: אין דיא צייטען האָט מען געבראכט צו (פיליפוס הרשע), צווייא יודישע ווייבער מיט זיירע קליינע קינדער. וואָס זייא האָבען זייערע קינדער געלאָזט מל זיין. אזו האָט ער איין בפעהל גיגעבען, דיא צווייא פרויען אויף צו הענגען אַן זיירע ברוסטען, צוזאַמען מיט זיירע געמלתה קינדער:

אין דיא צייט איז געפאנגען וואָרדען (אלעזר הכהן), ער וואַר דער גרעסטער חכם, אונד דער חשיבסטער מאן, פאָן אללע כהנים. האָט מען דעם אלעזר געבראכט פאר (פיליפוס). האָט פיליפוס צו איהם געזאָגט, אלעזר הכהן! איך קאן דיך שאָהן פאָן אלאנגע צייט, דאס דיא איין גראָסער חכם אונד אויך זעהר איין פארשטענדיגער מאן ביזט. זאָ ביטע איך דיך, טוהע דיא נישט איבערטרעטען, איבער דאס

גִיזֶעטְץ פָאן מֶלֶךְ אַנְטִיוכוּס. נָאר זָאלְסְט דִיךְ בִּיגֶען צוּ דֶעם צֶלֶם פָאן אִיהְם. אוּנְד זָאלְסְט אוֹיךְ עֶסֶען פָאן דֶעם פְלֵייש, וָואס וֶוערְד גֶשָׁחְטֶן וָוארְדֶען צוּ דִיזֶען צֶלֶם. אַזוֹ וֶוערְסְט דוּא בְּלֵייבֶּען לֶעהְבֶּען: הָאט אֶלְעָזָר אִיהְם גֶעאַנְטְוָוארְט, חָלִילָה וְחַס אִיזְט דָאס דָאזִיגֶע צוּ מִיר, צוּ פַארְשְׁטֶעהְרִין דִיא גֶעבָּאט פָאן מֵיין גָ׳, וָואס עֶר אִיזְט דֶער גָ׳ פָאן דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט, כְּדֵי צוּ טוּהֶען דֶעם ווִילְלֶען פָאן אֵיין מֶענְשׁ. אֲפִילוּ דַאס עֶר אֵיין קֶענִיג אִיזְט. הָאט פִילִיפּוּס גֶענָאמֶען דֶעם אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן אִין אֵיין פַארְבָּארְגֶען אָרְט, אוּנְד הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דִיא וֵוייסְט וָואהְל, דִיא גְרָאסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ דִיר, נָאךְ פָאן דִיא צֵייט אַן, וָואס אִיךְ בִּין גִיוֶועזֶען בֵּייא דֶעם מֶלֶךְ (תַּלְמִי) אִין מִצְרַיִם. אַזוֹ טְרָאגְט נִישְׁט אוֹיס מֵיין גֶעווִיסֶען, דִיר שְׁלֶאכְטֶעס צוּ טוּהֶען. אַזוֹ הָארְךְ דִיא מֵיין רַאטְה, לַאס צוּ דִיר אַהֶער בְּרֶענְגֶען אֵיין שְׁטִיק גֶעקָאכְט פְלֵייש, פָאן עֶנְקְרֶע שְׁחִיטָה, וָואס דִיר עֶרְלוֹיבְּט אִיזְט צוּ עֶסֶען. אוּנְד זָאלְסְט דָאס פְלֵייש עֶסֶען פַאר אַלְלֶע דֵיינֶע בְּרוּדֶער דִיא כֹּהֲנִים, מִיט דִיא מֵיינוּנְג, דַאס דִיא הָאסְט גִיגֶעסֶען פָאן מֵיין שַׁחְטוּנְג, כְּדֵי דִיא זָאלְסְט קֶענֶען בְּלֵייבֶּען לֶעהְבֶּען: וִויא אֶלְעָזָר הָאט גִיהֶערְט דִיא דָאזִיגָע רֵייד פָאן פִילִיפּוּס, הָאט עֶר גִישְׁפֶּעט אוֹיס זֵיינֶע רֵייד, אוּנְד הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, פַארְנִים נָאר פָאן מִיר אֵיינִיגֶע וָוארְטֶען דִיא פִילִיפּוּס, אִיךְ בִּין בּ״ה שָׁאהְן אַלְט גֶעוָוארֶען נַיינְצִיג יָאהְר, אוּנְד

אִין אַלְלֶע מֵיינֶע טֶאג הָאבּ אִיךְ פִיעֶל מִיהֶע אֵיינְגִיוֶועְנְט צוּ טוּהֶען דֶען רָצוֹן פָאן מֵיין בִּישֶׁעפֶּער, כְּדֵי מֵיין נְשָׁמָה צוּ בִּיהֶעפְּטֶען אַן מֵיין גָ׳, דֶער גָ׳ פָאן דִיא יוּדֶען. אוּנְד הָאבּ אַלְלֶע מָאהְל גֶעדִינְט מֵיין גָ׳ בֶּאֱמוּנָה, אָהְן אַשׁוּם פַאלְטְשְׁקֵייט. וָואס טוּסְט דִיא מִיךְ יֶעצְט צוּ רַאטֶען, דַאס צוּ מֵיין עֶלְטֶער מִיךְ צוּ פַארְקֶעהְרֶען אוּמְצוּגֶעהְן מִיט מֵיין גָ׳ מִיט פַאלְטְשְׁקֵייט? אוּנְד צוּ פַארְשְׁטֶעהְרֶען זֵיין תּוֹרָה? אוּנְד נָאךְ דַאצוּ פַאר מֶעהְרֶערֶע מֶענְשֶׁען. וֶוען דִיא יוּנְגֶע לֵייט פָאן דִיא כֹּהֲנִים, וֶועלֶען דָאס דָאזִיגֶע פָאן מִיר צוּזֶעהְן, אַזוֹ וֶועלֶן זַייא זִיךְ טְרַאכְטֶען, וֶוען אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן וָואס שָׁאהְן זֶעהְר אַלְט אִיזְט, הָאט פַארְשְׁטֶעהְרְט גָ-ס תּוֹרָה, אַזוֹ דַארְפֶען מִיר עֶס בְּוַודַאי צוּ טוּהֶען. אַזוֹ וֶועל אִיךְ דֶער גּוֹרֵם זֵיין, וָואס זֵיירֶע נְפָשׁוֹת וֶועלִין פַארְלוֹרֶען וֶוערְדֶען פָאן דֶעם עֶווִיגֶען לֶעהְבֶּען. דַארִיבֶּער זָאלְסְט וִויסֶען דִיא פִילִיפּוּס! דַאס אִיךְ וֶועל חָלִילָה וְחַס נִישְׁט פַאר אוּנְרֵיינִיגֶען מֵיין הֵיילִיגְקֵייט, אוּנְד וֶועל נִישְׁט מְטַמֵּא זֵיין מֵיין גְרֵייז גְרוֹיעֶ עֶלְטֶער. אָבְּוָואהְל דַאס אִיךְ וֵוייס גוּט, דַאס אִין דֵיין מַאכְט אִיזְט מִיךְ צוּ טֵייטֶען, אוּנְד מִיךְ צוּ מַאכֶען פַארְלוֹרִין פָאן דִיא הִיזִיגֶע וֶועלְט. אַבֶּער אִיבֶּער מֵיין נֶפֶשׁ הָאסְט דִיא גָאר קֵיין קְרַאפְט, אַזוֹ גוּט אִיהְר עֶפֶּעס שְׁלַאכְטֶעס צוּ טוּהֶען, וִויא אוֹיךְ אִיהְר עֶפֶּעס גוּטֶעס צוּ טוּהֶען. אוּנְד וֶוען אִיךְ זָאל וֶועלִין מִיךְ הֵיינְט רֶעטֶען פָאן טוֹיט, צוּ טוּהֶען דֵיין בִּיגֶעהְר. אָבֶּער פָאן דֶעם

עֶווִיגֶען גָ׳ וָואס זַיין גִיוָועלְטִיגְקֵייט אִיזְט אִיבֶּער דִיא לֶעבֶּענְדִיגֶע, אוּנְד אִיבֶּער דִיא טוֹדְטֶע, קָאן אִיךְ כִּיךְ נִישְׁט מַצִיל זַיין, פַאר אִיהְם צוּ קֶענֶען עֶנְטְלוֹיפֶען. אַזוֹ אִיזְט פַאר מִיר בֶּעסֶער, אַצִינְד צוּ שְׁטַארְבֶּען דוּרְךְ דַיין הַאנְד. אוּנְד דֶער גָ׳ פָאן דִיא יוּדֶען, וֶוערְד מִיךְ דָארְט אוֹיף דֶעם עוֹלָם הָאֱמֶת לֶעבֶּענְדִיג מַאכֶען.

וִויא דֶער פִּילִיפּוּס הָאט גִיהֶערְט דִיא אַלְלֶע דָאזִיגֶע רֵייד פָאן אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן, אִיזְט זַיין הַארְץ אוֹיף אִיהְם פַארְקֶעהְרְט גֶעוָוארִין צוּ גְרָאס אַכְזָרִיוֹת, וִויא אוֹיךְ אוֹיף אַלְלֶע חֲסִידִים אוּנְד עֶהְרְלִיכֶע יוּדֶען. אַזוֹ הָאט עֶר גֶעבָּאטֶען צוּ קֶעסְטִיגֶען דֶעם אֶלְעָזָר מִיט פַארְכְטְבַּארֶע, אוּנְד אוּנֶערְבַּארְמִיגֶע שְׁלֶעק. הָאט אֶלְעָזָר גֶעשְׁרִיעֶן צוּ זַיין גָ׳, מֵיין גָ׳, וָואס הָאסְט מִיךְ גֶעלָאזְט אַזוֹ לַאנְג לֶעהְבֶּען, דִיא וֵוייסְט וָואהְל, דַאס אִיךְ הֶעט גִיקֶענְט מִיךְ מַצִיל זַיין פָאן טוֹהְט, אוּנְד פָאן דִיא פָארְכְטְבַּארֶע יְסוּרִים, וָואס מֵיין כֹּחַ אִיזְט נִישְׁט אַזוֹ שְׁטַארְק, זַייא צוּ קֶענֶען אוֹיס הַאלְטֶען. נָאר אַבֶּער, דוּרְךְ דִיא גְרָאסֶע לִיעֶבְּשַׁאפְט וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ דִיר מֵיין גָ׳, זֶענֶען דִיא אַלְלֶע יְסוּרִים וִויא גָאר נִישְׁט בֵּייא מִיר גֶערַאכְנְט, נָאר אִיךְ וִויל זַייא עֶרְדוּלְדֶען מִיט כֹּחַ אוּנְד גְבוּרָה. נָאר אִיךְ בִּיטֶע דִיךְ מֵיין גָ׳, עֶרְבַּארְמֶע דִיךְ אוֹיף דֵיין פָאלְק דִיא יִשְׂרָאֵל. אוּנְד טוּהֶע זַייא מַצִיל זַיין פָאן זֵיירֶע פֵיינְד: נָאךְ דֶעם וִויא עֶר הָאט פַארְלֶענְט זַיין גִיבֶּעהְט צוּ גָ׳, אִיזְט עֶר גֶעשְׁטָארְבֶּען. אוּנְד הָאט

זִיךְ קִוָּה שְׁלִי-ות גִיוָועז (לְעוֹלָם הַבָּא בְּעוֹלָם הַנְשָׁמוֹת):

(ב)

דֶער מֶלֶךְ אַנְטְיוּכוּס הָאט זִיךְ נָאךְ אֵיינֶע צֵייט לַאנְג אוֹיף גֶעהַאלְטֶען, אוֹיסֶער דִיא שְׁטָאט, אוּם זִיךְ צוּ עֶרְקוּנְדִינְגֶען, אוֹיבּ זֵיין שַׂר דֶער פִּילִיפּוּס טוּט אַזוֹ בַּארְבַּארֶעשׁ פַארְפַאהְרֶען קֶעגֶען דִיא יוּדֶען, אַזוֹ וִויא עֶר אִיהְם גֶעבָּאטֶען הָאט.

אִיזְט דַאמָאהְלְס גֶעפַאנְגֶען וָוארְדֶען זִיבֶּען בְּרוּדֶער, דִיא אַלֶלֶע וַוארֶען פָאן אֵיינֶע מוּטֶער, אִיהְר נַאמֶען וַואר (חַנָה). הָאט מֶען דִיא מוּטֶער מִיט אִיהְרֶע זִיבֶּען זֶאהְנֶע גֶעבְּרַאכְט צוּ דֶעם מֶלֶךְ אַנְטְיוּכוּס הָרָשָׁע, דֶער אַכְזָר. הָאט מֶען גֶעבְּרַאכְט דֶעם עֶלְטֶעסְטֶען בְּרוּדֶער פַאר דֶעם מֶלֶךְ. הָאט דֶער אַנְטְיוּכוּס צוּ אִיהְם גִירֶעדְט מִיט בֶּעוִוילִיגְטֶע רֵייד, דַאס עֶר זָאל אַנְנֶעמֶען זֵיין צֶלֶם פַאר אֵיין גָ', אוּנְד זָאל פַארְלָאזֶען דָאס גִיזֶעטְץ פָאן זֵיין גָ', אַזוֹ וֶוערְד עֶר לֶעהְבֶּען בְּלֵייבֶּען. הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם מֶלֶךְ, צִיוָואס טוּסְט דִיא צוּ מִיר אַזוֹ פִּיעֶל רֵיידֶען, מִיךְ צוּ אוּנְטֶערְרִיכְטֶען מִיט דֵיינֶע פַאלְטְשֶׁע לֶעהְרֶע, צוּ פַארְלַאסֶען דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, פָאן אוּנְזֶער לֶעבֶּענְדִיגֶען גָ', כְּדֵי אָנְצוּנֶעמֶען דֵיינֶע גִיזֶעטְצֶע, וָואס לוֹיטֶער (הֶבֶל הַבָלִים) אִיזְט. דִיא דַארְפְסְט אוּנְס יוּדֶען נִישְׁט צוּ אוּנְטֶערְרִיכְטֶען, דֶען מִיר זֶענֶען שָׁאהְן פָאן לַאנְגֶע צֵייטֶען, גוּט אוּנְטֶערְרִיכְטֶעט גֶעוָוארֶען פָאן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין. זָאלְסְט וִויסֶען, דַאס מִיר אַלֶלֶע

בְּרוּדֶער זֶענֶען פָארְגֶעבְּרַייט צוּ אָפְּפֶערֶען אוּנְזֶער לֶעהְבֶּען, פִיר אוּנְזֶער גָ-'ס וֶוגֶען. אַזוֹ הָאט דֶער מֶלֶךְ, דֶער אַכְזָר גֶעבָּאטֶען אַהֶער צוּ בְּרֶענְגֶען אֵיינֶע אֵייזֶערְנֶע פֵייעֶר פַאנְד, אוּנְד דִיא פַאנְד צוּ טוּ-עֶן אוֹיף דֶעם פֵייעֶר. אוּנְד הָאט גֶעבָּאטֶען פָאן דֶעם עֶלְטֶעסְטֶען בְּרוּדֶער אַבְּצוּשְׁנֵיידֶען זֵיינֶע צוּנְגֶע. אוּנְד זֵיינֶע הֶענְד. אוּנְד פוּס. אוּנְד אַבְּצוּצִיהֶען דִיא גַאנְצֶע הוֹיט פָאן זֵיין קָאפְּף. אוּנְד דָאס אַלְלֶעס אַרֵיין צוּ לֶעגֶען אִין דִיא פֵייעֶר פַאנְד, וָואס וַואר אוֹיף דֶעם פֵייעֶר. פַאר דִיא אוֹיגֶען פָאן אַלְלֶע זֵיינֶע בְּרוּדֶער. דַאן הָאט עֶר גֶעבָּאטֶען דֶען קָארְפֶּער פָאן אִיהְם, אוֹיךְ אַרֵיין צוּ לֶעגֶען אִין אֵיינֶען קִיפְּפֶערְנֶען קֶעסֶעל, וָואס וַואר אוֹיךְ אוֹיף דֶעם פֵייעֶר. וְוִיא עֶר הָאט שָׁאהְן זָאלִין שְׁטַארְבֶּען, הָאט עֶר גֶעבָּאטֶען דֶעם קָארְפֶּער צוּרִיק אַרוֹיסצוּ נֶעמֶען, כְּדֵי עֶר זָאל נָאךְ גְרָאסֶע יְסוּרִים לֵיידֶען. דָאס אַלְלֶעס הָאט עֶר אַזוֹ גֶעטוּהֶען, כְּדֵי דִיא אִיבְּרִיגֶע בְּרוּדֶער אַבְּצוּשְׁרֶעקֶען, אַזוֹ וֶועלִין זֵייא דַאדוּרְךְ אַנְנֶעמֶען זֵיין גֶעבָּאט. אוּנְד עֶס וַואר נָאךְ גְרַאד אוּמְגֶעקֶעהְרְט, דֶען, וְוִיא דִיא אִיבְּרִיגֶע בְּרוּדֶער הָאבֶּן צוּ גֶיזֶעהֶן דֶען פָארְכְטְבַּארֶען טוֹהְט פָאן זֵייעֶר בְּרוּדֶער, הָאבֶּן זֵייא זִיךְ אַלְלֶע זֶעהְר גֶעשְׁטַארְקְט, אוּנְד אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶן, הָאט מַחֲזִיק גִיוֶועזֶן, מִיט גְרָאסֶע שְׁטְרָאף רֵייד. אוּנְד הָאבֶּן גֶעזָאגְט, אַן אוּנְס וֶוערְד אַצִינְד מְקוּיָם דִיא נְבִיאָה פָאן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה, וָואס גָ' הָאט גֶעזָאגְט אִין דִיא (שִׁירָה הַאֲזִינוּ)

(כִּי יָדִין ה' עַמוֹ, וְעַל עֲבָדָיו יִתְנֶחָם) דַאס הֵייסְט. דַאס דוּרְךְ אוּנְזֶער טוֹהְט, וֶועְרְד עֶר זִיךְ אִיבֶּער דֶענְקֶען אוֹיף זַיין פָאלְק, אוּנְד וֶועְרד אַיינֶע נְקָמָה טוּהֶען, אַן זַיירֶע פֵיינְד. אַזוֹ לַאסֶען מִיר אוּנְס שְׁטַארְקֶען. צוּ אִיבֶּער עֶנְפֶּערֶן אוּנְזֶערֶע נְפָשׁוֹת אִין גַ-'ס הַאנְד, כְּדֵי דוּרְךְ אוּנְס, זָאל אֵיינֶע יְשׁוּעָה קָאמֶען אוֹיף אַלֶע יוּדֶען. אַזוֹ אִיזְט גֶעטֵייט וָוארְדֶען דֶער עֶרְשְׁטֶער פָאן דִיא בְּרוּדֶער:

נָאךְ אִיהְם הָאט מֶען צוּגֶעפִיהְרְט דֶעם צְוֵוייטֶען פָאן דִיא בְּרוּדֶער פַאר דֶעם מֶלֶךְ. הָאבֶּען דִיא שָׂרִים פָאן מֶלֶךְ צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, פָאלְג דִיא אוּנְס, אוּנְד טוּהֶע דֶען ווִילֶען פָאן מֶלֶךְ, כְּדֵי דִיא זָאלְסְט נִישְׁט גֶעטֵייט וֶוערְדֶען, מִיט זָאלְכֶע גְרָאסֶע יְסוּרִים וִויא דֵיין בְּרוּדֶער. הָאט עֶר צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, בְּרֶענְגְט גֶעשְׁווִינְד פֵייעֶר. אוּנְד בְּרֶענְגְט גֶעשְׁווִינְד דִיא שְׁוֶוערְט. אוּנְד טוּט צוּ מִיר דַאס זֶעלְבֶּע, וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהֶען צוּ מֵיין בְּרוּדֶער. דֶען אִיךְ הָאבּ מִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁעהְמֶען קֶעגֶען אִיהְם, אַזוֹ גוּט וִויא אִין „פְרָאמִיקַייט" וִויא אוֹיךְ אִין (יִרְאַת שָׁמַיִם). וִויא דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהֶערְט דִיא רֵייד פָאן אִיהְם, הָאט עֶר גֶעבָּאטֶען צוּ אִיהְם צוּ טוּהֶען דַאס זֶעלְבֶּע, וָואס אִיזְט גֶעטוּהֶען וָוארְדֶען צוּ זֵיין בְּרוּדֶער. הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם מֶלֶךְ, וֶועהֶע אִיזְט צוּ דִיר, דִיא אַכְזָר אִיבֶּער אוּנְזֶערֶע נְפָשׁוֹת. גְלוֹיבְּסְט דִיא דֶען, דַאס דִיא וֶוערְסְט קֶענֶען פַאנְגֶען אוּנְזֶערֶע נְפָשׁוֹת, אוּנְד אַן זֵייא צוּ טוּהֶען דֵיין בֵּיגֶעהְר? אַזוֹ וִויא דִיא טוּסְט צוּ

אוּנְזֶער קָארְפֶּער ? פַארְוָואהְר א נְזֶרֶע טְהַיירֶע נְפָשׁוֹת טוּהֶען גְלֵייךְ גֶעהֶן צוּ גָ׳, אוּנְד מִיר וֶועלִי עֶרְשְׁט דָארְט אַנְפַאנְגֶען צוּ לֶעהְבֶּען. אַזוֹ לֶעהְבֶּען, וָואס דוֹירְט אִין דִיא עֶווִיגְקַייט, וָואס אוּנְאוֹיפְהֶערְלִיךְ אִיזְט. אָבֶּער דַאס נֶפֶשׁ פָאן דִיר, וֶוערְד קָאמֶען צוּ שַׁאנְד, אוּנְד שְׁפָּאט, אוֹיף אִימֶער, אוּנְד עֶווִיג: אַזוֹ אִיזְט אוֹיךְ דֶער צְוֵוייטֶער בְּרוּדֶער גֶעטֵייט וָוארְדֶען מִיט גְרָאזַאמֶע יְסוּרִים:

נָאךְ דֶעם הָאט מֶען פַאר אִיהְם גֶעבְּרַאכְט דֶעם דְרִיטֶען בְּרוּדֶער, וִויא דֶער מֶלֶךְ הָאט אִיהְם אַנְגֶעשְׁוִיעֶט, הָאט עֶר עֶרְהוֹיבֶּען זֵיינֶע הֶענְד קֶעגֶען דֶעם מֶלֶךְ, אוּנְד הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט גַאנְץ אוּנֶערְשְׁרָאקֶען, וֶועהֶע אוּנְד אָךְ אִיזְט צוּ דִיר, דִיא (צַר וְאוֹיֵב) בֶּעלֵיידִיגֶער, אוּנְד דֶער פֵיינְט פָאן גָ׳, דִיא גְלוֹיבְּסְט אוּנְס בְּרוּדֶער אָבְּצוּשְׁרֶעקֶען, נֵיין, מִיר שְׁרֶעקֶען גָאר נִישְׁט פַאר דִיר, אוּנְד פַאר דִיא יְסוּרִים וָואס ווִילְסְט צוּ אוּנְס טוּהֶען. וֵוייל מִיר ווִיסֶען זִיכֶער, דַאס דָאס אַלְלֶעס אִיזְט גֶעווִיס אַזוֹ דֶער רָצוֹן פָאן אוּנְזֶער גָ׳, כְּדֵי דוּרְךְ אוּנְס זָאל קָאמֶען דִיא הִילְף צוּ אַלְלֶע יוּדֶען. דַארִיבֶּער טוּהֶען מִיר עֶס אַנְנֶעמֶען מִיט לִיעבְּשַׁאפְט, פָאן זֵיין לִיעְבֶּען נָאמֶען. אוּנְד דִיא אַלְלֶע יְסוּרִים זֶענֶען ווִיא גָאר נִישְׁט גֶערַאכְנְט אִין אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען. דֶען גֶעווִיס וֶוערְד אוּנְס דֶער עֶרְבַּארְמִיגֶער גָ׳, דַאפִיר אַיין גְרָאסֶען לָאהְן בֶּעצָאהְלֶען, אוֹיף דֶעם עוֹלָם הַנְשָׁמוֹת. אוּנְד דִיא, דִיא אַכְזָר, וֶוערְסְט פַארְשְׁנִיטֶען וֶוערְדֶען בִּיז אִין דִיא

עֶווִיגְקֵייט. הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ, אוּנְד אַלְלֶע שָׂרִים זֶעהְר פַארְווִינְדֶערְט, אִיבֶּער דֶעם מוֹטְה, אוּנְד אִיבֶּער דַאס גְרָאסְהֵייט פָאן אִיהְם. אַזוֹ אִיזְט אוֹיךְ דֶער דְרִיטֶער בְּרוּדֶער גֶעטֵייט וָוארְדֶען:

נָאךְ אִיהְם, הָאט מֶען ווִידֶער גִיבְּרֶענְגְט צוּ פִיהְרֶען פַאר דֶעם מֶלֶךְ, דֶעם פִירְטֶען בְּרוּדֶער, אַזוֹ הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם מֶלֶךְ, רֵיידֶע צוּ מִיר קֵיין אֵיינְצִיג וָוארְט דִיא אַכְזָר, דֶען דִיא וֶועסְט גָאר נִישְׁט בִּיצְוֶועקֶען מִיט דֵיינֶע פַאלְטְשֶׁע רֵייד, דִיא פַאלְשַׁאפְּטִיגֶער מֶענְשׁ. רֵייד צוּ מִיר גָאר נִישְׁט, נָאר טוּהֶע צוּ מֵיין קָארְפֶּער, וָואס דִיא ווִילְסְט. אָבֶּער מֵיינֶע זֶעלֶע וֶוערְד תֵּיכֶּף גֶעהֶען צוּ גָ'. זָאלְסְט ווִיסֶען דַאס דָאס דָאזִיגֶע אִיזְט נָאךְ צוּ אוּנְס פַאר אֵיין טְרוֹיסְט, דַאס מִיר שְׁטַארְבֶּען וֶועגֶען זֵיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען, אוּנְד וֶועגֶען זֵיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אוּנְס וֶוערְד גָ' צוּרִיק לֶעבֶּענְדִיג מַאכֶען אוֹיף דֶעם עוֹלָם הַנְשָׁמוֹת. אָבֶּער צוּ דִיר, אִיזְט מֶעהְר קֵיין הוֹיפְנוּנְג: אַזוֹ אִיזְט אוֹיךְ דֶער פִיעֶרְטֶער בְּרוּדֶער גֶעטֵייט וָוארְדֶען:

נָאךְ אִיהְם אִיזְט גֶעבְּרַאכְט וָוארְדֶען דֶער פִינְפְטֶער בְּרוּדֶער. פַאר דֶעם מֶלֶךְ, הָאט עֶר ווִידֶער אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֵיידֶען צוּם מֶלֶךְ, גְלוֹיבּ נִישְׁט אוּנְד טוּהֶע דִיר דַאס גָאר נִישְׁט אֵיינְרֵיידֶען אִין דֵיין הַאֶרְץ, דַאס גָ' הָאט אוּנְס פִיר דֶעסְטְוֶועגֶען אִיבֶּער עֶנְפֶערְט אִין דֵיין הַאנְד, ווֵייל עֶר אוּנְס פֵיינְט הָאט. אוּנְד גְלוֹיבּ אוֹיךְ נִישְׁט, דַאס דָאס אִיזְט פִיר דֵיין גוּטֶען, נֵיין, נָאר כְּדֵי דַאס דֵיין

נאָמען זאָל אָבְּגִימֶעקְט וֶוערְדֶען פָאן דִיא וֶועלְט אוֹיף עֶווִיג. אוּנְד אוּנְזֶער גָ' וֶוערְד אַן דִיר, אוּנְד אַן דַיין גַאנְץ הוֹיזְגֶעזִינְד אֵיינֶע נְקָמָה טוּהֶען. אוּנְד גְלוֹיבּ נִישְׁט דַאס דוּרְךְ דִיזֶען, וֶועְרסְט דִיא בִּיפֶעסְטִיגֶען דַיין גִיזֶעטְץ צוּ דִינֶען צוּ דַיין צֶלֶם: אַזוֹ אִיזְט אוֹיךְ דֶער פִינְפְטֶער בְּרוּדֶער גֶעטֵייט וָוארְדֶען:

נָאךְ אִיהְם הָאט מֶען ווִידֶער צוּגֶעפִיהְרְט דֶעם זֶעכְּסְטֶן בְּרוּדֶער פַאר דֶעם מֶלֶךְ, אוּנְד בֶּעפָאהְר וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט אַנְגֶעפַאנְגֶען עֶפֶּעס צוּ אִיהְם צוּ רֵיידֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם מֶלֶךְ, מִיר בִּיקֶענֶען אוּנְזֶערֶע זִינְד, אוּנְד דִיא זִינְד, פָאן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין, דַאס מִיר הָאבֶּן גֶעזִינְדִיגְט צוּ אוּנְזֶער גָ'. אוּנְד אַצִינְד אָבֶּער וֶוערְד שָׁאהֶן אוּנְזֶער גָ' בֶּעווִילִיגְט וֶוערְדֶען צוּ זַיין פָאלְק, מִיט אוּנְזֶער טוֹהְט. אוּנְד דִיא, ווַייל דַיין שְׁלַאכְט הַארְץ הָאט דִיךְ בֶּעוָואהְגֶען, זָאלְכֶעס צוּ טוּהֶען צוּ גָ'-ס קְנַאכְט, אַזוֹ וֶוערְד אוּנְזֶער גָ' שְׁטְרֵייטֶען מִיט דִיר, אוּנְזֶער שְׁטְרֵייט, אוּנְד דִיא וֶוערְסְט וֶוערִין אוֹיסְגֶערִיסֶען פָאן דֶעם עֶווִיגֶען לֶעהְבֶּען. אַזוֹ אִיזְט אוֹיךְ דֶער זֶעכְּסְטֶער בְּרוּדֶער גֶעטֵייט וָוארְדֶען:

דַאן הָאט מֶען אַהֶער גִיבְּרֶענְגְט דֶעם זִיבֶּעטֶן בְּרוּדֶר פַאר דֶעם מֶלֶךְ, עֶר ווַאר נָאךְ זֶעהְר אֵיין יוּנְג קִינְד. אוּנְד דִיא מוּטֶער, דִיא חַנָה הַחֲסִידָה וְהַכְּשֵׁירָה, הָאט צוּגִיזֶעהְן, וִויא אִיהְרֶע אַלְלֶע זִיבֶּען קִינְדֶער וֶוערְדֶען גֶעטֵייט מִיט זָאלְכֶע פָארְכְטְבַּארֶע יִסוּרִים, אִין אֵיין טָאג,

אוּנְד צוּפָארְט, וַואר זִיא גַאנְץ אָהְנֶע שְׁרֶעק. אוּנְד אָהְנֶע זָארְג. נָאר נָאךְ גְרָאד לְהֵיפּוּךְ. בַּייא דֶען טוֹהְט פָאן יֶעדֶעס קִינְד, הָאט זִיא שִׁירָה גֶעזִינְגֶען, דֶעם פָּסוּק פָאן תְּהִלִּים (אֵם הַבָּנִים שְׂמֵחָה הַלְלוּיָהּ). אוּנְד נָאךְ דֶעם טוֹהְט פָאן אַלֶע אִיהְרֶע זִיבֶּען זֶאהְנֶע, הָאט זִיא אַזוֹ גֶעזִינְגֶען, מֵיינֶע קִינְדֶער! מֵיינֶע קִינְדֶער! נִישְׁט אִיךְ הָאבּ אֵייךְ גֶעמַאכְט בֶּעשַׁאפֶען. אוּנְד נִישְׁט אִיךְ הָאבּ אִין אֵייךְ אֵיינֶע נְשָׁמָה גִיגֶעבֶּען. נָאר דֶער גָ' פָאן דִיא יִשְׂרָאֵל, הָאט אֵייךְ עֶרְשַׁאפֶען, אוּנְד הָאט אִין אֵייךְ אַרַיין גִיגֶעבֶּען עֶנְקְרֶע נְפָשׁוֹת. אַצִינְד מֵיינֶע לִיעֶבֶּע קִינְדֶער. דַאפִּיר וָואס אִיהְר הָאט אֵייךְ גֶעאָפְּפֶּערְט פִּיר גָא-ס וֶועגֶען, אוּנְד פִּיר זַיין תּוֹרָה וֶועגֶען, וֶועְרד אֵייךְ פַארְגֶעווּים דֶער גָ' פָאן דִיא וֶועלְט צוּרִיק לֶעבֶּענְדִיג מַאכֶען אוֹיף דֶעם עוֹלָם הָאֱמֶת. אוּנְד וֶוערְד אֵייךְ מַאכֶען אַרְבֶּען דָאס לַאנְגֶע לֶעהְבֶּען, פָאן עוֹלָם הַבָּא. וָואהְל אִיזְט צוּ אֵייךְ מֵיינֶע קִינְדֶער, אוּנְד וָואהְל אִיזְט צוּ מִיר, וָואס אִיךְ הָאבּ אֵייךְ גֶעבּוֹרִין. הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ מִיט אַלֶע זַיינֶע שָׂרִים זֶעהְר פַארְווּינְדֶערְט אִיבֶּער דָאס שְׁטַארְקֶע אוּנְד טַאפְּפֶערֶע הַארְץ, פָאן אֵיינֶע פְרוֹי. אוּנְד דֶער אַנְטְיוֹכוּס הָרָשָׁע אִיזְט זֶעהְר פַארְשֶׁעהְמְט גֶעוָוארִין, דַאס אֵיינֶע פְרוֹי הָאט אִיהְם אִיבֶּערְזִיעגְט. נָאךְ דִיזֶען הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעבָּאטֶען פַאר אִיהְם צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם זִיבֶּעטֶען בְּרוּדֶער, אוּנְד דֶער מֶלֶךְ אִיזְט מִיט אִיהְם אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין אֵיין צִימֶער,

כְּדֵי אִיהְם צוּ אִיבֶּער רֵיידֶען, ווייל עֶר הָאט גֶעגְלוֹיבְּט, ווייל עֶר נָאךְ גַאנְץ יוּנְג אִיזְט, וועֶרְד עֶר אִיהְם קֶענֶען אִיבֶּער רֵיידֶען. אַזוֹ הָאט עֶר צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, טוּהֶע דִיא אַנְנֶעמֶען מֵיין גֶעבָּאט, אַזוֹ שְׁווערֶע אִיךְ דִיר צוּ, דַאס אִיךְ וועֶל דִיךְ מַאכֶען פַאר דֶעם (שֵׁנִי לְמֶלֶךְ), אוּנְד וועֶרְסְט הָאבֶּען צוּ רֶעגִירֶען אִיבֶּער מֵיין גַאנְץ קֶענִיגְרֵייךְ. אוּנְד אִיךְ וועֶל דִיךְ זֶעהְר רֵייךְ מַאכֶען מִיט פִיעֶל גָאלְד אוּנְד זִילְבֶּר. הָאט דָאס קְלֵיינֶע קִינְד אִיהְם גֶעאַנְטְווָארְט, וועֶהֶע גֶעשְׂרִיגֶען אִיבֶּער דִיר, דִיא נַארִישֶׁער קֶענִיג, וויא קָאנְסְט דִיא דִיךְ בְּרִיהְמֶען מִיט פַאלְטְשֶׁע גַאבֶּע, ווען דִיא ווייסְט אַלֵיין נִישְׁט, אוֹיבּ דִיא מָארְגֶען לֶעהְבֶּען וועֶרְסְט, אוּנ וואס דֵיין סוֹף זֵיין ווירְד, ווייסְט דִיא פַארְ-גֶעווִיס נִישְׁט. הָאט דֶער מֶלֶךְ צוּ אִיהְם אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֵיידֶען, מִיט הַארְטֶע רֵייד, אוּנְד הָאט אִיהְם וואלִין אַבְּשְׁרֶעקֶען, דַאס עֶר וועֶרְד אִיהְם לַאסֶען נָאךְ פִיעֶל גְרֶעסֶערֶע יְסוּרִים אָנְטוּהֶען קֶענֶען זֵיינֶע בְּרוּדֶער. אוֹיף דִיזֶען הָאט דַאס קִינְד אִיהְם גֶעאַנְטְווָארְט, וואס בְּרִיהְמְסְט דִיא דִיךְ דִיא שַׁאלְקַאפְּטִיגֶער אוּנְד שְׁלַאכְטֶער מֶענְשׁ! דִיא וועֶרְסְט מִיךְ גָאר נִישְׁט אַבְּשְׁרֶעקֶען מִיט דֵיינֶע רֵייד. נָאר טוּהֶע צוּ מִיר גֶעשְׁווינְד, דַאס וואס דִיא גֶעזָאגְט הָאסְט, אוּנְד הַאלְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיף פָאן צוּ גֶעהֶן צוּ מֵיין גָ׳ אוּנְד צוּ מֵיינֶע בְּרוּדֶער דִיא (צַדִיקִים וַחֲסִידִים): אַזוֹ הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעלָאזְט פַאר זִיךְ בְּרֶענְגֶען דִיא מוּטֶער פָאן דֶעם קִינְד. אִיזְט זִיא

פאר איהם געקאמען, אונד איהרע הענד וואָרען געבונדען מיט שטריק. האָט דער מלך געזאָגט צו איהר, טוהע דיך ערבאַרמען איבער דאס דאָזיגע קינד, וואָס נאָר ער אַליין איזט דיר צוריק געבליבען פאָן אַללע דיינע קינדער, דאס זאָלסט איהם איבער רייַדען, צו טוהען מיין געבאָט. אַזוֹ ווערד דיר אינוועניגסטען דאס איינע קינד לעהבען בלייבען. אונד אויך דיא, ווערסט לעהבען בלייבען: האָט זיא צו איהם געזאָגט איבערגיב איהם צו מיר, פילייכט וועל איך איהם קענען איבער רייַדען. אַזוֹ האָט דער מלך זעלבסט דאס קינד אַהין געפיהרט צו זיינע מוטער, האָט זיא איהם געקישט פאַר דיא אויגען פאַר אַללע שרים פאָן מלך. האָט זיא גישפעט איבער דיא גראָסע חרפה פאָן מלך. האָט זיך דיא מוטער מיט איהר לעצט קינד עטוואס ענטפערנט פאָן זייא, אונד האָט צו איהם געזאָגט, מיין קינד, ניין חדשים האָב איך דיך געטראָגען אין מיין לייב. אונד צוויא יאָהר, האָסט דיא געזויגט פאָן מיינע ברוסטען, אונד ג'-ם תורה האָב איך דיך געלאָזט ערלערנען. אַצינד מיין קינד, טוהע נאָר אַנשויען דעם הימעל, אונד דיא ערד, אונד אויך אַללע בישעפ- נישען פאָן דיא וועלט, דאס דאָס אַללעס איזט נאָר ערשאַפען וואָרדען, דורך דיא זאָג פאָן ג', אונד מיר יודען זענען נאָר פיר דעסטוועגן ערשאַפען וואָרדען, כדי

זיך

זיך צו בּיהעפטען אין דיא דינסט פאן ג', אונד אין אונזער הארץ איינצופלאנצען דיא ליעבשאפט פאן ג', אונד דאפיר, ווערד ג' בּעצ העלען איין גראסען לאהן צו זיינע בּעגלייבטע קנאכט וואס דינען איהם בּאמת. אונד אפּפערן זייער לעהבּען פיר זיין היילינען נאמענ'ס וועגען. אבּער דיא נאבּע פאן מענשען, איזט לויטער נארהייט, וואס עס העלפט גאר נישט, אונד האט גאר קיין ווערט. איבּער דעם מיין געליעבּט קינד, לאס דיך נישט אנרייהדען פאן דעם אכזר, נאר בּלייב פעסט אין דיא אמונה צו דיין ג', אונד טוהע דיך אויך מוסר נפש זיין פיר ג'-ס וועגען, אזו וויא דיינע בּרודער האבּען געטוהען. זיא האט צו איהם נאך מעהר מוסר, אונד שטראף רייד געזאגט. אזו האט דאס קליינע קינד געזאגט צו זיינע מוטער, ליעבּע אונד גישעצטע מוטער, וואר ום טוסט דיא מיך אזו לאנג אויף האלטען, וואס לאסט מיך נישט געהן צו מיינע בּרודער, דיא קדושים וטהורים. פארוואהר, עס איזט דאך גאר קיין שפּאהר אין מיין הארץ, אנצונעמען דיא רייד פאן מלך דער אכזר, אונד זיין גאנץ פארשפּרעכען איזט וויא גאר נישט בּייא מיר גירעכנט. נאר איך האבּ מיך בּעשלאסען מיך אויך צו לאסען אפּפערן פיר ג'-ס וועגען, אונד פיר זיין תורה וועגען. וואס עס איזט צו אונס גיגעבּען וואררען דורך משה רבּינו ע"ה: וויא דיא מוטער האט דיא זיסע רייד פארנאמען פאן איהר געליעבּט קינד,

אִיזְט זִיא צוּ גֶעגַאנְגֶען צוּם מֶלֶךְ, אוּנְד הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ אִיהְם נִישְׁט גִיקֶענְט אִיבֶּער רֵיידֶען. הָאט ווִידֶער דֶער מֶלֶךְ גֶעזָאגְט צוּ דֶעם קִינְד, וַוארוּם ווִילְסְט נִישְׁט אַנְנֶעמֶען מֵיין גֶעבָּאט. כְּדֵי דִיא זָאלְסְט נִישְׁט גֶעטֵייט ווֶערְדֶען ? אַזוֹ אִיזְט דַאס קִינְד בֶּעגֵייסְטֶערְט גֶעווָארִין, אוּנְד הָאט אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֵיידֶען צוּ דֶעם מֶלֶךְ מִיט הויכֶע שְׁטִימֶע, (הוֹי, וַאֲבוֹי), ווֶעהֶע אִיזְט אִיבֶּער דִיר דִיא מֶלֶךְ (זָקֵן וּכְסִיל). דֶער פֵיינְד פָאן ג', אוֹיף ווֶעהְם ווִילְסְט דִיא דִיךְ בֶּערִיהְמֶען, דַאס דִיא הָאסְט אִיהְם אִיבֶּער רֵיידֶעט מִיט דֵיינֶע פַאלְטְשֶׁע רֵייד. אִיךְ זָאג דִיר אַרוֹיעֶס בְּפֵירוּשׁ, דַאס אִיךְ גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַן מֵיין ג', אוּנְד אַן זֵיין תּוֹרָה. אִיךְ שְׁרֶעקֶע גָאר נִישְׁט פַאר אַלְלֶע דֵיינֶע יְסוּרִים. אוּנְד דִיא נַארִישֶׁער קֶענִיג, ווֶעהֶע אִיזְט צוּ דִיר, אוֹיף ווֶעלְכֶען אָרְט, ווֶערְסְט דִיא דִיךְ קֶענֶען פַארְבָּארְגֶען פַאר דִיא שְׁטְרָאף פָאן ג', ווָאס עֶר ווֶערְד אַן דִיר אֵיינֶע נְקָמָה טוּהֶען, דִיא אִישׁ (צַר וְאוֹיֵב), דִיא שַׁאלְקַאפְּטִיגֶער מֶענְשׁ. אוּנְזֶערֶע טְהֵיירֶע נְפָשׁוֹת, ווֶערְד ג' עֶרְהֵייבֶּען אוֹיף דֶעם עֶווִיגֶען לֶעהְבֶּען, אוּנְד דִיא ווֵייל דִיא הָאסְט דִיךְ גֶעווַאהְגֶען זָאלְכֶעס צוּ טוּהֶען, צוּ ג'-ס קְנַאכְט, ווֶערְסְט בְּלֵייבֶּען פַאר אוּנְווֶערְדִיגְט בֵּייא אַלְלֶע מֶענְשֶׁן. דֶען אוּנְזֶער ג' ווֶערְד אַן דִיר אֵיינֶע נְקָמָה טוּהֶען, מִיט גְרָאסֶע פְּלַאגֶע. אוּנְד דִיא ווֶערְסְט שְׁטַארְבֶּען מִיט אֵיינֶע מִיתָה מְשׁוּנָה, אוּנְד ווֶערְסְט נִידֶערֶן אִין דִיא פִינְצְטֶערֶע גְרִיעֶבּ פָאן גֵיהִנָּם.

אוּנְד דֵיין זֶעהְל וֶועט נִימַאהְלְס אֵיינֶע מְנוּחָה גֶעפִינֶען, נָאר זִיא וֶועט זֵיין (נָע וְנַד). אַזוֹ אֵיין פַארְגֶעלְטוּנְג וֶועט אוֹיף דִיר קָאמֶען פָאן אוּנְזֶער גָ', וֵוייל דִיא הָאסְט דַאס דִיר אַזוֹ פַארְדִינְט: אוּנְד אִיבֶּער אוּנְס יוּדֶען, וֶועט זִיךְ גָ' שָׂאהְן פָאן אַצִינְד אַן עֶרְבַּארְמֶען, דֶען אוּנְזֶער טוֹהְט, וֶועט זֵיין אֵיינֶע כַּפָּרָה פִיר כָּל יִשְׂרָאֵל: וִויא דֶער מֶלֶךְ הָאט פַארְנָאמֶען דִיא דָאזִיגֶע רֵייד פָאן דֶעם קְלֵיינֶען קִינְד, אִיזְט עֶר זֶעהְר מְבוּיָּשׁ גֶעוָוארִין פַאר אַלֶּע מֶענְשֶׁן, דַאס אֵיינֶע פְרוֹיא הָאט אִיהְם אִיבֶּערְזִיעְגְט. אַזוֹ הָאט עֶר גֶעלָאזְט דַאס לֶעצְטֶע קִינְד טֵייטֶען מִיט נָאךְ גְרֶעסֶערֶע יְסוּרִים פָאן אַלֶּע זֵיינֶע בְּרוּדֶער:

נָאךְ דֶעם וִויא דִיא אַלֶּע זִיבֶּען בְּרוּדֶער זֶענֶען שָׂאהְן גֶעטֵייט וָוארְדֶען, אִיזְט דִיא מוּטֶער פָאן זֵייא, דִיא (חַנָּה הַחֲסִידָה, וְהַכְּשֵׁירָה, וְהַטְּהוֹרָה), צוּ גֶעגַאנְגֶען צוּ דִיא טוֹהְטֶע קֶערְפֶּער פָאן אִיהְרֶע קִינְדֶער, אוּנְד הָאט פַארְשְׁפְּרֵייט אִיהְרֶע הֶענְד קֶעגֶען הִימֶעל, אוּנְד הָאט אֵיינֶע גְרָאסֶע שִׁירָה גֶעזִינְגֶען צוּ גָ', אַם עֶנְדֶע הָאט זִיא גֶעזָאגְט, דִיא שְׁטַארְקֶער אוּנְד פָארְכְטְבַּארֶער גָ', טוּהֶע מֵיינֶע נְשָׁמָה צוּ דִיר רוּפֶען, כְּדֵי דִיא פֵיינְד פָאן דִיר זָאלִין נִישְׁט מִיךְ מְטַמֵּא זֵיין, אוּנְד זֵייא זָאלִין נִישְׁט אוּיס מִיר שְׁפֶּעטֶען. אִיךְ בִּיטֶע דִיךְ מֵיין גָ', דַאס זָאלְסְט מִיר דָארְט אוֹיף דֶעם עוֹלָם הָאֱמֶת וֵוייזֶען דֶען גְרָאסֶען שָׂכָר פָאן מֵיינֶע זִיבֶּען קִינְדֶער, וָואס אַלֶּע הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט הַארְגִינֶען פִיר דֵיין הֵיילִיגֶען

נָאמֶענ'ס וועגען, אונד פיר דיין תּוֹרָה וועגען. אונד גיב מיר עפּעס איין טהייל פאָן דעם שׂכר פאָן מיינע קינדער: וויא זיא האָט שׁאָהן פארלענט צו ריידען, איזט איהר היילינע נְשָׁמָה אויס געפלויגען, אונד איזט ארויף געפאללען אויף דיא טוֹהטע קאָרפּער פאָן איהרע קינדער:

(ג)

נאָך דיא אויבּיגע געשיכטע, האָט דער מֶלֶךְ אַנְטִיוֹכוּס פאָן דאָרט אַוועק געצויגען, צוריק אין זיין לאַנד (מוֹקְדוֹנְיָא). אונד האָט איבּער געלאָסט אין דיא שטאָט יְרוּשָׁלַיִם, זיין פעלדהערר (פִילִיפּוּס). אונד האָט איהם געבּאָטען פאר זיין אַבּרייזען, דאס ער זאָל זעהען אַבּצומעקען דעם נאָמען, פאָן דיא יִשְׂרָאֵל, פאָן זיין גאַנץ לאַנד. נאָר דער דאָזיגער מאַן, וואָס ווערד נאָר גערופען ווערדען מיט דעם נאָמען יוד, זאָל געטויט ווערדען. דער אָבּער וואָס ווערד אין גאַנצען אויס-טרעטען פאָן דען יודישען גלויבּען, אונד ווערד אַננעמען דאָס גלויבּען פאָן דיא (יְוָנִים), זאָל לעהבען בּלייבּען. דער פִילִיפּוּס האָט אַזוֹ געטוֹהען, וואָס האָט פיעל פאָן דיא צַדִיקִים, אונד חֲסִידִים ערשלאַגען, וואָס האָבּען זיך פעסט געהאַלטען אַן דיא תּוֹרָה. אונד דיא פּוֹשְׁעִים פאָן דיא יוּדען וואָס האָבּען כּוֹפֵר געוועזען אַן גָ-ס תּוֹרָה, האָט ער געלאָזט לעהבען:

צווישען דיא כֹּהֲנִים, האָט זיך געפינען איין מאַן

זַיין נאָמֶען וַואר (מַתִּתְיָהוּ בֶּן יוֹחָנָן הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל) פָאן
דִיא (מִשְׁפָּחָה חַשְׁמוֹנָאִים), זַיין וואָהְנְאָרְט וַואר אוֹיף
דֶעם בַּארְג (מוֹדָעִית). צוּ אִיהְם וַואר פִינְף זָאהְנֶע, דִיא
נָאמֶען פָאן זַייא וַוארֶען, יוֹחָנָן, שִׁמְעוֹן, יְהוּדָה, אֶלְעָזָר,
יוֹנָתָן. וְויא דֶער מַתִּתְיָהוּ הַכֹּהֵן, הָאט גִיזֶעהֶן דַאס אוּנְ-
גְלִיק וָואס גֶעטְרָאפֶען הָאט זַיין פָאלְק דִיא יִשְׂרָאֵל,
הָאט עֶר דַארִיבֶּער אַזוֹ אֵיין קְלָאג לִיעֶד גֶעזָאגְט. וֶועהֶע
אִיזְט צוּ מִיר, אוּנְד אִיבֶּער מֵיין גֶעבּוֹרִין וֶוערִין, דַאס
אִיךְ זָאל מִיזֶען צוּ זֶעהֶן, דֶען בְּרָאךְ פָאן מֵיין פָאלְק,
אוּנְד וְויא דִיא הֵיילִיגֶע שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם, אִיזְט אִיבֶּער
עֶנְטְפֶערְט וָוארְדֶען אִין פְרֶעמְדֶע הֶאנְד אַרֵיין, אוּנְד דַאס
בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פָאן גָ', אִיזְט אַזוֹ וְויא פַארְוְויסְט. דִיא
פֵיינְסְטֶע אוּנְד קָאסְטְבַּארְסְטֶע זַאכֶען זֶענֶען פָאן אוּנְס
אַוֶועק גֶענָאמֶען וָוארְדֶען. דִיא זֵייגֶענְדֶע קִינְדֶער,
וֶוערְדֶען אִין מִיטֶ"ן דִיא גַאסֶען עֶרְוָוארְגֶען. אוּנְד דִיא
בָּחוּרִים פָאן דִיא יִשְׂרָאֵל, וֶוערְדֶן צוּם שֶׁחְטֶן גֶעפִיהְרְט.
אוּנְזֶער גַאנְץ שׁוֹנְהֵייט, אוּנְד אַלְלֶעס אוּנְזֶער פַארְמֶעגֶען
אִיזְט גֶעוָוארִין, פַאר אֵיין רוֹיבּ. אִין פֵיינְדְ'ס הַאנְד. וְויא
אִיזְט מִיר מֶעגְלִיךְ, דַאס אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְמְאוּסֶן מֵיין
גַאנְץ לֶעהְבֶּען. מַתִּתְיָהוּ מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט
צֶערִיסֶען זַיירֶע קְלֵיידֶער, אוּנְד הָאבֶּען זִיךְ בֶּעקְלֵיידֶעט
מִיט זֶעק; נָאךְ דִיזֶען הָאט מַתִּתְיָהוּ גֶעשִׁיקְט זַיין זָאהְן
יְהוּדָה מִיט אֵיין בְּרִיף צוּ דֶען גַאנְצֶען שֵׁבֶט יְהוּדָה,
דַאס אַלְלֶע גָ'ס פַארְכְטִיגֶע מֶענְשֶׁן, זָאלִין זִיךְ אֵיינְ-

זַאמְלֶען צוּ אִיהְם, אוֹיף דֶעם בַּארְג (מוֹדָעִית): אַזוֹ הָאבֶּן זִיךְ אֵיינְגֶעזַאמֶעלְט פִּיעֶל פָאלְק, פָאן דִיא צַדִיקִים, אוּנְד חֲסִידִים צוּ מַתִּתְיָהוּ. הָאט מַתִּתְיָהוּ צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, עֶנְקֶער אַהֶער קָאמֶען, זָאל זַיין לְשָׁלוֹם. הָאט עֶר פַאר זֵייא אֵיינֶע רֶעדֶע גֶעפִיהְרְט, וִוִיא לַאנְג נָאךְ, וֶועלִין מִיר אַזוֹ אוּנְטֶערְדְרִיקְט ווֶערְדֶען פָאן דֶען פֵיינְד. אוּנְד וִויא לַאנְג נָאךְ וֶוערְדֶען מִיר גֶעבְּרַאכְט וֶוערְדֶן צוּם שֶׁחְטֶן, אַזוֹ וִויא דִיא שַׁאף. אַזוֹ אִיזְט מֵיינֶע רַאטְה, דַאס מִיר אַלְלֶע זָאלִין פָארְאַלְלֶען מִתְפַּלֵל זַיין צוּ אוּנְזֶער גָ׳, דַאס עֶר זָאל הֶעלְפֶען דִיא יוּדֶן וָואס זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּען. אוּנְד נָאךְ דֶעם זָאלִין מִיר אוּנְס שְׁטַארְקֶען, אוּנְד פֶּעסְטִיגֶען, צוּ שְׁטְרֵייטֶען מִיט דֶעם פֵיינְד. דֶען עֶס אִיזְט פִּיעֶל בֶּעסֶער, צוּ שְׁטַארְבֶּען אִין שְׁטְרֵייט, אֵיידֶער צוּ שְׁטַארְבֶּען אַזוֹ וִויא דִיא שַׁאף וָואס וֶוערְדֶן צוּם שֶׁחְטֶן גִיבְּרֶענְגְט. מִיט דִיא דָאזִיגֶע רֵייד, הָאט עֶר זֶעהְר מַחֲזִיק גִיוֶועזֶן דַאס הַארְץ פָאן דִיא אַלְלֶע עֶהְרְלִיכֶע יוּדֶן. אוּנְד אַלְלֶעס הָאט מַסְכִּים גִיוֶעזֶן צוּ שְׁטְרֵייטֶען מִיט דֶעם פָאלְק פָאן מוּקְדוֹן, מִיט דֶען גְרָאסֶען בִּטָחוֹן אַן זֵייעֶר גָ׳, דַאס עֶר וֶוערְד זֵייא הֶעלְפֶען: אוּנְד פָאן דֶען דָאזִיגֶען טָאג אַן, אִיזְט אַרָאפּ גִילֶעהְרְט וֶוערְדֶן, דֶער יָאכְט פָאן דֶעם פָאלְק מוּקְדוֹן, פָאן דִיא יִשְׂרָאֵל. אַזוֹ וִויא מִיר וֶועלִין דָא וֵוייטֶער שְׁרֵייבֶּען, פָאן דִיא וָואוּנְדֶערְבַּארֶע נִסִים, וָואס גָ׳ הָאט גֶעטוּהֶען צוּ זַיין פָאלְק דִיא יִשְׂרָאֵל. אַן דֶעם פָאלְק פָאן מוּקְדוֹן:

נָאךְ דֶעם אִיזְט מַתִּתְיָהוּ מִיט זַיין פָּאלְק גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג (הַמוֹדָעִית), אוּנְד דָארְט הָאבֶּען זַייא גֶעלַאגֶערְט: וְויא דֶער פִּילִיפּוּס עֶרְפַאהְרֶען הָאט, דַאס מַתִּתְיָהוּ מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאבֶּען מוֹרֵד גִיוֶועזֶן אַן מֶלֶךְ אַנְטִיוֹכוּס, וָואס עֶר הָאט זִיךְ פָּארְגֶענָאמֶען צוּ שְׁטְרַייטֶען מִיט דֶעם פָּאלְק פָּאן מוֹקְדוֹן, הָאט דֶער פִּילִיפּוּס אֵיינְגֶעזַאמֶעלְט זַיין גַאנְץ פָּאלְק, אוּנְד הָאט גֶעצוֹיגֶען צוּ דֶעם אָרְט וְויא מַתִּתְיָהוּ וַואר, אוֹיף דֶעם בַּארְג מוֹדָעִית. אוֹיף דֶעם וֶועג, הָאבֶּן זַייא גֶעטְרָאפֶּען אֵיינֶע הֶעלֶע, וָואס וַואר פָאלְל מִיט מַאנְנֶען, אוּנְד וַוייבֶּער פָּאן דִיא יוּדֶן, לֶערֶךְ פָּאן טוֹיזֶנְט מַאן, וָואס זַייא הָאבֶּען זִיךְ דָארְט פַארְבָּארְגֶען צוּ קֶענֶען הִיטֶען דֶעם שַׁבָּת טָאג. אִיזְט פִּילִיפּוּס צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אֵיינְגַאנְג פָּאן דִיא הֵייל, אוּנְד הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, גֶעהְט אַרוֹיעֶס פָּאן הִיעֶר, אוּנְד טוּט פַארְשְׁוַאכֶען דֶעם שַׁבָּת, אוּנְד טוּט אוֹיף אֵייךְ נֶעמֶען צוּ הַאלְטֶען דַאס גִיזֶעטְץ פָּאן מֶלֶךְ אַנְטִיוֹכוּס, אַזוֹ וֶוערְד אִיהְר לֶעהְבֶּען בְּלֵייבֶּען. הָאבֶּען זַייא אִיהְם גֶעאַנְטְוָוארְט, מִיר וֶועלִין פָּאן דַאנֶען נִישְׁט הֶערוֹיעֶס גֶעהֶן, אוּנְד מִיר וֶועלִין דֶעם הֵיילִיגֶען שַׁבָּת טָאג, נִישְׁט פַארְשְׁוַאכֶען. דֶען הִימֶעל אוּנְד עֶרְד, זֶענֶען צֵייגֶער אוֹיף אוּנְס, דַאס מִיר הָאבֶּען אוֹיף אוּנְס מְקַבֵּל גִיוֶועזֶן דִיא תּוֹרָה פָּאן אוּנְזֶער גָ׳. וָואס מִיר הָאבֶּען מְקַבֵּל גִיוֶועזְן אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי. אוּנְד פַאר דֶעם טוֹהְט הָאבֶּען מִיר גָאר קֵיין פָּארְכְט׳

דֶען אוּנְזֶער ג'-ס גִיזֶעטְץ, װעלִין מִיר חָלִילָה וְחַס נִישְׁט פַארְשְׁטֶעהְרֶען. אַזוֹ הָאט דֶער פִּילִיפּוֹס גֶעלָאזְט אַבְּ-שְׁנֵיידֶען פִיעֶל הָאלְץ פָאן וַואלְד, אוּנְד מֶען הָאט דַאס הָאלְץ אָנְגֶעצִינְדֶען בֵּייא דֶעם אֵיינְגַאנְג פָאן דִיא הֵייל, בִּיז אַלְלֶעם וָואס דָארְט וַוארֶען, אִיזְט אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבֶּען אִין רוֹיךְ: פָאן דָארְט הָאט עֶר גֶעצוֹיגֶען צוּ דֶעם בַּארְג הַמוֹדָעִית צוּ מַתִּתְיָהוּ. הָאט עֶר עֶרְזֶעהֶן פָאן װֵייטֶען, וִויא מַתִּתְיָהוּ מִיט זֵיינֶע פִינְף קִינְדֶער, אוּנְד נָאךְ עֶפֶּעס װֶענִיג פָאלְק פָאן דִיא יוּדֶען, זֶענֶען אָנְגֶעגָארְט מִיט שְׁטְרֵייט גִיוֶועהְר. הָאט דֶער פִּילִיפּוֹס גֶעשִׁיקְט אֵיינִיגֶע שָׂרִים פָאן זֵיינֶע לֵייט צוּ מַתִּתְיָהוּ, דַאס עֶר זָאל אַנְנֶעמֶען דַאס גִיזֶעטְץ פָאן מֶלֶךְ אַנְטִיוֹכוּס, אַזוֹ וֶוערְד עֶר מִיט אַלֶע זֵיינֶע מֶענְשֶׁן לֶעהְבֶּען בְּלֵייבֶּען. הָאט מַתִּתְיָהוּ זֵייא גֶעאַנְטְוָוארְט, מִיר הָאבֶּען אוּנְס פָארְגֶענָאמֶען צוּ הִיטֶען דִיא גֶעבָּאט פָאן אוּנְזֶער מֶלֶךְ, אוּנְזֶער ג', אוּנְד דִיא פִּילִיפּוֹס זָאלְסְט וִוידֶער טוּהֶען דִיא גֶעבָּאט פָאן דֵיין מֶלֶךְ. הָאבֶּען דִיא שָׂרִים גִישְׁפֶּעט אוֹיס זֵיינֶע רֵייד, זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גָאר קֵיין אַנְטְוָוארְט גִיגֶעבֶּען, נָאר זֵייא הָאבֶּען גֶעוָואלְט דֶעם מַתִּתְיָהוּ פַאנְגֶען לֶעבֶּענְדִיג אִיהְם צוּ פִיהְרֶען צוּ פִּילִיפּוֹס. הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען אֵיין מַאן פָאן דִיא יוּדֶען פָאן דִיא שְׁלַאכְטֶע מֶענְשֶׁן, וָואס עֶר וַואר צוּזַאמֶען מִיט דִיא שָׂרִים, עֶס אִיזְט מִיר זֶעהְר אֵיין גְרָאס וִוינְדֶער פָאן אֵייךְ, דַאס אִיהְר קָאנְט אַזוֹ עֶרְדוּלְדֶען, צוּ פַארְנֶעמֶען זָאלְכֶע רֵייד, פָאן דֶעם

מַתִּתְיָהוּ, אוּנְד אִיהְר טוּט נִישְׁט אֵיינֶע נְקָמָה אַן אִיהְם? הָאט עֶר אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען זֵיינֶע שְׁווֶעהְרְט, אוּנְד הָאט מִיט אִיהְר גֶשְׁחָטֶן אֵיין חֲזִיר, אוּנְד הָאט דַאס גֶעשָׁחְטֶנֶע חֲזִיר אַרוֹיף גִילֶעהְגְט אוֹיף אֵיין אָפְּפֶערְשְׁטִיהְל, וָואס עֶס וַואר גֶעמַאכְט פִיר אַנְטִיוֹכוּס וֶועגֶען. וִויא מַתִּתְיָהוּ הָאט פָאן וַוייטֶען צוּגִיזֶעהְן דִיא מַעֲשֶׂה פָאן דֶעם רָשָׁע, אִיזְט עֶר עֶרְפִילְלְט גֶעוָוארִין מִיט צוֹירְן, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען זֵיינֶע שְׁווֶערְט, אוּנְד אִיזְט גַאנְץ אַלְלֵיין מִיט גְרָאס קְרַאפְט צוּגֶעלוֹיפֶען צוּ דֶעם אָפְּפֶערְשְׁטִיהְל, אוּנְד הָאט מִיט אֵיינְמָאהְל אַרָאפּ גֶעהַאקְט דֶעם קָאפְּף פָאן דֶעם רָשָׁע. אִיזְט דֶער קָאפְּף פָאן אִיהְם גֶעפְלוֹיגֶען אִין דִיא לוּפְט, אוּנְד דֶער קֶערְפֶּער פָאן אִיהְם, אִיזְט הֶערוֹיף גֶעפַאלְלֶען אוֹיף דֶעם אָפְּפֶערְשְׁטִיהְל, אוּנְד אִיזְט צוּזַאמֶען פַארְבְּרֶענְט וָוארְדֶן, מִיט דֶעם חֲזִיר. אוּנְד מַתִּתְיָהוּ הָאט דֶעם שַׂר וָואס אִיזְט דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען מִיט אֵיין קְלַאפּ דוּרְךְ גֶעשְׁפַּאלְטֶען, אוּנְד פִיעֶל פָאלְק פָאן פִילִיפּוּס הָאט מַתִּתְיָהוּ גַאנְץ אַלְלֵיין עֶרְשְׁלַאגֶען: נָאךְ דֶעם הָאט מַתִּתְיָהוּ גֶעבְּלָאזֶן שׁוֹפָר, דַאס וַואר אֵיין צֵייכֶען צוּם שְׁטְרֵייטֶען, אַזוֹ הָאבֶּען זִיךְ אֵיינְגֶע-זַאמֶעלְט דַאס גַאנְצֶע פָאלְק פָאן שֵׁבֶט יְהוּדָה, הָאבֶּען אַלְלֶע אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁטְרֵייטֶען מִיט דֶעם פֵיינְד. מַתִּתְיָהוּ מִיט זֵיינֶע מֶענְשֶׁן הָאבֶּען אַזוֹ לַאנְג גֶעשְׁלַאגֶען דֶעם פֵיינְד, בִּיז עֶס אִיז קֵיין אִיבֶּערְבְּלֵייבּוּנְג גֶעבְּלִיבֶּען פָאן דַאס גַאנְצֶע פָאלְק פָאן פִילִיפּוּס. נָאךְ

דיזֶען הָאט מַתִּתְיָהוּ מִיט זֵיינֶע קִינְדֶער נָאךְ גֶעיָאגְט דִיא אַלְלֶע פּוֹשְׁעִים פָּאן דִיא יוּדֶן, וָואס הָאבֶּען אַרוֹיעֶס גִיטְרֶעטֶען פָּאן דִיא תּוֹרָה. בִּיז זֵייא הָאבֶּן פַּארְטִילְלִיגְט אַלְלֶע זִינְדִיגֶע מֶענְשֶׁן פָּאן דִיא יוּדֶן. אוּנְד מֶען הָאט גֶעלָאזְט מַלָה זֵיין אַלְלֶע יוּדִישֶׁע קִינְדֶער: אַזוֹ אִיזְט דַאמַאהְלְס גִישֶׁעהֶן צוּ דִיא יוּדֶן אֵיין גְרָאסֶע הִילְף דוּרְךְ מַתִּתְיָהוּ מִיט זֵיינֶע קִינְדֶער:

קראניק.

אנגעפאנגען ממשלת החשמונאים, עד החרבן הבית שני. מתתיהו בן יוחנן הכהן גדול, וואר דער ערשטער, וואס האט געהאלפען דיא יודן פאן אנטיוכוס הרשע.

מתתיהו, הִאט גיהערשט (א) 1 יאהר
יהודה, זיין זאהן, (ז) 7 "
יהוחנן, זיין ברודער, (ח) 8 "
שמעון, זיין ברודער, (יח) 18 "
יהוחנן, זיין זאהן וואס מען האט גערופען (הורקנוס) האט געקיניגט (כא) 21 "
אריסתובלוס, זיין זאהן (א) 1 "
אלכסנדר, זיין ברודער (כז) (27) "
אלכסנדרה זיינע פרויא (ט) 9 יאהר
אריסתובלוס, איהר זאהן (ג) 3 "
הורקנוס, זיין ברודער (מ) 40 "
אנטיגנוס, זיין ברודער'ס זאהן (ג) 3 "
הורדוס, זאהן פאן אנטיפטר (לז) 37 "
ארקילאוס, זיין זאהן (ט) 9 "
אנטיפטר, זיין ברודער (י) 10 "
אגריפס א), דער זאהן פאן ארוסתובלוס (כג) 23 "
אגריפס ב), זיין זאהן (כ) 20 "

אונד אין אללע צייטען פאן אגריפס השני, האבען שאהן ישט מעהר אויפגיהערט דיא מלחמות, ביז החורבן בית השני יע"א:

(ד).

וויא עס איז געקאמען דיא צייט וואס מַתִּתְיָהוּ האט זאלין שטארבען, האט ער געלאזט צו זיך רופען זיינע פינף זאהנע, אונד האט צו זייא געזאגט, מיינע קינדער איך ווייס וואהל, דאס אצינד ווערד זיך ערשט אנפאנגען פארכטבארע מלחמות צווישען אונס. אזו מיינע קינדער שטעהט אויף, אונד טוט אייך ראכנען וועגען ג'-ם תורה, אונד וועגען ג'-ם בית המקדש, דאס איהר זאלט שטרייטען מיט ענקערע פיינד גאנץ אהנע פארכט. איהר זאלט גאר נישט פירכטען פאר דעם טוהט. נאר איהר זאלט אפפערן ענקער לעהבען פיר ג'-ס וועגען. אונד ווען איהר ווערד שטארבען אין שטרייט, וואס איהר ווערד שטרייטען פיר ג'-ס וועגען, ווערד איהר דאפיר זעהר איין גראסען לאהן בעקאמען אויף דעם עולם האמת, צוזאמען מיט דיא אבות הקדושים. איבער דעם מיינע קינדער, שטארקט אונד פעסטיגט אייך, אונד שרעקט נישט פאר דיא טמאים, דיא ערלים. דען זייער פארזיכערונג איזט אויף זייער שטארקען כח, אונד איהר טוט אייך פארזיכערין אויף דעם שטארקען ג', וואס אין זיין האנד איזט דיא גבורה, זאמעלט אייך איין מיינע קינדער, אזו וויא איין מאן, אונד מיט איין הארץ, איינע נקמה צו טוהען, אן ג'-ס פיינד, אזו וויא ענקערע עלטערין האבען געטוהען. אזו ווערד ג' געבען ענקער פארכט אויף אללע ענקערע

פֵינְד. אוּנְד הָאט צוּ זִיךְ צוּ גֶערוּפֶען זַיין זָאהְן שִׁמְעוֹן, אוּנְד הָאט אִיהְם גֶעמַאכְט פַאר דֶעם רַאטְהְגֶעבֶּער, דַאס אַלְלֶע זָאלִין פָאן אִיהְם עֵצוֹת פַארְנֶעמֶען, ווייל גָ' הָאט דִיר גִינֶעבֶּען אֵיין קְלוּג הַארְץ, אַזוֹ זָאלְסְט זֶעהֶן צוּ זַיין, צוּ דֵיין פָאלְק, אַזוֹ וִויא אֵיין פַאטֶער: דַאן הָאט עֶר צוּ זִיךְ צוּגֶערוּפֶען זַיין זָאהְן יְהוּדָה, אוּנְד הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, מַיין זָאהְן יְהוּדָה! וָואס מֶען רוּפְט דִיךְ מִיט דֶען נַאמֶען (מַכַּבִּי) וֶועגֶען דֵיין גְבוּרָה, הָארְךְ מֵיין עֵצָה, צוּ אַלְלֶעס וָואס אִיךְ דִיךְ גֶעבִּיטֶע, אַזוֹ וֶוערְסְט דִיא בֶּעגְלִיקֶען אִין אַלְלֶע דֵיינֶע וֶועגֶען, וִויא דִיא וֶוערְסְט דִיךְ וֶוענְדֶען. אִיךְ ווייס וָואהְל דַאס גָ' הָאט דִיר גִינֶעבֶּען פִיעֶל כֹּחַ אוּנְד גְבוּרָה, אוּנְד אֵיין הַארְץ וִויא דַאס הַארְץ פָאן אֵיין לֶעוֶוע וָואס פַארְכְט זִיךְ פַאר נִימַאנְדֶען. אַזוֹ זָאלְסְט זֶעהֶן צוּ עֶהְרֶען דֵיין גָ' מִיט דִיא גְבוּרָה וָואס עֶר הָאט דִיר גִינֶעבֶּען, צוּ שְׁטְרֵייטֶען גָ'-ס שְׁטְרֵייט מִיט גְרָאס טַאפְּפֶערְקֵייט. פָאן נוּן אַן מַאךְ אִיךְ דִיךְ פַאר דֶעם (מָשִׁיחַ מִלְחָמָה) אַנְפִירֶער אִיבֶּער גָ'-ס פָאלְק: נָאךְ דֶעם הָאט מַתִּתְיָהוּ גֶעלָאזְט צוּ זִיךְ אַהֶער בְּרֶענְגֶען אֵיין קְרִיגֶעל מִיט זַאלְבּ עֶהְל, אוּנְד הָאט עֶס גֶעגָאסֶען אוֹיף דֶעם קָאפְּף פָאן יְהוּדָה, צוּ בְּלֵייבֶּען פָאן נוּן אַן דֶער (מָשִׁיחַ מִלְחָמָה): נָאךְ דֶעם הָאבֶּען אַלְלֶע יוּדֶן שׁוֹפָר גֶעבְּלָאזֶן, אוּנְד הָאבֶּן גֶעשְׁרִיגֶען, עֶס זָאל לֶעהְבֶּען דֶער (מָשִׁיחַ מִלְחָמָה): נָאךְ דֶעם אִיזְט מַתִּתְיָהוּ גֶעשְׁטָארְבֶּען (בְּשֵׂיבָה טוֹבָה) מִיט אֵיינֶע גוּטֶע עֶלְטֶער,

(וּבְשֵׁם טוֹב) מִיט אֵיין גוּטֶען שֵׁם הָאט מֶען אִיהְם קוֹבֵר גִיוֶועזֶן אִין זֵיין שְׁטָאט (מוֹדָעִית) בְּכָבוֹד גָּדוֹל, אוּנְד אַלֶּע יוּדֶען הָאבֶּען אִיהְם מַסְפִּיד גִיוֶועזֶן, מִיט אֵיין גְרָאסֶען הֶסְפֵּד:

נָאךְ דֶעם הָאט זִיךְ יְהוּדָה אָנְגֶעקְלֵיידֶעט מִיט אֵיינֶען קוּפְּפֶערְנֶען פַּאנְסְטֶער, אַזוֹ וִויא אֵיין (גִבּוֹר מִלְחָמָה). זֵיין גֶעשְׁווִינְד לוֹיפֶען, אִיזְט אַזוֹ גִיוֶועזֶן וִויא אֵיין לֶעמְפֶּערְט אִין דִיא וִויסְטֶע, אוּנְד דַאס שְׁטְרֵייטֶען פָאן אִיהְם, אִיזְט פָארְכְטְבַּאר גִיוֶועזֶען. אַזוֹ וִויא דִיא חַיּוֹת אִין וַואלְד, אוּנְד דַאס פָארְכְטְבַּארֶע קוֹל פָאן אִיהְם, וַואר אַזוֹ וִויא דַאס גֶעבְּרִילְל פָאן אֵיין לֶעוֶוע. אִין אֵיינֶע קוּרְטְצֶע צֵייט הָאט זִיךְ דֶער שֵׁם פָאן זֵיין גְבוּרָה פַארְשְׁפְּרֵייטֶעט אוֹיף דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט. וָואס פִיעל קֶענִיגֶע הָאבֶּען גֶעצִיטֶערְט פַאר אִיהְם. אַלֶּע שְׁלַאכְטֶע מֶענְשֶׁן פָאן דִיא יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר אוֹיס גֶערָאטֶעט, אוּנְד פַארְלֶענְט:

וִויא דֶער פֶעלְדְהֶערְר (אַפּוֹלַנִיאוּס) פָאן מוּקְדוֹן הָאט עֶרְפַאהְרֶען פָאן דִיא מַעֲשִׂים פָאן יְהוּדָה, הָאט עֶר אֵיינְגֶעזַאמֶעלְט פִיעֶל פָאלְק פָאן דִיא גִבּוֹרִים פָאן מוּקְדוֹן, צוּקָאמֶען שְׁטְרֵייטֶען מִיט יְהוּדָה. וִויא יְהוּדָה הָאט דָאס עֶרְפַאהְרֶען, אִיזְט יְהוּדָה אִיהְם עֶנְטְגֶעגֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט עֶפֶּעס וֶוענִיג פָאלְק פָאן דִיא חֲסִידִים. וִויא יְהוּדָה הָאט פָאן וַוייטֶען עֶרְזֶעהֶן דֶעם (אַפּוֹלַנִיאוּס) דַאס עֶר שְׁטֶעהְט אִין דִיא מִיטֶע פָאן זֵיינֶע אַרְמֶעע,

איזט ער גאַנץ אַלליין צו איהם צו געלויפען מיט זיין גראָסען כח, אונד ביים לויפען האָט ער פיעל ערשלאַגען, ליגנם — אונד ראַכטם דיא מאַנען פאָן מוקדון זענען פאַר איהם אַזוי געפאַללען. וויא דיא תבואה צו דיא ערד פאַלט ביים אַבשניידען. ביז ער איזט נאָהע געקאָמען צו (אַפּוּליאַנוּס) אונד האָט אויך איהם געטייט מיט זיינע שווערד. וויא דאס פאָלק פאָן מוקדון האָבען גיזעהען, דאס זייער אַנפירער איזט געפאַללען זענען אַללע ענטלויפען פאַר יהודה, האָט יהודה מיט זיינע מענשען זייא נאָכגעיאָגט, אונד האָבען פיעל פאָן זייא ערשלאַגען: נאָך דעם האָט זיך יהודה גענאָמען דיא שווערד פאָן (אַפּוּליאַנוּס), אונד מיט דיא שווערד האָט ער געשטריטען אין אַללע זיינע שטרייטען:

נאָך דעם האָט ווידער דער פעלדמאַרשאַהל (סרון) איינגעזאַמעלט פיעל פאָלק, אונד איזט געקאָמען צו שטרייטען מיט יהודה, האָט יהודה געזאָגט צו זיינע מענשען לאָסען מיר נישט וואַרטען ביז דער פיינד וועט צו אונס קאָמען. נאָר לאָסען מיר זייא ענטגעגען געהען. ביי יהודה וואר אַבער זעהר ווענינ פאָלק פאָן דיא חסידים. וויא זייא האָבען פאָן ווייטען ערזעהען דעם פיינד, אַזוי פיעל פאָלק האָבען זיינע מענשען צו איהם געזאָגט, וויא זענען מיר אומשטאַנד, אַזוי וואַס צו אונטערנעמען, צו שטרייטען מיט אַזוי פיעל פאָלק, מיר זענען דאָך קענען זייא וויא נאָר נישט געבראַכט?

האט יְהוּדָה צו זייא געזאגט, בעהט צו ג', אַזוֹ ווערד איהר געהאלפען ווערדען. דעז דיא הילף איזט נאר צו ג'. נאך דעם איזט יְהוּדָה צוגעלויפען צו דעם פיינד, אַזוֹ פארווילדעט וויא איין טיגער, איזט דער (סרון) מיט זיינען פאנען טרעגער, וואס ווער בייא איהם, זעה ערשראקען ווארען פאר יְהוּדָה, אונד האבען אנגעפאנגען צו ענטלויפען, אַזוֹ איזט אללעס אויך ענטלויפען פאר יְהוּדָה, אונד יְהוּדָה מיט זיינע מענשען האבען זייא נאך געיאגט, ביז ער האט ערשלאגען דעם אנפירער (סרון) אונד נאך אכט טויזענט מאן איזט געפאללען, אונד דיא איבריגע זענען ענטלויפען ווארדען:

וויא דער מלך (אנטיוכוס) האט ערפאהרען וואס יְהוּדָה דער זאהן פאן מַתִּתְיָהוּ האט געטוהען צו זיינע צווייא פעלדהערען, האט ער געלאזט איינזאמלען זעהר פיעל פאלק פאן זיינע לענדער, אונד האט דאס פאלק געטהיילט אין צווייא טהיילע, איין העלפטע האט ער צו זיך גענאמען, צו געהן אין לאנד פאן (פרס), ווייל ער האט ערפאהרען דאס זייא האבן אויך אן איהם מורד גיוועזן. אונד דיא צווייטע העלפטע האט ער איבער געבען צו זיין פעלדהערר (ליסיאה), אונד האט צו איהם געזאגט, דיא ווייסט וואהל, וואס דער יְהוּדָה האט צו מיר געטוהען, וואס ער האט ערשלאגען מיינע צווייא גרעסטע פעלדהערען

(אַפּוֹלְיאַנוּס — אוּנְד סְרוֹן) וָואס זַייא וַואָרען דִיא גְרֶעסְטֶע הֶעלְדֶען פָאן מֵיין גַאנְץ פָאלְק, וָואס אַלְלֶע שְׁטְרֵייט הָאבּ אִיךְ דוּרְךְ זַייא אִיבֶּערְזִיעגְט. אַזוֹ שִׁיקֶע אִיךְ דִיךְ אִין דֶען לַאנְד יְהוּדָה, אֵיינֶע נְקָמָה צוּ טוּהֶען אַן יְהוּדָה צוּ פַארְווִיסְטֶען אַלְלֶע זַיירֶע פֶעסְטֶע שְׁטֶעט: נָאךְ דֶעם הָאט אַנְטִיוּכוּס גֶעצוֹיגֶען מִיט זַיין הֶעֶר קֵיין פָּרַס. אוּנְד (לִיסִיאָה) הָאט מִיט זִיךְ מִיט גֶענָאמֶען נָאךְ דְרֵייא אַנְדֶרֶע אַנְפִירֶער, זַייעֶר נַאמֶען וַואר (טוֹלְמִיאוּס, נִיקְנוֹר, גְרִיגוֹרְיאוּס), אוּנְד דִיא דָאזִיגֶע דְרֵייא לֵייט וַוארֶען דִיא גְרֶעסְטֶע גִבּוֹרִים, אוּנְד דִיא הֶעלְדֶע מַאנֶען אִין אַלְלֶע שְׁטְרֵייטֶען: הָאט (לִיסִיאָה) אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען צוּ (נִיקְנוֹר) פִירְצִיג טוֹיזֶענְט מַאן, אוּנְד זִיבֶּען טוֹיזֶענְט רִיטְטֶער, דַאס עֶר זָאל אַנְפַאנְגֶען צוּ שְׁטְרֵייטֶען מִיט דִיא יוּדֶן. אוּנְד (לִיסִיאָה) אַלְלֵיין אִיזְט צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען קֵיין מוֹקְדוֹן, צוּזַאמֶען צוּ נֶעמֶען אַזוֹ פִיעֶל פָאלְק, וָואס זָאלִין פַארְ-דֶעקֶען דֶען גַאנְצֶען פוּסְבּוֹידֶען פָאן לַאנְד יְהוּדָה: וְוִיא דַאס דָאזִיגֶע אִיזְט בֶּעוְוִיסְט וָוארְדֶען צוּ דִיא פֶעלְקֶער וָואס וָואהְנֶען נַאהֶע פָאן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֶענֶען גֶעקָאמֶען פִיעֶל טוֹיזֶענְטֶער סוֹחֲרִים, וָואס יֶעדֶער הָאט מִיט זִיךְ מִיט גֶענָאמֶען פִיעֶל גָאלְד אוּנְד זִילְבֶּער, אָנְצוּקוֹיפֶען פָאן (נִיקְנוֹר) דִיא גֶעפַאנְגִינֶע יוּדֶן, וָואס עֶר וֶועט גֶעפַאנְגֶען נֶעמֶען אִין דִיא שְׁטְרֵייט: דַאן הָאבֶּען זִיךְ אֵיינְגֶעזַאמֶעלְט זֶעהְר פִיעֶל פָאלְק פָאן (אֲרָם) אוּנְד

פאן

פָאן (פְּלֶשֶׁת) וָואס הָאבֶּען זִיךְ צוּזַאמֶען גֶעשְׁלָאסֶען מִיט (נִיקוֹר), צוּזַאמֶען צוּ שְׁטְרֵייטֶען מִיט דִיא יוּדֶען: וִויא יְהוּדָה מִיט דִיא זְקֵנִים פָאן דִיא יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען דָאס עֶרְפַאהְרֶען, דַאס אַזוֹ פִיעֶל פָאלְק הָאבֶּען זִיךְ אֵיינְ-גֶעזַאמֶעלְט זֵייא צוּ פַארְטִילְלִיגֶען. הָאבֶּען זֵייא (גוֹזֵר תַּעֲנִית) גִיוָועזֶן, אוּנְד אַלְלֶעם הָאט זִיךְ בֶּעקְלֵיידֶעט מִיט זֶעק, אוּנְד עֶרְד הָאבֶּן זֵייא גִילֶעהְגְט אוֹיף זֵייעֶר קָאפְּף. אוּנְד הָאבֶּען מִתְפַּלֵּל גִיוָועזֶן צוּ גָ׳ מִיט גְרָאס גֶעוֵויין. דַאס עֶר זָאל זִיךְ עֶרְבַּארְמֶען אִיבֶּער זֵיין פָאלְק, אוּנְד אִיבֶּער זֵיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ: נָאךְ דֶעם פַאסְטֶען, אוּנְד בֶּעהְטֶען, הָאט יְהוּדָה צוּזַאמֶען גֶענָאמֶען זֵיין פָאלְק, אוּנְד אִיזְט צוּ גֶעגַאנְגֶען צוּ דַאס לַאגֶער פָאן פֵיינְד, מִיט דֶעם בִּטָּחוֹן דַאס גָ׳ וֶועְרְד אִיהְם הֶעלְפֶען. אוּנְד פַאר דֶעם שְׁטְרֵייטֶען, הָאט יְהוּדָה גֶעלָאזְט אוֹיס רוּפֶען, אִין זֵיין לַאגֶער, דֶער מַאן וָואס הָאט פָארְכְט צוּ שְׁטְרֵייטֶען, זָאל צוּ הוֹיזֶע גֶעהֶן. אַזוֹ אִיזְט פִיעֶל פָאן זֵיינֶע מֶענְשֶׁן צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען. אִיזְט נִישְׁט מֶעהְר אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען בֵּייא יְהוּדָה, וִויא זִיבֶּען טוֹיזֶנְט מַאן. דִיא אַלְלֶע וַוארֶען יוּנְגֶע לֵייט, אוּנְד גְרָאסֶע גִבּוֹרִים צוּם שְׁטְרֵייטֶען. וִויא יְהוּדָה הָאט עֶרְזֶעהֶן פָאן וֵוייטֶען, דָאס אַזוֹ פִיעֶל פָאלְק פָאן (נִיקָנוֹר). אִיזְט עֶר גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אֵיינֶע זֵייטֶע, דַאס מֶען זָאל אִיהְם נִישְׁט זֶעהֶן, אוּנְד אִיזְט גֶעפַאלְלֶען אוֹיף זֵיין פָּנִים צוּ דִיא עֶרְד. אוּנְד הָאט גֶעשְׁרִיגֶען צוּ גָ׳, מִיט גְרָאס גִיבֶּעהְט. הָאט עֶר

אַזוֹ גֶעזָאגְט, דִיא גְרָאסֶער, אוּנְד פָארְכְטבַּארֶע גָ׳, וָואס דֵיין גִיוָועלְטִיגְקַייט אִיזְט זֵייט דִיא וֶועלְט עֶרְשַׁאפוּנְג, אִין דֵיין הַאנְד אִיזְט דָאךְ דִיא גְבוּרָה, אוּנְד אוּנְטֶערְ־טֶעניג צוּ מַאכֶען דִיא הוֹיפִּידִיגֶע. הֶעלְף מִיר, אוּנְד טוּהֶע אוּנְטֶערְטֶעניג מַאכֶען דֶעם דָאזִיגֶען פֵיינְד דֶער (נִיקָנוֹר), דֶער (בַּעַל גַאֲוָה), פַאר דֵיין פָאלְק וָואס פַארְזִיכֶערְן זִיךְ אוֹיף דִיר, אוּנְד אוֹיף דֵיין גְרָאסֶען חֶסֶד: נָאךְ דֶעם בֶּעהְטֶען, אִיזְט יְהוּדָה צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיינֶע מֶענְשֶׁן, אוּנְד הָאט אֵיין בִּיפֶעהְל גִיגֶעבֶּען, דַאס דִיא כֹּהֲנִים זָאלִין בְּלָאזִין מִיט דִיא הֵיילִיגֶע טְרָאמֶעטִין, אוּנְד יְהוּדָה וַואר דֶער עֶרְשְׁטֶער, וָואס עֶר אִיז צוּ גֶעלוֹיפֶען צוּם פֵיינְד מִיט גְרָאס גְבוּרָה, הָאט עֶר פִיעֶל פָאן זֵייא עֶרְ־שְׁלַאגֶען. אַזוֹ אִיזְט אוֹיף אַלֶע גֶעפַאלֶען אֵיינֶען גְרָאסֶען פָארְכְט. הָאבֶּען אַלֶע אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ עֶנְטְ־לוֹיפֶען. הָאט יְהוּדָה מִיט זֵיינֶע מֶענְשֶׁן זֵייא נָאכְגֶעיָאגְט. אוּנְד הָאבֶּען אוּנְאוֹיפְהֶערְלִיךְ גֶעשְׁלַאגֶען דֶעם פֵיינְד, אִיזְט דַאמָאהְלְס גֶעטֵייט וָוארְדֶען נֵיין טוֹיזֶענְט מַאן, אוּנְד דִיא אִיבְּרִיגֶע זֶענֶען עֶנְטְלוֹיפֶען וָוארְדֶען: וְוִיא דִיא יוּדֶען זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען פָאן דִיא שְׁלַאכְט, הָאבֶּען זֵייא עֶרְשְׁלַאגֶען דִיא אַלֶע סוֹחֲרִים, וָואס זֶענֶען גֶעקָאמֶען קוֹיפֶען דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע פָאן דִיא יוּדֶען. אוּנְד אַלֶעס זֵייעֶר גֶעלְד הָאבֶּען זֵייא פָאן זֵייא צוּגֶענָאמֶען. הָאבֶּען זֵייא דַאס גֶעלְד פַארְטְהֵיילְט פִיר דִיא אַרְמֶע יוּדֶען: דִיא דָאזִיגֶע מִלְחָמָה וַואר אַם פְרֵייטַאג. אַזוֹ הָאבֶּן

זַייא דֶעם שַׁבָּת טָאג גֶערִיהְט. אוּנְד נָאךְ שַׁבָּת, אִיזְט יְהוּדָה מִיט זַיין פָאלְק עֶנְטְגֶעגֶען גֶעגַאנְגֶען דִיא אַנְדֶרֶע צְווייא אַנְפִירֶער. עֶר הָאט אָבֶּער זַייא נִישְׁט גִיקֶענְט עֶרְרַייכֶען, ווייל זַייא הָאבֶּען זִיךְ פַארְשְׁלָאסֶען אִין אֵיין גְרָאס פֶּעסְטוּנְג וָואס וַואר אִין שְׁטָאט (עַשְׁתָּרוֹת): בַּייא דִיא שְׁלַאכְט, וַואר אוֹיךְ דַאבֵּייא דֶעם שַׂר (פִּילִיפּוּס) וָואס הָאט אַזוֹ פִיעֶל צָרוֹת אָנְגֶעטוּהֶען דִיא יוּדֶען. אִיזְט דֶער פִילִיפּוּס עֶנְטְלוֹיפֶען, אוּנְד הָאט זִיךְ פַארְבָּארְגֶען אִין אֵיין הויז, הָאט מֶען אִיהְם נִישְׁט גֶעקֶענְט פִינְדֶען. אַזוֹ הָאט יְהוּדָה גֶעלָאזְט דַאס גַאנְצֶע הויז אָנְצִינְדֶען אִין פַייעֶר, אִיזְט דֶער פִילִיפּוּס הָרָשָׁע פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארִין. אִיזְט אַן אִיהְם אֵיינֶע נְקָמָה גִישֶׁעהֶן, פַאר דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהֶען צוּ אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן, אוּנְד צוּ דִיא חֲסִידִים פָאן דִיא יִשְׂרָאֵל. אוּנְד דֶער פֶעלְד־מַארְשַׁאהְל (נִיקוֹר) אִיזְט עֶנְטְרִינֶען וָוארְדֶען. ווייל עֶר הָאט פָאן זִיךְ אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען זַיינֶע קְלֵיידֶער, אוּנְד הָאט זִיךְ בֶּעקְלֵיידֶעט אִין קְלֵיידֶער פָאן אֵיין אָרוּמַאן, הָאט מֶען אִיהְם נִישְׁט עֶרְקָאנְט. אִיזְט עֶר צוּרִיק גֶעקָאמֶען קֵיין (מוּקְדוֹן) גַאנְץ אַלֵיין אָהְן פָאלְק. הָאט עֶר עֶרְצֶעהְלְט דֶעם שַׂר (לִיסִיאָה) וָואס אִיהְם גֶעטְרָאפֶען הָאט אִין לַאנְד יְהוּדָה: אוּנְד אוֹיךְ דֶער מֶלֶךְ אַנְטִיוֹכוּס אִיזְט צוּרִיק גֶעקָאמֶען פָאן לַאנְד פָּרַס (בְּבוּשָׁה וּכְלִימָה) מִיט שַׁאנְד אוּנְד שְׁפָּאט, ווייל דִיא מַאנֶען פָאן פָּרַס, הָאבֶּען אִיהְם פָאן דָארְט פַארְטְרִיבֶען: וִויא דֶער מֶלֶךְ אַנְטִיוֹכוּס

הָאט עֶרְפַּאהְרֶען וָואס יְהוּדָה מִיט זַיינֶע מֶענְשֶׁן הָאבֶּן
גֶעטוּהְן צוּ זַיינֶע דְרַייא אַנְפִירֶער, אוּנְד צוּ זַיין פָאלְק;
אִיזְט עֶר עֶרְפִּילְלְט גֶעוָוארִין מִיט גְרָאס צָארְן. הָאט
עֶר גֶעשְׁווארִין, דַאס עֶר זֶעלְבְּסְט וֶועְרד גֶעהְן מִיט זַיין
גַאנְץ פָאלְק קַיין יְרוּשָׁלַיִם, וֶועל אִיךְ מַאכֶען אוֹיס דִיא
גַאנְצֶע שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם (קְבָרִים מֵתִים), וָואס עֶס וֶוערְד
פָאן זַייא קַיין אִיבֶּער בְּלַייבּוּנְג בְּלַייבֶּען: הָאט עֶר
גֶעלָאזְט אֵיינְזַאמְלֶען אַזוֹ פִיעֶל פָאלְק, אוּנְד רִיטְטֶער,
וָואס עֶס וַואר גָאר קַיין צַאהְל צוּ זַייא. אוּנְד הָאט
גֶעצוֹיגֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם מִיט גְרָאס צָארְן. הָאט זִיךְ ג׳
עֶרְבַּארְמְט אוֹיף זַיין פָאלְק, אוּנְד אוֹיף זַיין הֵיילִיגֶע
שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם. הָאט ג׳ גֶעשְׁלָאגֶען דֶעם אַנְטִיוֹכוּס מִיט
(שְׁחִין רַע, אוּנְד מִיט חוֹלִי מֵעַיִם). צוּפָארְט אִיזְט עֶר
נִישְׁט אוּנְטֶערְטֶענִיג גֶעוָוארִין, נָאר עֶר הָאט וַייטֶער
דַאס זֶעלְבֶּע גֶעזַאגְט, אִיךְ וֶועל פַארְוִויסְטֶען דִיא גַאנְצֶע
שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם, אוּנְד וֶועל אוֹיס אִיהְר מַאכֶען אֵיינֶע
קוּפֶּע שְׁטֵיינֶער. אוּנְד הָאט אֵיין בִּיפֶעהְל גִיגֶעבֶּן שְׁנֶעל
צוּ מַאשִׁירֶען, צוּקָאמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם. אוּנְד הָאט
גֶעלֶעסְטֶערְט ג׳, וָואס הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער אִיזְט דָאס
דֶער, וָואס זָאל קֶענֶען קֶעגֶען מִיר בִּישְׁטֶעהֶען? אִיךְ
הָאבּ אִין קְרַאפְט צוּ מַאכֶען אוֹיס דֶעם יַם, טְרָאקֶענִישׁ,
אוּנְד אוֹיס דִיא טְרָאקֶענִישׁ, יַם. הָאט עֶר מִיט זַיין גַאנְץ
פָאלְק שְׁנֶעלְל מַאשִׁירְט: אוּנְד צְווִישֶׁען זַיין לַאגֶער
וַוארֶען אוֹיךְ פִיעֶל עֶלֶעפַאנְטֶען, וָואס זַייא וַוארֶען

גִילֶערֶענְט צוּ שְׁטְרַייטֶען. אִין מִיטֶען וֶועג, אִיזְט דֶער רַייטְוַואגֶען פָאן אַנְטִיוֹכוּס פַארְבַּייא גֶעפַאהְרֶען, פַאר אַיין עֶלֶעפַאנְט, הָאבֶּען זִיךְ דִיא פְּפֶערְד עֶרְשְׁרָאקֶען פַאר דַאס גֶעשְׁרַייא פָאן דֶעם עֶלֶעפַאנְט, הָאבֶּען זַייא אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁפְּרִינְגֶען אִין דִיא לוּפְט, אוּנְד הָאבֶּען אוּמְגֶעשְׁטִירְצְט דֶעם רַייטְוַואגֶען, אִיזְט אַנְטִיוֹכוּס צוּ דִיא עֶרְד גֶעפַאלֶּען אוּנְטֶער דֶעם וַואגֶען, בִּיז אַלֶּע זַיינֶע בַּיינֶער, זֶענֶען אִיהְם צוּבְּרָאכֶען גֶעוָוארִין. דַאס אַלְלַיין וַואר אָבֶּער נָאךְ נִישְׁט גֶענוּג פַאר אִיהְם. נָאר אוֹיךְ זַיין גַאנְץ פְלֵיישׁ פָאן זַיין קָארְפֶּער, אִיזְט אַזוֹ פַארְשְׁטִינְקֶען גֶעוָוארִין, אַזוֹ וִויא דַאס פְלֵיישׁ פָאן אַיינֶע נְבֵילָה, וָואס לִיגְט אַלַאנְגֶע צַייט אוֹיף דִיא זָאנֶע. עֶר הָאט נִישְׁט מֶעהְר גִיקֶענְט רַייטֶען, אוּנְד אוֹיךְ נִישְׁט זִיצֶען, אַזוֹ הָאבֶּען אִיהְם זַיינֶע קְנַאכְט גֶעמִיזְט טְרַאגֶען אוֹיף זַייעֶרֶע אַכְסְלֶען, זַייא הָאבֶּען אָבֶּער נִישְׁט גִיקֶענְט אִיבֶּערְהַאלְטֶען, דוּרְךְ דֶעם שְׁטַארְקֶען (רֵיחַ רַע) וָואס אִיזְט פָאן אִיהְם גֶעגַאנְגֶען. אַזוֹ הָאבֶּען זַיינֶע קְנַאכְט אִיהְם צוּ דִיא עֶרְד גֶעוָוארְפֶען, אוּנְד זֶענֶען פָאן אִיהְם עֶנְטְלוֹיפֶען. אַזוֹ הָאבֶּען אַלֶּע זַיינֶע שָׂרִים פַארְשְׁטַאנֶען, אוּנְד בִּיקֶענְט, דַאס דָאס אִיזְט אוֹיף אִיהְם גֶעקָאמֶען פָאן גָ׳, ווייל עֶר הָאט גִילֶעסְטֶערְט גָ׳-ס נָאמֶען, אוּנְד הָאט פִיעֶל שְׁלַאכְטֶעס גֶעטוּהֶען צוּ גָ׳-ס פָאלְק. אוּנְד אַנְטִיוֹכוּס אַלְלַיין הָאט אוֹיךְ בִּיקֶענְט, דַאס דִיא פְּלַאגֶע אִיזְט אוֹיף אִיהְם גֶעקָאמֶען פָאן גָ׳. הָאט עֶר אַזוֹ

גֶעזָאגְט, דֶער ג' פָאן דִיא יוּדֶן אִיזְט גֶערַאכְט, דֶען עֶר טוּט נִידְרִיג מַאכֶען דִיא הוֹיפְּדִיגֶע. אַזוֹ הָאט עֶר מִיךְ, אַזוֹ רָשָׁע וִויא אִיךְ בִּין, נִידְרִיג גֶעמַאכְט, אוּנְד עֶר טוּט מִיר פַארְגֶעלְטֶען מֵיין לָאהְן, אַזוֹ וִויא אִיךְ הָאבּ מִיר פַארְדִינְט, וָואס הָאבּ אַזוֹ פִיעֶל שְׁלַאכְטֶעס גֶעטוּהֶען צוּ זֵיינֶע פְרָאמֶע לֵייט: אוּנְד הָאט אֵיין נֶדֶר גֶעטוּהֶען, דַאס וֶוען ג' וֶוערְד אִיהְם הֵיילֶען פָאן דִיא קְרֶענְק, וֶועל אִיךְ אַרוֹיף גֶעהֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, אוּנְד וֶועל דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט אַנְפִילְלֶען מִיט גָאלְד אוּנְד זִילְבֶּער, אוּנְד אַלְלֶע מֵיינֶע אוֹצְרוֹת וֶועל אִיךְ לַאסֶען בְּרֶענְגֶען אִין ג'-ס הוֹיז אַרֵיין. אוּנְד וֶועל מִיךְ לַאסֶען מַלָה זֵיין. אוּנְד וֶועל פַאר אַלְלֶע מֶענְשֶׁן אוֹיסְשְׁרֵייעֶן, דַאס עֶס אִיזְט נִישְׁט פַארְהַאנְדֶען נָאךְ אַזוֹ ג', וִויא דֶער ג' פָאן דִיא יוּדֶן: ג' הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶרְהֶערִין זֵיין גִיבֶּעהְט, נָאר אוֹיף יֶעדֶען אָרְט וִויא עֶר אִיזְט אַהִין גֶעקָאמֶען, אִיזְט זֵיין פְלֵיישׁ פָאן אִיהְם אַרָאפּ גֶעפַאלְלֶען, בִּיז עֶר אִיזְט גֶעבְּלִיבֶּען גַאנְץ לֶעהְר פָאן פְלֵיישׁ. אוּנְד אַם עֶנְדֶע, זֶענֶען דִיא גִידֶערְמֶע פָאן אִיהְם צוּ דִיא עֶרְד גֶעפַאלְלֶען, אוּנְד אִיזְט גֶעשְׁטָארְבֶּען, מִיט גְרָאס שַׁאנְד אוּנְד שְׁפָּאט, אִין אֵיין פְרֶעמְד לַאנְד: נָאךְ אִיהְם הָאט גֶעקִינִיגְט זֵיין זָאהְן (אַאוּפְּטֶר):

נָאךְ דֶעם טוֹהְט פָאן פִּילִיפּוּס הָרָשָׁע, אִיזְט יְהוּדָה מִיט זֵיינֶע מֶענְשֶׁן גֶעקָאמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, אוּנְד הָאבֶּן פָאן דָארְט גֶעלָאזְט אַרוֹיעֶס פִיהְרֶען דִיא אַלְלֶע אָפְּפֶער

שְׁטִיהְלֶען פָאן אַנְטִיוֹכוּס הָרָשָׁע, אוּנְד מֶען הָאט גֶערֵיינִיגְט נָ"ס הוֹיז פָאן אַלְלֶע טוּמְאוֹת, אוּנְד מֶען הָאט אוֹיף גֶעבּוֹיעֶט גַאנְץ אֵיין נֵייא מִזְבֵּחַ אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ. אוּנְד הָאבֶּען גֶעשְׁחְטֶן קָרְבָּנוֹת. נָאר פֵייעֶר הָאבֶּען זֵייא נִישְׁט גֶעהַאבְּט אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ. הָאבֶּען זֵייא וֶועגֶען דֶעם מִתְפַּלֵל גִיוֶועזֶן צוּ ג', הָאט זֵייא ג' אֵיין נֶס בֶּעוִויזֶען, וָואס פָאן דִיא שְׁטֵיינֶער פָאן מִזְבֵּחַ אִיזְט הֶערוֹיעֶס קָאמֶען פֵייעֶר. דַאס פֵייעֶר אִיזְט שָׁאהְן דָארְט גֶעבְּלִיבֶּען אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ, אַזוֹ לַאנְג וָואס דַאס צְוֵייטֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיזְט גֶעשְׁטַאנֶען: נָאךְ דֶעם הָאבֶּען אַלְלֶע יוּדֶען גֶעמַאכְט דַאס (חֲנוּכַּת הַמִזְבֵּחַ), וָואס הָאבֶּען אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ אָפְּפֶערְן קָרְבָּנוֹת אוֹיף דֶעם נֵייעֶן מִזְבֵּחַ. אוּנְד מֶען הָאט אַרוֹיף גִילֶעהְגְט דַאס (לֶחֶם הַפָּנִים) אוֹיף דֶעם גָאלְדִינֶען טִישׁ. אוּנְד וִויא זֵייא הָאבֶּן גֶעוָואלְט אָנְצִינְדֶען דִיא הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה מִיט דֶעם (שֶׁמֶן הַטָהוֹר), הָאבֶּען זֵייא נִישְׁט מֶעהְר גֶעהַאבְּט רֵיינֶען עֶהְל, נָאר אוֹיף אֵיין (מֵעֵת לְעֵת) צוּ בְּרֶענֶען, וָואס מֶען הָאט גֶעפוּנְדֶען אֵיין קְרִינֶעל מִיט עֶהְל, וָואס וַואר פַאר חַתְמֶת מִיט דֶעם זִיגֶעל פָאן כֹּהֵן הַגָדוֹל. אִיזְט דַאמָאהְלְס אֵיין נֶס גִישֶׁעהֶן, וָואס דַאס בִּיסֶעל עֶהְל, הָאט אוֹיסְגֶערֵייכְט אוֹיף גַאנְצֶע אַכְט (מֵעֵת לְעֵת), בִּיז מֶען הָאט פַארְשַׁאפְט אַנְדֶערֶן עֶהְל: דַאס דָאזִיגֶע נֶס אִיזְט גִישֶׁעהֶן פִינְף אוּנְד צְוָואנְצִיג טָאג אִין חוֹדֶשׁ כִּסְלָיו, אַזוֹ הָאבֶּען דִיא חֲכָמִים פָאן דֶען דוֹר מְתַקֵן

גִיוֶועֶזֶן, יֶעדֶעס יָאהְר, וֶוען עֶס וֶוערְד קָאמֶען דֶער פִינְף אוּנְד צְוָואנְצִיגְסְטֶער טָאג אִין חוֹדֶשׁ כִּסְלָיו. צוּ הַאלְטֶען גַאנְצֶע אַכְט טֶאג פִיר (יְמֵי שִׂמְחָה), אַן יֶעדֶע נַאכְט חֲנוּכָּה לִיכְט צוּ צִינְדֶען, אוּנְד צוּ לוֹיבֶּען גָ׳ מִיט הַלֵּל זָאגֶען :

דאס נס פאן חנוכה איזט גישעהען אין יאהר 3597 לבריאת העולם :

פרק י"ב.

אִין דִיזֶען פֶּרֶק וֶוערְד עֶרְצֶעהְלְט, פָאן דִיא גְרָאסֶע מִלְחָמוֹת, וָואס (יְהוּדָה הַמַכַּבִּי) הָאט גֶעשְׁ. רִיטֶען מִיט פִיעֶל פֶעלְקֶער :

(א)

וִויא דִיא פֶעלְקֶער וָואס הָאבֶּען גֶעווָאהְנְט רִינְגְס אַרוּם בֵּייא אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאבֶּען עֶרְפַאהְרֶען, דַאס דִיא יוּדֶען הָאבֶּען צוּרִיק אוֹיף גֶעבּוֹיעֶט, אֵיין נֵייא מִזְבֵּחַ, אוּנְד זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אַזוֹ גֶעשְׁטַארְקְט. הָאבֶּען זֵייא זִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶען, אַלֶּע מִיט אֵיינֶע עֵצָה, צוּ פַארְטִילְלִיגֶען דִיא יוּדֶען פָאן דִיא וֶועלְט. אַזוֹ הָאבֶּען זֵייא אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ עֶרְשְׁלַאגֶען פִיעֶל פָאן דִיא יוּדֶען, וָואס הָאבֶּען גֶעווָאהְנְט בֵּייא דִיא גְרֶענִיצְץ פָאן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וִויא יְהוּדָה הָאט פָאן דִיזֶען עֶרְפַאהְרֶען, אִיזְט עֶר עֶנְטְגֶעגֶען גֶעגַאנְגֶען דֶעם פֶעלְדְהֶערְר (גָרִיגוֹרִיאוּס) אִין דֶען לַאנְד פָאן (אֱדוֹם), אוּנְד הָאט מִיט אִיהְם

גֶעשׁטרִיטֶען. אִיזְט דַאס גַאנְצֶע פָאלְק פָאן (אֱדוֹם) עֶנטלוֹיפֶען וָוארְדֶען, אוּנְד יְהוּדָה מִיט זַיינֶע מֶענְשֶׁן, הָאבֶּען זַייא נָאכְגֶעיָאגְט, הָאבֶּען זַייא פָאן זַייא עֶרְ-שְׁלַאגֶען, צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְט מַאן. אוּנְד יְהוּדָה הָאט דַאס גאנצע לַאנְד פָאן (אֱדוֹם) אֵיינְגֶענָאמֶען, וָואס זַייא הָאבֶּען גֶעמִיזְט אִיהְם שְׁטֵייעֶר צַאהְלֶען: אוּנְד (גְרִיג רִיאוּס), אִיזְט עֶנְטְלוֹיפֶען, צוּ דֶעם מֶלֶךְ (תַמְתִיאוּס) פָאן לַאנְד (עֲרָב): אַזוֹ אִיזְט וִוידֶער דֶער מֶלֶךְ (תַמְתִיאוּס) עֶנְטְגֶעגֶען גֶעגַאנְגֶען דֶעם יְהוּדָה מִיט אֵיין מָאהְל הוּנְדֶערְט, אוּנְד צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְט מַאן שְׁטְרֵייט כֵּאנֶער. וְויא עֶר אִיזְט גֶעקָאמֶען אִין דִיא שְׁטָאט (גִלְעָד), הָאט עֶר פִיעֶל עֶרְשְׁלַאגֶען פָאן דִיא יוּדֶן. הָאבֶּן דִיא אֵיינְוָואהְנֶער פָאן (גִלְעָד) אֵיין בְּרִיף גֶעשְׁרִיבֶּען צוּ יְהוּדָה, דַאס אַלְלֶע פֶעלְקֶער וָואס וָואהְנֶען נָאהֶענְט פָאן אוּנְס, הָאבֶּען זִיךְ פַארְזַאמֶעלְט אוּנְס צוּ פַארְלֶענְדֶען, אוּנְד דֶער מֶלֶךְ (תַמְתִיאוּס) אִיזְט אַן דִיא שְׁפִּיטְצֶע. אַזוֹ לְמַעַן הַשֵׁם, זֶעהֶע וְויא אַם שְׁנֶעלְסְטֶען אַהֶער צוּ קָאמֶען, אוּנְס צוּ רֶעטְטֶען פָאן פֵיינְד. וְויא יְהוּדָה הָאט גֶעלֵיינְט דֶעם בְּרִיף, זֶענֶען וְוידֶער אַנְגֶע-קָאמֶען שְׁלוּחִים פָאן לַאנְד (גָלִיל), אוּנְד הָאבֶּן גֶעוֵויינְט פַאר יְהוּדָה, דַאס דִיא גוֹיִם פָאן שְׁטָאט (עַכּוֹ), אוּנְד פָאן (צוֹר), אוּנְד פָאן (צִידוֹן), הָאבֶּען זִיךְ פַארְזַאמֶעלְט אוּנְס צוּ פַארְטִילְלִיגֶען: הָאט יְהוּדָה זִיךְ בֶּערַאטְהֶען מִיט דִיא זְקֵנִים, וָואס צוּ טוּהֶען אִיזְט, צוּ רֶעטְטֶען

אוּנְזֶערֶע בְּרוּדֶער. אִיזְט בֶּעשְׁלָאסֶען וָוארְדֶען, דַאס זֵיין בְּרוּדֶער שִׁמְעוֹן זָאל גֶעהֶען קֵיין (גָלִיל), צוּ הֶעלְפֶען דִיא יוּדֶען פָאן דָארְט. אוּנְד יְהוּדָה מִיט זֵיין בְּרוּדֶער יְהוֹנָתָן, זָאלִין גֶעהֶען קֵיין (גִלְעָד): הָאט יְהוּדָה אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען דְרֵייא טוֹיזֶענְט מַאן גִבּוֹרִים. צוּ זֵיין בְּרוּדֶער שִׁמְעוֹן. דְרֵייא טוֹיזֶענְט מַאן גִבּוֹרִים. אוּנְד יְהוּדָה הָאט מִיט זִיךְ מִיט גֶענָאמֶען פִינְף טוֹיזֶענְט מַאן. אִיזְט שִׁמְעוֹן מִיט גְרָאס שְׁנֶעלִיקֵייט גֶעלוֹיפֶען אִין לַאנְד (גָלִיל), הָאט עֶר דָארְט פָארְכְטְבַּארֶע מִלְחָמוֹת גֶעפִיהְרְט מִיט דִיא אַלְלֶע גוֹיִם, פָאן (צוֹר וְצִידוֹן). בַּאלְד אַם עֶרְשְׁטֶען טַאג, הָאט עֶר פָאן זֵייא עֶרְשְׁלַאגֶען, צְוֵייא טוֹיזֶענְט מַאן. אוּנְד נָאךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט דֶעם פֵיינְד אוּנְטֶערְטֶענִיג גֶעמַאכְט, אִיזְט עֶר פָאן דָארְט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, אוּנְד הָאט פָאן דָארְט מִיט זִיךְ מִיט גֶעפִיהְרְט דִיא אַלְלֶע אֵיינְוָואהְנֶער פָאן גָלִיל, הָאט עֶר זֵייא גֶעפִיהְרְט אִין דֶען לַאנְד יְהוּדָה:

אוּנְד יְהוּדָה דֶער מָשִׁיחַ מִלְחָמָה, אִיזְט אִיבֶּער גֶעפָאהְרֶען דַאס וַואסֶער פָאן (יַרְדֵן), אִיזְט עֶר אַנְגֶע-קָאמֶען קֵיין (גִלְעָד). הָאט עֶר גְרַאד גֶעטְרָאפֶען דֶעם קֶענִיג (תַּמְתִּיאוּס) שְׁטְרֵייטֶען אוֹיף דִיא שְׁטָאט (גִלְעָד). הָאט יְהוּדָה מִיט אִיהְם גֶעשְׁטְרִיטֶען דֶעם גַאנְצֶען טָאג, אוּנְד הָאט אִיהְם נִישְׁט גִיקֶענְט אִיבֶּערְזִיגֶען, ווֵייל בֵּייא (תַּמְתִּיאוּס) וַואר זֶעהְר פִיעל פָאלְק. הָאט יְהוּדָה אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁרֵייעֶן, הֶעלְף אוּנְס גָ', הֶעלְף גָ' דֵיינֶע יוּדֶען וָואס בֶּעשִׁיטְצֶען זִיךְ אוֹיף דִיר, אוּנְד טוּהֶע

איבערענפּערין דעם פֿיינד אין אונזערע הענד. וויא ער
האט אזו געשריגען צו ג', האט ער ערהויבען זיינע
אויגען קעגען הימעל, האט ער געזעהן, וויא פינף מאן
שטרייט מענער, רייטען אויף פֿייערדיגע פפערד, אונד
זייא וואַרען בעקליידעט מיט קליידער פאָן גאָלד.
צווייא מאן פאָן זייא, האבען זיך געשטעלט בייא יהודה,
איינער פאָן זיינע ראכטע זייט, אונד איינער פאָן זיינע
לינקע זייט, וואס טוהען איהם בעשיטצען מיט זייערע
שולדען וואס האבען געהאלטען אין זייערע הענד.
אונד דיא איבריגע דרייא מאנען האבען זיך געווענדט
צום פֿיינד, מיט זייא צו שטרייטען. וויא יהודה האט
דאס ערזעהן, האט ער דאס דאזיגע, דיא גוטע בשורה
מבשר געוועזן צו זיינע מענשן, דאס פאָן הימעל איזט
געשיקט וואָרדען מלאכים, אונס צו העלפען פאָן
פֿיינד. אונד מיט דיא דאזיגע רייד, האט יהודה
געשטארקט דאס הארץ פאָן זיינע מענשן, אזו האבען
זייא ערשט אנגעפאנגען צו שטרייטען מיט גראס
טאפּפערקייט, איזט אן דעם טאג געפאללען פאָן
תמתיאוס, צוואנציג טויזענט מאן. אונד דער קעניג
תמתיאוס מיט דאס איבריגע פאָלק איזט ענטלויפען
וואָרדען אויף דעם וועג פאָן ירדן. האט יהודה זייא
נאכגעיאגט, אונד האט פאָן זייא נאך פיעל ערשלאגען.
פאָן דארט איזט תמתיאוס ווידער ענטלויפען בייא
דעם בארטען פאָן ים, ביז ער איזט אריין געקאמען

אין

אִין דִיא פֶעסְטֶע שְׁטָאט (עַזָה). אוּנְד דָארְט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְ'ס נֵייא גֶעשְׁטַארְקְט מִיט פִיעֶל פָאלְק פָאן דִיא (פְּלִשְׁתִּים), אוּנְד הָאט אוֹיפְ'ס נֵייא אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁטְרֵייטֶען מִיט יְהוּדָה. אִיזְט יְהוּדָה צוּ גֶעשְׁפְּרִינְגֶען צוּ דֶעם פֵיינְד אַזוֹ וְויא אֵיין לֶעוֶוע שְׁפְּרִינְגְט צוּ אוֹיף דִיא שַׁאף. אוּנְד תַּמְתִּיאוּס הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט צוּ עֶנְטְ־ויפֶען, אוּנְד אַלֶע זֵיינֶע צוּהֶעלְפֶער, הָאבֶּען זִיךְ פָאן אִיהְם עֶנְטְפֶערְנְט. אִיזְט דֶער תַּמְתִּיאוּס אַרֵיין גֶעלוֹיפֶען אִין דִיא שְׁטָאט (עַזָה), אוּנְד הָאט פַארְשְׁלָאסֶען דִיא טוֹהְרֶען פָאן שְׁטָאט. אִיזְט עֶר ווִידֶער מִיט פִיעֶל פָאלְק אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִיא מוֹיעֶר פָאן שְׁטָאט, אוּנְד הָאבֶּען פָאן דִיא הֶעהֶע גֶעשְׁטְרִיטֶען מִיט יְהוּדָה. אַזוֹ הָאט יְהוּדָה מִיט זֵיינֶע גִבּוֹרִים גֶעשְׁטְרִיטֶען אוֹיסְ-וֶוענְדִיג פָאן דִיא שְׁטָאט, גַאנְצֶע פִינְף טָאג. וְויא זֵייא הָאבֶּען גִיזֶעהֶן, דַאס יְהוּדָה הָאט קֵיין קְרַאפְט צוּ קֶענֶען דִיא שְׁטָאט אֵיינְנֶעמֶען. זֶענֶען דִיא עֶלְצְטֶע פָאן תַּמְתִּיאוּס הֶערוֹיף גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אֵיין הוֹיכֶען טָארֶעם פָאן שְׁטָאט, אוּנְד הָאבֶּען גֶעפְלִיכְט דֶעם יְהוּדָה, אוּנְד הָאבֶּען אוֹיךְ גִילֶעסְטֶערְט קֶעגֶען גָ׳. אַזוֹ זֶענֶען צְוֵויא יוּנְגֶע לֵייט פָאן יְהוּדָה עֶרְפִילְט גֶעוָוארִין מִיט צָארֶען, הָאבֶּען זֵייא גֶענָאמֶען זֵייעֶרֶע שִׁילְדֶען, אִין זֵייעֶר לִינְקֶע הַאנְד, אוּנְד דִיא שְׁוֶוערְטֶען אִין זֵייעֶר רַאכְטֶע הַאנְד, אוּנְד זֶענֶען פְּלֶעטְצְלִיךְ צוּגֶעלוֹיפֶען צוּ דִיא מוֹיעֶר מִיט אֵיינֶע לֵייטֶער, אַזוֹ אִיזְט אֵיינֶער אוֹיף דִיא

מויער גֶעקָאמֶען, אוּנְד דֶער צְוֵוייטֶער נָאךְ אִיהְם, אוּנְד הָאבֶּען אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁטְרֵייטֶען מִיט דִיא מֶענְשֶׁען וָואס וַוארֶען אוֹיף דִיא מוֹיעֶר. אוּנְד אִין דִיא צֵייט, וָואס זֵייא הָאבֶּען אוֹיף דִיא מוֹיעֶר גֶעשְׁטְרִיטֶען, הָאבֶּען יְהוּדָה'ס מֶענְשֶׁען פֵייעֶר אָנְגֶעצִינְדֶען בֵּייא דַאס טוֹהְר פָאן שְׁטָאט, בִּיז דַאס טוֹהְר אִיזְט פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן. זֶענֶען אַלְלֶע אִין שְׁטָאט גֶעקָאמֶען, אוּנְד הָאבֶּען בֶּעצְווִינְגֶען דִיא שְׁטָאט. אוּנְד דִיא מַאנֶען וָואס הָאבֶּען גִילֶעסְטֶערְט גָ', הָאבֶּען זֵייא פַארְבְּרֶענְט אִין פֵייעֶר. אוּנְד דִיא אַלְלֶע אֵיינְוָואהְנֶער פָאן שְׁטָאט (עַזָה) הָאבֶּען זֵייא עֶרְשְׁלַאגֶען צוּ שַׁארְפֶער שְׁוֶוערְט. גַאנְצֶע צְוֵוייא טֶאג, הָאבֶּען זֵייא אוּנְאוֹיפְהֶערְלִיךְ גֶעשְׁלַאגֶען דֶעם פֵיינְד. אוּנְד דֶער קֶענִיג תַּמְתִּיאוּס הָאט זִיךְ פַארְבָּארְגֶען אִין אֵיינֶע גְרִיעֶבּ, הָאט מֶען אִיהְם נִישְׁט גֶעפוּנְדֶען. נָאר זֵיינֶע בְּרוּדֶער הָאט מֶען גֶעפַאנְגֶען, הָאט יְהוּדָה בֶּעפוֹהְלֶען דַאס מֶען זָאל פָאן זֵייא דִיא קֶעפְּף אַרוּנְטֶער הַאקֶען. נָאךְ דֶעם הָאבֶּען זֵייא צוּזַאמֶען גֶענָאמֶען דַאס גַאנְצֶע פַארְמֶעגֶען פָאן שְׁטָאט, אוּנְד זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם מִיט גְרָאס גֶעזַאנְג, אוּנְד לוֹיבּ צוּ גָ'. הָאט מֶען אִין שְׁטָאט גֶעלוֹיבְּט גָ' מִיט דֶעם שֶׁבַח פָאן דָוִד הַמֶלֶךְ ע"ה (הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב כִּלְ"חַ):

(ב)

ווִיא דֶער מֶלֶךְ (אַאוּפְּטֶר), דֶער זָאהְן פָאן אַנְטִיוּכוּס הָרָשָׁע, הָאט עֶרְפַאהְרֶען דַאס יְהוּדָה הָאט

זיך אַזוֹ גֶעשְׁטַארְקְט אִיבֶּער דִיא מַקְדוֹנִים, וָואס הָאבֶּן זַיין גַאנְץ פָאלְק פַארְטִילִּלִיגְט פָאן לַאנְד יְהוּדָה. הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט דֶעם הֶעלְד דֶער (לִיסִיאָה), זַיין אָנְקֶעלִ׳ם זָאהְן, אִין לַאנְד יְהוּדָה, מִיט זֶעהְ־ פִיעל פָאלְק. אוּנְד מִיט אַכְטְצִיג טוֹיזֶנְט רִיטֶער, אוּנְד אַכְטְצִיג עֶלֶעפַאנְטֶען, וָואס וַוארֶען גִילֶעהְרֶנְט צוּ שְׁטְרַייטֶען. אִיזְט דַאס פָאלְק אַנְגֶעקָאמֶען מִיט זֶעהְר גְרָאס שְׁטָארֶעם. אוּנְד הָאבֶּען אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁטְרַייטֶען אוֹיף דִיא שְׁטָאט (בֶּתֶר). הָאבֶּען זַייא רִינְגְס אַרוּם אִין שְׁטָאט גְרָאסֶע שַׁאנְטְצֶען גֶעבּוֹיעֶט. צוּ קֶענֶען דִיא שְׁטָאט אַיינְנֶעמֶען מִיט דִיא (אַייזֶערְנֶע ווִיעדֶער). אוּנְד יְהוּדָה מִיט אַלֶע (בְּנֵי הַחַשְׁמוֹנָאִים) הָאבֶּען זִיךְ פַארְבָּארְגֶען אוֹיף דִיא הוֹיכֶע בֶּערְגֶער, אוּנְד אִין דִיא הֵיילֶען, מַחֲמַת דֶען גְרָאסֶען פָארְכְט פַאר דֶען גְרָאסֶען חַיִל פָאן פַיינְד: הָאט יְהוּדָה גֶעזָאגְט צוּ זַיינֶע מֶענְשֶׁען, מִיט דִיזֶען וָואס מִיר וֶועלִין אוּנְס פַארְבַּארְגֶען פָאן פַיינְד, וֶועלִין מִיר גָאר נִישְׁט בִּיצְוֶועקֶען. נָאר לַאסֶען מִיר אוּנְס פְרִיעֶר פָארְבֶּרֵייטֶען מִיט תְּפִלָּה, אוּנְד פַאסְטֶען, דַאן וֶועלִין מִיר גֶעהֶן שְׁטְרַייטֶען מִיט אוּנְזֶערֶע פַיינְד, צוּ דִיא שְׁטָאט (בֶּתֶר). אַזוֹ זָענֶען זַייא גֶעקָאמֶען אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אַרַיין, אוּנְד מֶען הָאט אִין דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט (גוֹזֵר תַּעֲנִית) גִיוֶועזֶן, אוּנְד הָאבֶּען פִיעל קָרְבָּנוֹת גֶעאָפְּפֶערְט צוּ גָ׳, אוּנְד אַלֶעם הָאט גֶעשְׁרִיעֶן צוּ גָ׳ מִיט גְרָאס גִיבֶּעהְט, פָאן גְרָאס בִּיז קְלֵיין, דַאס גָ׳ זָאל הֶעלְפֶען זַיין

פאלק

פָאלְק פָאן דֶעם פֵיינְד: נָאךְ דֶעם פַּאסְטֶען, אוּנְד בֶּעהְטֶען, הָאט יְהוּדָה שׁוֹפָר גֶעבְּלָאזֶן, דַאס וַואר אֵיין צֵייכֶען צוּם שְׁטְרֵייטֶען. אַזוֹ הָאבֶּען אַלֶע שְׁטְרֵייט מֶאנֶער גֶעצְוֵוייגֶען קֵיין (בֶּתֶר): וְויא זֵייא זֶענֶען פָאן דִיא שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם אַרוֹיעֶס גֶעגַאנְגֶען, הָאט יְהוּדָה גֶעזָאגְט צוּ זֵיינֶע מֶענְשֶׁען, שְׁטַארְקְט, אוּנְד פֶעסְטִיגְט אֵייךְ צוּ שְׁטְרֵייטֶען פִיר גָ׳־ס פָאלְק, אוּנְד פִיר דַאס הֵיילִיגֶע פַאטֶער לַאנְד. עֶס אִיזְט בֶּעסֶער דַאס מִיר זָאלִין שְׁטַארְבֶּען אִין דִיא מִלְחָמָה, אֵיידֶער צוּ צוּזֶעהֶען, דֶעם שְׁטָארְטְץ פָאן אוּנְזֶער פָאלְק. וְויא עֶר הָאט אַזוֹ גִירֶעדְט, הָאט עֶר עֶרְהוֹיבֶּען זֵיינֶע אוֹיגֶען קֶעגֶען הִימֶעל, הָאט עֶר גִיזֶעהֶן אִין דִיא לוּפְט אֵיין מַאן רֵייט אוֹיף אֵיין פְּפֶערְד, דַאס גֶעשְׁטַאלְט פָאן דֶעם פְּפֶערְד, וַואר אַזוֹ וְויא פְלַאם פֵייעֶר, אוּנְד דֶער מַאן הַאלְט אִין זֵיין הַאנְד, אֵיינֶע אוֹיסְגֶעצְוֵויגֶנֶע שְׁוֶוערְט, אוּנְד שְׁטֶעהְט מִיט דֶעם פָּנִים קֶעגֶען דִיא מַחֲנֶה פָאן מוֹקְדוֹן. הָאט יְהוּדָה גֶעזָאגְט צוּ זֵיין פָאלְק, פַארְכְט אֵייךְ נִישְׁט פַאר דִיא דָאזִיגֶע (טְמֵאִים), דֶען גָ׳ אוּנְזֶער גָ׳ טוּט שְׁטְרֵייטֶען פִיר אוּנְזֶערְט וֶועגֶען, דֶען עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט זֵיין עֶנְגֶעל צוּ אוּנְס. אוּנְד הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט טוּט נָאר מִיר נָאךְ לוֹיפֶען, דֶען דִיא הִילְף פָאן גָ׳ אִיזְט מִיט אוּנְס, זֶענֶען אַלֶע אַזוֹ וְויא דֶער בְּלִיטְץ שְׁנֶעל צוּ גֶעלוֹיפֶען צוּם פֵיינְד, אוּנְד הָאבֶּען אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ עֶרְשְׁלַאגֶען פָאן פֵיינְד, אַזוֹ וְויא מֶען שְׁנֵייט דַאס גְרַאז פָאן פֶעלְד.

איזט דאמאהלס געפאללען פאן דיא מקדונים עליף טויזענט מאן פאנטעריע, אונד טויזענט, דרייא הונדערט ריטער. אונד דער אנפירער (ליסיאה), מיט זיינע גאנצע מחנה, זענען ענטלויפען ווארדען מיט גראס שאנד אונד שפאט. זייא וואהרען אבער אללע שטארק פארוואונדעט. אזו האט (ליסיאה) איינגיזעהן דאס דער ג׳ פאן דיא יודן, שטרייט פיר זיירענט וועגען: האט ליסיאה איין בריף געשריבען צו יהודה, דאס ער וויל מיט איהם פרידען שליסען, אונד איך וועל דיר צו שווערן, דאס איך וועל זעהן אזו צוטוהען, דאס דער מלך (אאופטער), זאל אויך מיט דיר פריעדען שליסען. האט יהודה צו איהם אויך איין בריף געשיקט אונד האט דעם בריף געשיקט דורך צווייא חשובע לייט פאן איהם, זייער נאמען וואר, יהוחנן, אונד אבשלום, דיא חשובע לייט פאן שבט יהודה, אונד עס איז מיט זייא מיט געגאנגען נאך מעהרערע מענשען אלס דינער. אונד אזו וואר געשריבען אין דען בריף. צו ליסיאה דער פעלדהערר! פאן דיין שרייבען האב איך פארשטאנען, דאס דיין וואונש איזט מיט מיר פריעדען צו שליסען. אזו טוהע איך צו דיזען איינשטימען. נאר אבער מיט דיזען בעדינגנים, דאס זאלסט בשטעטיגען דיינע רייד, וואס דיא האסט פארשפראכען צו צו-שווערן. וויא דיא שלוחים האבען גיברענגט דען

בריף

בְּרִיף צוּ (לִיסִיאָה), הָאט עֶר זִיךְ דַארִיבֶּער זֵייעֶר גֶעפְרֵייט, אוּנְד הָאט דִיא שְׁלוּחִים פָאן יְהוּדָה, גְרָאס כָּבוֹד צוּ גֶעטְהֵיילְט. הָאט עֶר נָאךְ אֵיינֶען בְּרִיף גֶעשְׁרִיבֶּען צוּ יְהוּדָה. אוּנְד אַזוֹ וַואר דָארְט גֶעשְׁרִיבֶּען. פָאן מִיר לִיסִיאָה דֶער פֶעלְדהֶערְר פָאן מֶלֶךְ (אַאוּפְּטֶר) פָאן מוּקְדוֹן, צוּ דֶעם מָשִׁיחַ מִלְחָמָה יְהוּדָה. דֶער הֶערְר פָאן דִיא יוּדֶען „שָׁלוֹם". דֶעם בְּרִיף וָואס יְהוֹחָנָן אוּנְד אַבְשָׁלוֹם הָאבֶּען מִיר אִיבֶּער גֶעגֶבֶּען פָאן דִיר, טוּהֶע אִיךְ מִיט גְרָאס לִיבְּשַׁאפְט אַנְנֶעמֶען, אוּנְד בִּישְׁטֶעטִיגֶען. אוּנְד אִיךְ טוּהֶע אֵיין נֶדֶר צוּ עֶנְקֶער גָ', דַאס אִיךְ וֶועל נִישְׁט פְרִיעֶר פָאן עֶנְקֶער לַאנְד גֶעהֶען, בִּיז אִיךְ וֶועל בֶּעקָאמֶען אֵיין שְׁרֵייבֶּען פָאן מֵיין קֶענִיג, דַאס עֶר טוּט אוֹיךְ אַנְנֶעמֶען, אוּנְד בִּישְׁטֶעטִיגֶען, דַאס וָואס מִיר בֶּעשְׁלָאסֶען הָאבֶּען:

אוּנְד אַזוֹ וַואר גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דֶען בְּרִיף וָואס לִיסִיאָה הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען צוּם מֶלֶךְ אַאוּפְּטֶר. זָאלְסְט וִויסֶען אֲדוֹנִי הַמֶלֶךְ, דַאס דִיא יְהוּדִים גְרָאסֶע גִבּוֹרִים זֶענֶען אִין דִיא שְׁטְרֵייט, וָואס גָאר אוֹיסֶער דִיא נַאטוּהְר אִיזְט. עֶס אִיזְט גָאר קֵיין אוֹפֶן פַארְהַאנְדֶען, דַאס זָאלְסְט קֶענֶען מִיט קְרִיעֶג זֵייא אִיבֶּערְהוֹיפְּטֶען. הָאבּ אִיךְ מִיט זֵייא פְרִיעְדֶען גֶעשְׁלָאסֶען פִיר דֵיינֶעט וֶועגֶען, אַזוֹ טוּהֶע אַנְנֶעמֶען מֵיין רַאטְה, פְרִיעְדֶען צוּ שְׁלִיסֶען מִיט דִיא יוּדֶען, זָאנְסְט פִירְכְטֶע אִיךְ פַאר דֵיין גַאנְץ קֶענִיגְרֵייךְ, דַאס זָאלְסְט נִישְׁט פַארְלֶענְט וֶוערְדֶען,

דורךְ דיא זינד פֿאן דיין פֿאטער אַנטיוכוס: אין איינינֶע
טאג, איזט געקאמען אַנטוואָרט פאן מלךְ אַאופּטר צו
ליסיאָה. אַזוֹ וואר דאָרט געשריבען, צו ליסיאָה מיין
אָנקעל'ס ברודער „שלום" דעם בריף וואס איך האבע
פאן דיר ערהאלטען, וועגען פריעדען צו שליסען מיט
דיא יודען, האב איך אַנגענאָמען, אונד מיט ליבשאפט,
גילעזען. עס איזט וואהר דאס מיין פאטער האט זעהר
שלאכט געהאנדעלט קעגען דיא יודען, אבער איך זיין
זאהן טוהע בינעהרען פריעדען צו האבען מיט אַללע
לייט פאן מיין קעניגרייךְ, אונד מיין וואונש איזט, צו
פארמיידען אַללע שטרייט. אונד דאס איזט מיר
בעוויסט וואָרדען, דאס דאס וואס דיא יודען האבען
נישט געוואלט אַננעמען דאס גיזעטץ פאן מיין פאטער,
איזט נאָר דיא אורזאךְ גיוועזען, ווייל זייא ווילען נישט
פארשטעהרען דאס גיזעטץ פאן זייער ג'. אונד איךְ
פארשטעהע דאס נאָר דאדורךְ האבען זייא זיךְ איבער
אונס געשטארקט, וואס האבען ערשלאגען דיא גרעסטע
שׂרים אונד גבורים פאן מיין פאטער. יעצט טוהע דיא
מיט זייא פריעדען שליסען אין נאמען מיינער. אונד
מאךְ זייא וויסען, דאס נישט חלילה מיט פאלטשקייט
טוהע איךְ מיט זייא פרידען שליסען, נאָר מיט מיין
גאנצען הארץ טוהע איךְ בינעהרין אַן פריעדען. אונד
פאן נון אַן, קאנען זייא האלטען דיא גיזעטץ פאן

זֵייעֶר תּוֹרָה, אַזוֹ וִויא זֵייעֶר רָצוֹן אִיזְט. צוּ דִיר, אוּנְד צוּ זֵייא „שָׁלוֹם":

אוּנְד אַזוֹ וַואר גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דֶעם בְּרִיף, וָואס דֶער מֶלֶךְ אַאוּפְּטֶר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען צוּ יְהוּדָה. פָּאן מִיר דֶער קֶענִיג אַאוּפְּטֶר, דֶער זָאהְן פָּאן אַנְטִיוּכוּס, דֶער קֶענִיג פָּאן מוּקְדוֹן. צוּ יְהוּדָה דֶער מָשִׁיחַ מִלְחָמָה, אוּנְד צוּ זֵיין גַאנְץ פָאלְק „שָׁלוֹם". אִיךְ מַאכֶע אֵייךְ בֶּעקַאנְט, דַאס הַאבֶּע אֵיין בִּיפֶעהְל אוּיס גִיגֶעבֶּן אִין מֵיין גַאנְץ קֶענִיגְרֵייךְ, צוּ וַואהְרְנֶען אַלֶּע אוּנְטֶערְטַאנֶע פָאן מִיר, דַאס עֶס זָאל זִיךְ נִימַאנְד וַואגֶען, אֵייךְ עֶפֶּעס שְׁלַאכְטֶעס צוּ טוּהֶען, אוּנְד נִישְׁט אֵייךְ צוּ אוּנְטֶער־דְרִיקֶען, צוּ פַארְלַאסֶען עֶנְקֶער תּוֹרָה. אוּנְד דַאס וָואס מֵיין פַאטֶער הָאט צוּ אֵייךְ גֶעטוּהֶען, טוּהְט עֶס אִיהְם פַארְצֵייעֶן, אוּנְד טוּט אוֹיךְ מִיר פַארְצֵייעֶן, וָואס אִיךְ הָאבּ וָואלֶען מִיט אֵייךְ שְׁטְרֵייטֶען. אוּנְד טוּט בֶּעהְטֶען צוּ עֶנְקֶער גָ' פִּיר מֵיינֶעט וֶועגֶען, דַאס עֶר זָאל אוֹיךְ מִיר פַארְצֵייעֶן, וָואס הָאבּ קֶעגֶען אִיהְם גִיפֶעהְלְט. אִיךְ טוּהֶע צוּ אֵייךְ שִׁיקֶען מֵיין בֶּעסְטֶען פְרֵיינְד (מַגְלִיאוּס) מִיט דִיזֶען בְּרִיף, אוּנְד עֶר וֶועְרד מִיט דִיר מוּנְדְלִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְשְׁפְּרֶעכֶען, אוּנְד בִּישְׁטֶעטִיגֶען פִּיר מֵיינֶעט וֶועגֶען דֶען „פְרִידֶען": וִויא דֶער (מַגְלִיאוּס) אִיזְט גֶעקָאמֶען מִיט דֶעם בְּרִיף פָאן מֶלֶךְ, אִיזְט אוֹיךְ לִיסִיאָה מִיט אִיהְם גֶעגַאנְגֶען צוּ יְהוּדָה, אוּנְד הָאבֶּען אִיבֶּער עֶנְפֶּערְט דֶען בְּרִיף אִין יְהוּדָה'ס הַאנְד. הָאט

יְהוּדָה דִיזֶען בְּרִיף הוֹיךְ גִילֶעזֶן פַאר אַלְלֶע זַיינֶע מֶענְשֶׁן, אוּנְד דֶער פְּרִידֶען אִיזְט גֶעשְׁלָאסֶען וָוארְדֶען: נָאךְ דִיזֶען הָאט לִיסִיאָה צוּרִיק גֶעצוֹיגֶען אִין זַיין לַאנְד, הָאט עֶר עֶרְצֶעהְלְט דֶעם מֶלֶךְ, וָואס אַלְלֶעס אִיהְם גֶעטְרָאפֶען הָאט מִיט דִיא יוּדֶען. אוּנְד הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט דַאס אִיזְט נִישְׁט אַנְדֶערְס, נָאר דַאס פָּאן הִימֶעל טוּט מֶען שְׁטְרַייטֶען מִיט זַיירֶע פֵּיינְד, הָאט אַאוּפְּטֶער זֶעהְר בֶּעדוֹיעֶרְט, וָואס עֶר הָאט וָואלֶען שְׁטְרַייטֶען מִיט דִיא יוּדֶען:

נָאךְ דֶעם הָאבֶּען אוֹיךְ, דִיא דְרַייא הוּנְדֶערְט אוּנְד צְוָואנְצִיג יוֹעֲצִים פָּאן (רָאם) (כּוֹרֵת בְּרִית) גִיוֶועזֶן מִיט יְהוּדָה אוּנְד מִיט אַלְלֶע יוּדֶען, דַאס אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין זָאלְלֶען בֵּייא הִילְפִיג זַיין, בֵּייא אַלְלֶע שְׁטְרַייט. דָאס הָאבֶּען זַייא גֶעטוּהֶען, וַוייל זַייא הָאבֶּען עֶרְפַאהְרֶען פָאן דִיא גְרָאסֶע גְבוּרָה, אוּנְד טַאפְּפֶערְקֵייט פָאן דִיא יוּדֶען:

אִין דִיא צֵייט הָאבֶּען פִיעֶל פָאן דִיא יוּדֶען גֶעווָאהְנְט אִין דִיא שְׁטֶעהְט פָאן פִיעֶל פֶעלְקֶער, בֵּיים בָּארְטֶען פָאן יַם. אוּנְד אִין שְׁטָאט (עַזָה). אוּנְד (יַפָּה). עֶס אִיזְט גִיוֶועזִין אֵיין טָאג וָואס דִיא גוֹיִם פָאן (יַפָּה, אוּנְד יַבְנֶה.) הָאבֶּען זִיךְ אוּנְטֶערְהַאלְטֶען אוֹיף דִיא שִׁיפֶען, וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בֵּיים בָּארְטֶען פָאן יַם, הָאבֶּען זַייא פָאן דִיא יוּדֶען צוּ זִיךְ צוּגֶערִיפֶען אוֹיף דִיא שִׁיפֶען, זִיךְ מִיט זַייא צוּזַאמֶען צוּ אוּנְטֶערְהַאלְטֶען. אַזוֹ אִיזְט פִיעֶל פָאן דִיא יוּדֶען פָאן מַאנֶען, אוּנְד פְרוֹיעֶן,

אוּנְד קִינְדֶער, אוֹיף דִיא שִׁיפֶען גֶעגַאנְגֶען, הָאבֶּען דִיא גוֹיִם פָאן דִיא יוּדֶען עֶרְטְרֶענְקְט אִין יַם, לְעֶרֶך פָאן צְווֵייא הוּנְדֶערְט נְפָשׁוֹת. אִיזְט דִיא זַאך בֶּעוִויסְט וָוארְדֶען צוּ יְהוּדָה, הָאט יְהוּדָה אִיבֶּער דִיזֶען זֶעהְר גֶעוָויינְט. אוּנְד תֵּיכֶף אִיזְט עֶר מִיט צַטְהֵייל פָאן זֵיינֶע שְׁטְרֵייט מֶאנֶער גֶעקָאמֶען קֵיין (יַפָה) אוּנְד הָאט פָאן שְׁטָאט הֶערוֹים גֶענָאמֶען אַלֶע יוּדֶען, וָואס הָאבֶּען זִיך דָארְט גֶעפִינֶען. נָאך דֶעם הָאט עֶר דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט עֶרְשְׁלָאגֶען צוּ שַׁארְפֶער שְׁווֶערְט. פָאן מַאנֶען, אוּנְד וַוייבֶּער, אוּנְד קִינְדֶער. הֶערְנָאך הָאט עֶר פַארְבְּרֶענְט דִיא אַלֶע שִׁיפֶען אִין פֵייעֶר. אוּנְד דָאס זֶעלְבֶּע הָאט עֶר אוֹיך גֶעטוּהֶען צוּ (יַבְנֶה): וִויא יְהוּדָה הָאט עֶר-שְׁלָאגֶען דִיא אַלֶע אֵיינְוָואהְנֶער פָאן (יַפָה אוּנְד יַבְנֶה), הָאבֶּען דִיא גוֹיִם גֶענָאמֶען זֵיירֶע פְרוֹיעֶן אוּנְד קִינְדֶער, אוּנְד הָאבֶּען זֵייא אוֹיף דִיא שִׁיפֶען גֶעפִיהְרְט, זֵייא צוּ רֶעטֶען פָאן טוֹיט. אַזוֹ הָאט יְהוּדָה דִיא שִׁיפֶען פַאר-בְּרֶענְט צוּזַאמֶען מִיט אַלֶעם וָואס אִין זֵייא וַואר. הָאט דַאמַאהְלְס יְהוּדָה אֵיינֶע נְקָמָה גֶעטוּהֶען אָן דִיא גוֹיִם וֶוענֶען דַאס אָנְשׁוּלְדִיגֶע בְּלוּט פָאן דִיא צְווֵייא הוּנְדֶערְט נְפָשׁוֹת וָואס זֵייא הָאבֶּען פַארְגָאסֶען.

פָאן דָארְט אִיזְט יְהוּדָה גֶעגַאנְגֶען אִין דִיא מִדְבָּר (עֲרָב) אוּנְד הָאט פָאן זֵייא עֶרְשְׁלָאגֶען אַלֶע זֵיירֶע גִבּוֹרִים. פָאן דָארְט הָאט יְהוּדָה גֶעוָואלְט שָׁאהְן צוּרִיק צִיהֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם. זֶענֶען זֵייא פַארְבֵּייא גֶעגַאנְגֶען

פַאר דִיא שְׁטָאט (כְּסְפִּין) דִיא שְׁטָאט וַואר זֵייעֶר אֵיין גְרָאס, אוּנְד שְׁטַארְק פֶּעסְטוּנְג. וָואס קֵיין אֵיינְצִיגֶער מֶלֶךְ, הָאט זִיךְ גֶעוַואגֶען צוּ וֶועלֶען דָאס פֶּעסְטוּנְג אֵיינְנֶעמֶען. וַוייל עֶס וַואר זֶעהְר פֶּעסְט אוּנְד שְׁטַארְק גֶעבּוֹיעֶט. הָאבֶּען זִיךְ דִיא לֵייט פָאן שְׁטָאט פַארְזִיכֶערְט אוֹיף זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע שְׁטָאט, הָאבֶּען זֵייא פָאן דִיא מוֹיעֶר פָאן שְׁטָאט זֶעהְר שְׁטַארְק גֶעפְּלִיכְט אוּנְד גִילֶעסְטֶערְט דֶעם יְהוּדָה, דֶער מָשִׁיחַ מִלְחָמָה. הָאט יְהוּדָה גֶערִיפֶען צוּ ג', אוּנְד הָאט גֶעזָאגְט, דִיא לִיבֶּער ג' וָואס הָאסְט אִיבֶּער עֶנְפֶערְט דִיא שְׁטַארְקֶע שְׁטָאט יְרִיחוֹ אִין יְהוֹשֻׁעַ'ס הַאנְד, טוּהֶע אוֹיךְ הֵיינְט אִיבֶּער עֶנְפֶערִין אִין אוּנְזֶער הַאנְד דִיא דָאזִיגֶע שְׁטַארְקֶע שְׁטָאט, כְּדֵי אַז זֵייא אֵיינֶע נְקָמָה צוּ טוּהֶען, וָואס הָאבֶּען גִילֶעסְטֶערְט דֵיין פָאלְק. זֵייא טוּהֶען זִיךְ פַארְזִיכֶערֶען אוֹיף זֵייעֶר פֶעסְטֶע שְׁטָאט, אוּנְד מִיר טוּהֶען אוּנְס פַארְזִיכֶערֶן אַן דִיר ג'. נָאךְ דֶעם הָאבֶּען אַלֶע יְהוּדָה'ס מֶענְשֶׁן בֶּעגְרִיפֶען אַן זֵייעֶרֶע שְׁוֶוערְטֶען, אוּנְד זֶענֶען אוֹיף דִיא מוֹיעֶרֶען גֶעשְׁפְּרִינְגֶען, פּוּנְקְט אַזוֹ וִויא דִיא ווִילְדֶע חַיּוֹת אִין דִיא וִויסְטֶע. אוּנְד יְהוּדָה אִיזְט צוּ־גֶעלוֹיפֶען צוּ דָאס טוֹהְר פָאן שְׁטָאט, אוּנְד הָאט עֶס אֵיינְגֶעשְׁמִירְט מִיט שְׁוֶועפֶעל, אוּנְד פֶּעךְ, דַאן הָאט עֶר דָארְט פֵייעֶר אָנְגֶעצִינְדֶען, בִּיז דָאס טוֹהְר אִיזְט פַארְבְּרֶענְט וָוארְדֶען אִין פֵייעֶר. אַזוֹ אִיזְט אַלֶעס גֶעקָאמֶען אִין שְׁטָאט אַרֵיין, אוּנְד הָאבֶּען אִין דִיא שְׁטָאט

אוּנאוֹיפְהֶערְלִיךְ עֶרְשְׁלַאגֶען, אָהְנֶע רַחֲמָנוּת. בִּיז דָאס בְּלוּט פְּאן דִיא עֶרְשְׁלָאגִינֶע, אִיזְט פָאן דִיא שְׁטָאט גֶערִינֶען. צְוֵייא (מִיל) בְּרֵייט אוּנְד צְוֵייא (מִיל) לַאנְג, וַואר דִיא עֶרְד פַארְדֶעקְט מִיט בְּלוּט, הָאט דָאס בְּלוּט אַזוֹ גֶעפְלָאסֶען, וִויא אֵיין שְׁטְרָאם וַואסֶער.

פָאן דָארְט אִיזְט יְהוּדָה וֵוייטֶער גֶעגַאנְגֶען, אִיזְט עֶר גֶעקָאמֶען צוּ דִיא שְׁטָאט (חַרְקָר), הָאבֶּען זֵייא דָארְט עֶרְשְׁלָאגֶען דִיא פָּאסְטֶען, וָואס דֶער מֶלֶךְ (תַּמְתִּיאוּס) הָאט דָארְט אִיבֶּער גֶעלַאסֶען, צוּ הִיטֶען דִיא שְׁטָאט פַאר דִיא יוּדֶן. זֵייא וַוארֶען צֶעהְן טוֹיזֶענְט מַאן. נָאךְ דֶעם אִיזְט יְהוּדָה עֶנְטְגֶעגֶען גֶעגַאנְגֶען דֶעם קֶענִיג (תַּמְתִּיאוּס) מִיט צֶעהְן טוֹיזֶנְט גִבּוֹרִים. אוּנְד (תַּמְתִּיאוּס) הָאט מִיט זִיךְ גֶעהַאבְּט זֶעהְר פִיעל פָאלְק, אֵיינְמָאהְל הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְט מַאן פַאנְטֶערִיע, אוּנְד פִינְפְצִיג טוֹיזֶענְט רִיטֶער, דִיא שְׁטְרֵייט פָאן זֵייא וַואר זֶעהְר פָארְכְטבַּאר. הָאט יְהוּדָה פָאן זֵייא עֶרְשְׁלַאגֶען דְרֵייסִיג טוֹיזֶענְט גִבּוֹרִים, אוּנְד אוֹיךְ דֶער אַנְפִירֶער (סִיסְפָּר) אִיזְט גֶעפַאלֶען אִין שְׁלַאכְט. אוּנְד דֶער קֶענִיג (תַּמְתִּיאוּס) מִיט זֵיין אִיבְּרִיג פָאלְק זֶענֶען עֶנְטְלוֹיפֶען פַאר יְהוּדָה, אוּנְד יְהוּדָה הָאט זֵייא נָאכְגֶעיָאגְט, הָאבֶּען זֵייא גֶעפַאנְגֶען דֶעם קֶענִיג (תַּמְתִּיאוּס), הָאט מֶען אִיהְם גִיבְּרֶענְגְט צוּ יְהוּדָה לֶעבֶּענְדִיג. הָאט יְהוּדָה גֶעבָּאטֶען, אִיהְם דֶעם קָאפְּף אַרִינְטֶער צוּ הַאקֶען. אִיזְט דֶער תַּמְתִּיאוּס גֶעפַאלֶען צוּ דִיא פוּס פַאר יְהוּדָה, אוּנְד

הָאט פַאר אִיהְם זֶעהְר גֶעוֵויינְט, דַאס עֶר זָאל אִיהְם נִישְׁט טֵייטֶען. וֵוייל זֶעהְר פִּיעֶל יוּדֶען וָואוֹהְנֶען אִין מֵיין לַאנְד, אוּנְד וֶוען דִיא וֶוערְסְט מִיךְ לֶעהְבֶּען לַאסֶען, וֶועל אִיךְ צוּ דִיר צוּ שְׁוֶועהְרֶען, דַאס אִיךְ וֶועל מִיט דִיא יוּדֶען גְרָאס גוּטְץ טוּהֶען, אַזוֹ לַאנְג וָואס אִיךְ וֶועל לֶעהְבֶּען. הָאט זִיךְ יְהוּדָה אִיבֶּער אִיהְם עֶרְבַּארֶמְט, אוּנְד הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט טוּהֶע מִיר צוּשְׁוֶוערֶען, אוֹיף דִיזֶען וָואס הָאסְט גֶעזָאגְט, אוּנְד הָאט אִיהְם פְּרֵייא גֶעלַאסֶען. דֶער תַּמְתִּיאוּס הָאט גֶעהַאלְטֶען זֵיין שְׁבוּעָה, וָואס אַזוֹ לַאנְג וָואס עֶר הָאט גִילֶעהְבְּט, הָאט עֶר קֵיין שְׁלֶעכְטֶעס גֶעטוּהֶען צוּ דִיא יוּדֶען:

פָאן דָארְט אִיזְט יְהוּדָה אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר בִּיגֶעגֶענְט אֵיינֶע גַאנְצֶע אַרְמֶע פָאן מוּקְדוֹן, וָואס זֶענֶען גֶעקָאמֶען הֶעלְפֶען דֶעם מֶלֶךְ פָאן (עֲרָב), הָאט יְהוּדָה פָאן זֵייא עֶרְשְׁלַאגֶען, אַכְט אוּנְד צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְט מַאן: פָאן דָארְט הָאט עֶר וֵוייטֶער גֶעצוֹיגֶען צוּ דִיא שְׁטָאט (עֶפְרוֹת) דִיא שְׁטָאט (עֶפְרוֹת) וַואר זֶעהְר אֵיינֶע פֶעסְטֶע שְׁטָאט. הָאט יְהוּדָה אִינְוֶוענְדִיג אִין שְׁטָאט עֶרְשְׁלַאגֶען צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְט אוּנְד פִינְף הוּנְדֶערְט מַאן: פָאן דָארְט הָאט יְהוּדָה וֵוייטֶער גֶעצוֹיגֶען אִיזְט עֶר גֶעקָאמֶען פַאר דִיא שְׁטָאט (שְׁטוּפְלִים) זֶענֶען דִיא מַאנֶען פָאן שְׁטָאט גֶעגַאנְגֶען צוּ יְהוּדָה מִיט גְרָאס גֶעוֵויין, אוּנְד הָאבֶען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דִיא גִיעֶרְטֶער הֶערְר, אוּנְד מָשִׁיחַ מִלְחָמָה,

טוּהֶע אַנְפְרַאגֶען דִיא אַלְלֶע יוּדֶען וָואס וָואהְנֶען אִין אוּנְזֶער שְׁטָאט, וִויא גוּט זֵייא הָאבֶּען בֵּייא אוּנְס. זֵייא זֵיינֶען בֵּייא אוּנְס, זֵייט דִיא צֵייט פָאן אַנְטִיוּכוּס הָאַכְזָר, וָואס זֵייא זֶענֶען פַאר אִיהְם עֶנְטְלוֹיפֶען, זִיךְ צוּ פַאר־בַּארְגֶען פַאר אַנְטִיוּכוּס. אַזוֹ הָאט יְהוּדָה גִיפְרֶעגְט דִיא יוּדֶען פָאן שְׁטָאט, הָאבֶּען זֵייא גֶעאַנְטְוָוארְט, עֶס אִיזְט וַואהְר, דַאס מִיר הַאבֶּען אוֹיף זֵייא גָאר נִישְׁט אֵיינְצוּ־וֶוענְדֶען. הָאט יְהוּדָה זֵייא גִיבֶּענְשְׁט; פָאן דָארְט אִיזְט יְהוּדָה מִיט זֵיין גַאנְץ פָאלְק גֶעקָאמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, צוּ פֵייעֶרֶען דֶעם (חַג הַשָּׁבוּעוֹת); אוּנְד נָאךְ דִיא אַלְלֶע גְרָאסֶע מִלְחָמוֹת וָואס זֵייא הָאבֶּען גֶעשְׁטְרִיטֶען, הָאט פָאן דִיא יוּדֶען קֵיין אֵיינְצִיגֶער גִיפֶעהְלְט, נָאר אַלְלֶעס אִיזְט צוּרִיק גֶעקָאמֶען בְּשָׁלוֹם אָהְנֶע בִּישֶׁעדִיגְט:

נָאךְ (חַג הַשָּׁבוּעוֹת) אִיזְט דֶער פֶעלְדהֶערְר (גְרִיגוֹרִיאוּס) פָאן (אֱדוֹם) גֶעקָאמֶען שְׁטְרֵייטֶען מִיט יְהוּדָה, אוּנְד צוּ אִיהְם וַואר דְרֵייסִיג טוֹיזֶענְט מַאן, אוּנְד פִיעֶר טוֹיזֶענְט רִיטֶער, אִיזְט דַאמָאהְלְס גֶעפַאלְלֶען אִין דִיא מִלְחָמָה פִינְפְצִיג מַאן פָאן יְהוּדָה, זֵייא וַוארֶען דִיא גִבּוֹרִים פָאן דִיא חַשְׁמוֹנָאִים, וִויא יְהוּדָה הָאט גִיזֶעהֶען דִיא נִידֶערְלַאגֶע פָאן זֵיינֶע מֶענְשֶׁען, הָאט עֶר מִתְפַּלֵל גִיוֶועזֶען צוּ גָ׳, אוּנְד עֶר הָאט גֶעשְׁטַארְקְט דַאס הַארְץ פָאן זֵיינֶע מֶענְשֶׁען, זִיךְ נִישְׁט צוּ פַארְצוּגֶען, אוּנְד הָאט זֵייא גֶעבֶּעטֶען דַאס אַלְלֶע זָאלֶען אִיהְם נַאכְפָאלְגֶען. אִיזְט יְהוּדָה מִיהְףְ אַרֵיין גֶעלוֹיפֶען אִין דֶעם לַאגֶער

פָאן פֵיינְד, אוּנְד זֵיינֶע מֶענְשֶׁן זֶענֶען אִיהְם נָאךְ גֶעלוֹיפֶען, הָאבֶּען זֵייא זֶעהְר פִיעֶל עֶרְשְׁלַאגֶען פָאן פֵיינְד, הָאט יְהוּדָה עֶרְזֶעהֶן דֶעם אַנְפִּירֶער (גְרִיגוֹרִיאוּס), הָאט עֶר צוּ אִיהְם גֶעשְׁרִיגֶען צוּ דִיר (גְרִיגוֹרִיאוּס) קָאמֶע אִיךְ! אוּנְד וִויא יְהוּדָה הָאט וָואלֶען אִיהְם עֶרְשְׁלַאגֶען, אִיזְט עֶר עֶנְטְרִינֶען וָוארְדֶען. אוּנְד בִּיז יֶעצְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוְויסְט אוֹיבּ עֶר לֶעבְּט, אָדֶער נִישְׁט. נָאר מֶען אִיזְט גֶעקָאמֶען זָאגֶען צוּ יְהוּדָה, דַאס עֶר אִיזְט שְׁטַארְק פַארְוְוינְדֶעט וָוארְדֶען אִין דִיא מִלְחָמָה, אוּנְד אַזוֹ אִיזְט עֶר עֶנְטְלוֹיפֶען אִין דִיא מִדְבָּר, אוּנְד אִיזְט דָארְט גֶעשְׁטָארְבֶּען: נָאךְ דִיא שְׁלַאכְט, אִיזְט יְהוּדָה גֶעקָאמֶען אִין דֶען לַאנְד (אֶ־וֹם), אוּנְד הָאט פִיעֶל פָאן זֵייא פַארְלֶענְט, אוּנְד פִיעֶל פָאן זֵייעֶרֶע פֶעסְטֶע שְׁטֶעט, הָאט עֶר גֶעלָאזְט צוּזַאמֶען שְׁטִירְצֶען. דַאמָאהְלְס הָאט מֶען גֶעפִינֶען דִיא פִינְפְצִיג גִבּוֹרִים פָאן יְהוּדָה, וָואס זֶענֶען גֶעפַאלְלֶען אִין שְׁלַאכְט, בֵּייא (גְרִיגִיאוּס), הָאט מֶען גֶעפִינֶ־ן אוּנְטֶער זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, פָאן דִיא גֶעטְצֶען בִּילְדֶער פָאן גָאלְד, וָואס הָאבֶּען גֶענָאמֶען פָאן דִיא גוֹיִם. הָאט יְהוּדָה עֶרְשְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, וַוארוּם זֵייא זֶענֶען גֶעטֵייט וָוארְדֶען, הָאט יְהוּדָה נִידֶער גֶעקְנִיעֶט אוֹיף זֵיינֶע קְנִיעֶן, אוּנְד הָאט פַארְשְׁפְּרֵייט זֵיינֶע הֶענְד צוּ גָ', אוּנְד הָאט גֶעזָאגְט, גֶעלוֹיבְּט בִּיזְט דִיא גָ' פָאן דִיא יוּדֶן, וָואס פַאר דִיר אִיזְט אַלְלֶעס עֶנְפְּלֶעקְט. אִיךְ בִּין עֶרְשְׁט יֶעצְט, גֶעטְרֵייסְט וָוארְדֶען, אִיבֶּער דֶען

פַארְלוּסְט פָאן מַיינֶע מֶענְשֶׁן, ווייל אִיךְ הָאבּ מִיר גֶעדַאכְט, דַאס דִיא הָאסְט שָׁאהְן חָלִילָה דֵיין אַנְגֶעזִיכְט פָאן אוּנְס אַבְּגֶעטוּהֶען. יֶעצְט אַבֶּער זֶעהֶע אִיךְ דַאס נָאר דִיא זִינְד פָאן מֶענְשׁ טוּט אִיהְם טַייטֶען. נָאךְ דֶעם הָאט יְהוּדָה גֶעשְׁטַארְקְט דַאס הַאֶרֶץ פָאן זַיין פָאלְק, גָ' צוּ דִינֶען בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה:

(ג)

וִויא עֶס וַואר הוּנְדֶערְט נַיין אוּנְד פִירְצִיג יָאהְר פָאן (בִּנְיַן בַּיִת הַשֵּׁנִי), אִיז מֶען גֶעקָאמֶען זָאגֶען צוּ יְהוּדָה, דַאס דֶער מֶלֶךְ (אַאוּפְּטֶר) הָאט פַארְשְׁטֶעהְרְט זַיין בּוּנְד, וָואס עֶר הָאט פְרִידֶען גֶעשְׁלָאסֶען מִיט דִיא יוּדֶען, וָואס עֶר הָאט אַיינְגֶעזַאמֶעלְט פִיעֶל פָאלְק, אַזוֹ פִיעֶל וִויא דָאס זַאנְד אִין יַם, צוּ קָאמֶען שְׁטְרַייטֶען אוֹיף דֶעם לַאנְד יְהוּדָה: דֶער מֶלֶךְ (אַאוּפְּטֶר) הָאט מִיט זִיךְ מִיט גֶעפִיהְרְט הוּנְדֶערְט אוּנְד צְוָואנְצִיג עֶלֶעפַאנְטֶען, וָואס וַוארֶען גִילֶערְנְט צוּם שְׁטְרַייטֶען, אוּנְד זַיין פֶעלְד הֶערְר (לִיסִיאָה) הָאט עֶר מִיט גֶענָאמֶען, מִיט פִיעֶל פָאלְק פָאן דִיא אִינְזֶעלֶען פָאן יַם. אִין אַיינֶע קָארְצֶע צַייט אִיזְט דַאס גְרָאסֶע אוּנְד פִיעֶל פָאלְק פָאן מַקְדוֹן גֶעקָאמֶען אִין דֶעם לַאנְד יְהוּדָה, אוּנְד הָאבֶּען בֶּעלַאגֶערְט דִיא שְׁטָאט (בֵּתָר). הָאט יְהוּדָה מִיט דִיא זְקֵנִים פָאן שְׁטָאט גֶעשְׁרִיעֶן צוּ גָ' מִיט גְרָאס בֶּעהְטֶען אוּנְד אַלֶעס הָאט גֶעפַאסְטֶעט אוּנְד גֶעווַיינְט. נָאךְ דֶעם פַאסְטֶען, הָאבֶּען זַייא פִיעֶל קָרְבָּנוֹת גֶעאָפְּפֶערְט, צוּ גָ', אוּנְד

אַלְלֶעס הָאט גֶעשְׁרִיעֶן הֶעלְף אוּנְס גָ׳ אוּנְזֶער גָ׳. בֵּייא
נַאכְט הָאט יְהוּדָה גֶענָאמֶען אַלְלֶע בְּנֵי הַחַשְׁמוֹנָאִים,
אוּנְד אִיזְט פְּלֶעטְצְלִיךְ אִיבֶּערְפַאלְלֶען דַאס לַאגֶער פָאן
פֵיינְד, הָאבֶּען זַייא פָאן זַייא עֶרְשְׁלַאגֶען. פִיעֶר טוֹיזֶנְט
מַאן. אוּנְד דֶעם גְרֶעסְטֶען עֶלֶעפַאנְט, הָאבֶּען זַייא גֶעטֵייט.
וִויא עֶס אִיז טָאג גֶעוָוארִין, הָאט דֶער (אַאוּפְטֶר) זֶעהְר
שְׁטַארְק גֶעשְׁטְרִיטֶען מִיט יְהוּדָה. הָאט יְהוּדָה גִיזֶעהְן
אֵיין עֶלֶעפַאנְט וָואס עֶר וַואר דֶער גְרֶעסְטֶער עֶלֶעפַאנְט
פָאן אַלְלֶע, אוּנְד אוֹיף אִיהְם הָאט גֶערִיטֶען אֵיין מַאן
בֶּעקְלֵיידֶעט מִיט אֵיינֶען גָאלְדִינֶען פַאנְסְטֶער. הָאט
יְהוּדָה גֶעדַאכְט. דַאס גֶעוִויס אִיזְט דָאס דֶער מֶלֶךְ וָואס
רֵייט אוֹיף דֶעם עֶלֶעפַאנְט. הָאט יְהוּדָה גֶעזָאגְט צוּ
זַיינֶע לֵייט, וֶוער אִיזְט פָאן אֵייךְ דֶער מַאן, וָואס וִויל
זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען צוּ טֵייטֶען דֶעם דָאזִיגֶען עֶלֶעפַאנְט ?,
אִיזְט צוּ אִיהְם צוּגֶעקָאמֶען, זַיין בְּרוּדֶער (אֶלְעָזָר) אוּנְד
הָאט גֶעזָאגְט צוּ יְהוּדָה, אִיךְ וִויל אִיהְם טֵייטֶען. אַזוֹ
אִיזְט דֶער אֶלְעָזָר, צוּגֶעלוֹיפֶען מִיט גְרָאס קְרַאפְט טִיהְף
אַרֵיין אִין לַאגֶער צוּ דִיזֶען עֶלֶעפַאנְט. אוּנְד בֵּיים לוֹיפֶען
הָאט עֶר אַלְלֶעס עֶרְשְׁלָאגֶן וָואס עֶס הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען
אוֹיף דֶעם וֶועג, לִינְגְ׳ס אוּנְד רַאכְטְ׳ס, בִּיז עֶר אִיזְט צוּ-
גֶעקָאמֶען צוּ דֶען עֶלֶעפַאנְט. דַאן אִיזְט עֶר אַרִינְטֶער
גֶעלוֹיפֶען צְוִוישֶׁען דִיא פוּס פָאן עֶלֶעפַאנְט, אוּנְד הָאט
אִיהְם גֶעשְׁטָאכֶען מִיט זַיין שְׁוָוערְט אִין בּוֹיךְ אַרֵיין,
אִיזְט דֶער עֶלֶעפַאנְט צוּ דִיא עֶרְד גֶעפַאלְלֶען אוֹיף

אֶלְעָזָר, אִיזְט אֶלְעָזָר אוֹיךְ גֶעטֵייט וָוארְדֶען. אִיזְט אַן דֶעם טָאג גֶעפַאלְלֶען פָאן אַאוּפְּטֶער-ס מַחֲנֶה, אַכְט הוּנְדֶערְט דִיא גְרֶעסְטֶע שָׂרִים פָאן מֶלֶךְ, אוֹיסֶער וָואס עֶס אִיזְט זֶעהְר פִיעֶל גֶעטֵייט וָוארְדֶען פָאן דַאס גַאנְצֶע פָאלְק. וִויא דֶער מֶלֶךְ אַאוּפְּטֶער הָאט גִיזֶעהְן דַאס טַאפְּפֶערְקֵייט פָאן דִיא יוּדֶן, אוּנְד דַאצוּ וַוארֶען שָׁאהְן זֵיינֶע לֵייט זֶעהְר עֶרְמִיעדֶעט, הָאט דֶער מֶלֶךְ אֵיין צֵייכֶען גִיגֶעבֶּען אוֹיף צוּ הֶערִין פָאן שְׁטְרֵייטֶען, וִויא דֶער מֶלֶךְ אִיזְט גֶעקָאמֶען אִין זֵיין גִיצֶעהְלְט, הָאט עֶר דָארְט עֶרְפַאהְרֶען, דָאס זֵיין (יוֹעֵץ פִּילִיפּוּס) הָאט אַן אִיהְם מוֹרֵד גִיוֶועזִין. אוּנְד אוֹיךְ (דִימוּתְרִיאוּס) אִיזְט גֶעקָאמֶען פָאן (רָאם) מִיט זֶעהְר פִיעֶל פָאלְק, וָואס עֶר וִויל דָאס גַאנְצֶע מַלְכוּת פָאן אִיהְם אַוֶועק נֶעמֶען. אִיזְט עֶר דַארִיבֶּער זֶעהְר עֶרְשְׁרָאקֶען וָוארְדֶען, הָאט עֶר פְּרִיעְדֶען גֶעשְׁלָאסֶען מִיט יְהוּדָה. אִיזְט דֶער מֶלֶךְ אַאוּפְּטֶער זֶעלְבְּסְט מִיט לִיסִיאָה גֶעקָאמֶען צוּ יְהוּדָה, הָאט דֶער מֶלֶךְ אִיהְם גֶעקִישְׁט. אוּנְד הָאט אִיהְם צוּגֶעשְׁוואֹרִין, דַאס עֶר וֶועְרד שָׁאהְן נִישְׁט מֶעהְר, שְׁלַאכְטֶעם מוּהֶען צוּ דַאס לַאנְד יְהוּדָה: נַאכְדֶעם הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶענָאמֶען פִיעֶל גָאלְד, אוּנְד הָאט עֶס גִיגֶעבֶּען אִין גַ״ס הוֹיז פַאר אֵיין פְּרָאזֶענְט. נָאךְ דֶעם הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעבָּאטֶען צוּ פַאנְגֶען דֶעם (מַגִילָאוּס), עֶר וַואר אֵיינֶער פָאן דִיא שְׁלַאכְטֶע יוּדֶן, עֶר וַואר דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט מִיט זֵיינֶע מְסִירוֹת אַהֶער גִיבְּרֶענְגְט דֶעם עֶרְשְׁטֶן מֶלֶךְ

אַנְטִיוֹכוּס אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם, אוּנְד אוֹיךְ דֶער מֶלֶךְ אַאוּפְּטֶר הָאט עֶר צוּגֶעבְּרַאכְט הֶעהֶען, יֶעצְט צוּ קאמֶען אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם. הָאט דֶער מֶלֶךְ זֶעהְר שְׁטַארְק אוֹיף אִיהְם גֶעצַארְנְט, הָאט מֶען אִיהְם גִיבּוּנְדֶען מִיט קִיפְּפֶערְנֶע קֶעטְטֶען, אוּנְד מֶען הָאט אִיהְם אַרוֹיף גֶעפִיהְרְט אוֹיף אַיין הוֹיכֶען טָארֶעם, וָואס דֶער טָארֶעם וַואר פִינְפְצִיג עֶלְלֶען הוֹיךְ, אָנְגֶעפִילְלְט מִיט אַשׁ. דַאן הָאט מֶען דֶעם רָשָׁע, דֶעם (מֶנִילָאוּס) אַרוֹיף גִיזֶעצְט אוֹיף אַיין רַאד, אוּנְד מִיט דִיזֶען רַאד, הָאט מֶען אִיהְם טִיהְף פַארְזִינְקֶען אִין אַשׁ. (כֵּן יֹאבְדוּ כָּל אוֹיְבֶיךָ ה'). דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיהְם בֶּעצָאהְלְט (מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה), דֶען עֶר הָאט פַארְאוּנְרֵיינִיגְט דָאס מִזְבֵּחַ פָאן גָ', וָואס אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ אִיזְט בִּישְׁטֶענְדִיגְט פִיעֶל אַשׁ גִילֶעגֶען. אִיבֶּער דֶעם אִיזְט עֶר גֶעטֵייט וָוארְדֶען אִין אַשׁ: נָאךְ דֶעם אִיזְט דֶער מֶלֶךְ אַאוּפְּטֶר צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אִין זַיין לַאנְד, אוּנְד יְהוּדָה הָאט גֶערִיכְטֶעט זַיין פָאלְק (בְּמִשְׁפָּט וּבִצְדָקָה): נָאךְ דֶעם הָאט (דִימִיטְרִיאוּס) פָאן רָאם גֶעשְׁטְרִיטֶען מִיט דֶעם מֶלֶךְ אַאוּפְּטֶר, אוּנְד הָאט אִיהְם בֶּעזִיעֶגְט, אִיזְט דֶער מֶלֶךְ אַאוּפְּטֶר מִיט לִיסִיָאה גֶעטֵייט וָוארְדֶען אִין דִיא שְׁטְרֵייט. אוּנְד דֶער (דִימִיטְרִיאוּס) הָאט גֶעקִינִיגְט אִיבֶּער דַאס לַאנְד מוּקְדוֹן.

(ד)

אִיזְט גֶעקָאמֶען (אַלְקִיאוּס הַכֹּהֵן) צוּם מֶלֶךְ (דִימִיטְרִיאוּס), דֶער (אַלְקִיאוּס הַכֹּהֵן) וַואר זֶעהְר אַיין

שַׁאלְקַאפְּטִיגֶער מֶענְשׁ, וָואס עֶר הָאט (מֵימַר דַת) גִיוָועזֶן אִין דִיא צֵייטֶען פָאן אַנְטִיוכוּס הָרָשָׁע, אוּנְד הָאט פַאר אַלְלֶע אוֹיגֶען פָאן דִיא יוּדֶן חֲזִיר פְלֵייש גִיגֶעסֶן. הָאט דֶער (אַלְקִיאוּס) גֶעזָאגְט צוּם מֶלֶךְ, אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ. וִויא לַאנְג נָאךְ וֶוערְסְט דִיא קֵיין מִשְׁפָּט טוּהֶען אַן יְהוּדָה, דֶער זָאהְן פָאן מַתִּתְיָהוּ הַכֹּהֵן? וָואס דֶער יְהוּדָה מִיט זֵיין כַּת חֲסִידִים, הָאבֶען זִיךְ זֶעהְר גֶעשְׁטַארְקְט אִיבֶּער אוּנְס, וָואס עֶר הָאט פַארְטִילְלִיגְט דִיא אַלְלֶע מֶענְשֶׁן, וָואס הָאבֶען אוֹיסְגִיטְרֶעטֶען פָאן זֵייעֶר תּוֹרָה, כְּדֵי אַנְצוּנֶעמֶען דַאס גְלוֹיבֶּען פָאן אֵייךְ. דֶער אַלְקִיאוּס הָאט פִיעֶל מְסִירוֹת גֶעזָאגְט אוֹיף יְהוּדָה, בִּיז דֶער מֶלֶךְ אִיזְט זֶעהְר צָארְנִיג גֶעוָוארִין אוֹיף אַלְלֶע חֲסִידִים אוּנְד פְרָאמֶע לֵייט פָאן יְהוּדָה. הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט זֵיין פֶעלְד-הֶערְר (נִיקְנוֹר) מִיט זֶעהְר פִיעֶל פָאלְק, וָואס עֶס וַואר גָאר קֵיין צָאהְל צוּ זֵייא, אוּנְד אוֹיךְ דְרֵייא הוּנְדֶערְט עֶלֶעפַאנְטֶען. אִיזְט (נִיקְנוֹר) מִיט זֵיין גְרָאסֶע מַחֲנֶה גֶעקָאמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם. הָאט (נִיקְנוֹר) גֶעלָאזְט זַאגֶען צוּ יְהוּדָה דַאס עֶר וִויל מִיט אִיהְם פְרִיעֶדֶען שְׁלִיסֶען, דִיא קָאנְסְט צוּ מִיר אַהֶער קָאמֶען, אָדֶער אִיךְ וֶועל צוּ דִיר קָאמֶען. אִיזְט יְהוּדָה צוּ אִיהְם גֶעגַאנְגֶען גַאנְץ אָהְנֶע שְׁרֶעק, נָאר זֵיינֶע גִבּוֹרִים הָאט עֶר גֶעבָּאטֶען, דַאס זֵייא זָאלִין מִיט אִיהְם מִיט גֶעהֶן, מִיט זֵייעֶר שְׁטֵרייט גִיוָועהְר. אִיזְט נִיקְנוֹר אִיהְם עֶנְטְגֶעגֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּנְד הָאט גֶעהַאלְזְט יְהוּדָה מִיט גְרָאס לִיבְּשַׁאפְט.

הָאט נִיקָנוֹר דֶעם יְהוּדָה זֶעהְר לִיעֶב בֶּעקָאמֶען. הָאט עֶר צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דַאס אִיזְט נִישְׁט פַּאסֶענְד אוֹיף אַזוֹ מַאן וִויא דִיא בִּיזְט, זָאל זַיין אָהְנֶע פְרוֹיא. הָאט יְהוּדָה אִיהְם גֶעהָארְכְט, וָואס הָאט אֵיינֶע פְּרוֹיא גֶענָאמֶען, הָאט זִיא צוּ אִיהְם אֵיין זָאהְן גֶעבּוֹירֶען:

וִויא דֶער אַלְקִיאוּס הָרָשָׁע הָאט גִיזֶעהְן דִיא לִיבְּשַׁאפְט פָאן נִיקָנוֹר צוּ יְהוּדָה, אִיזְט עֶר וִוידֶער גֶעקָאמֶען צוּם מֶלֶךְ, אוּנְד הָאט פַארְלֵייםְדֶעט דֶעם נִיקָנוֹר, דַאס עֶר הָאט פְרִיעְדֶען גֶעשְׁלָאסֶען מִיט יְהוּדָה, אָהְנֶע דַיין בֶּעווִילְלִיגוּנְג. הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעשְׁרִיבֶּען צוּ נִיקָנוֹר, ווֶען דִיא ווֶערְסְט נִישְׁט צוּ מִיר אַהֶער בְּרֶענְגֶען דֶעם יְהוּדָה גֶעשְׁלָאסֶען אִין קֶעטְטֶען, זָאלְסְט וִויסֶען דַאס דִיא ווֶערְסְט גֶעטֵייט ווֶערְדֶען. הָאט יְהוּדָה פָאן דִיזֶען עֶרְפַאהְרֶען, וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען צוּ נִיקָנוֹר. אִיזְט יְהוּדָה בֵּייא נַאכְט פָאן דִיא שְׁטָאט גֶענַאנְגֶען, אוּנְד הָאט שׁוֹפָר גֶעבְּלָאזֶען, הָאבֶּען זִיךְ צוּ אִיהְם אֵיינְגֶעזַאמֶעלְט אַלְלֶע (בְּנֵי חַשְׁמוֹנָאִים), אוּנְד אַלְלֶע חֲסִידִים, אוּנְד זֶענֶען גֶענַאנְגֶען קֵיין (שׁוֹמְרוֹן). צוּ מָארְגֶען אִיזְט נִיקָנוֹר אַרֵיין גֶעקָאמֶען אִין דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ דִיא כֹּהֲנִים, טוּט מִיר אִיבֶּערְעֶנְפֶּערִין דֶעם מַאן וָואס אִיזְט דִיא נַאכְט פָאן שְׁטָאט גֶענַאנְגֶען, אַזוֹ ווֶעל אִיךְ אִיהְם שִׁיקֶען צוּם מֶלֶךְ גֶעשְׁלָאסֶען אִין קֶעטְטֶען. דֶען דֶער מֶלֶךְ הָאט זֶעהְר

גֶעצַאהְרְנְט אויף מִיר, וָואס עֶר ווִיל מִיךְ טֵייטֶען לַאסֶען.
וֶוען אִיךְ וֶועל נִישְׁט דֶעם יְהוּדָה אִין זֵיין הַאנְד אִיבֶּער-
עֶנְפֶּערְן. דַאס טוּהֶע אִיךְ אֵייךְ פַארְשְׁפְּרֶעכֶען, דַאס אִיךְ
וֶועל אִיהְם קֵיין שְׁלֶאכְטֶעס טוּהֶען. נָאר אִיךְ וֶועל נָאךְ
אויף אִיהְם גוּטֶעס שְׁרֵייבֶּען צוּם מֶלֶךְ. הָאבֶּען דִיא
כֹּהֲנִים אִיהְם גֶעשְׁוָואוֹרֶען דַאס זֵייא ווִיסֶען נִישְׁט ווִיא
עֶר אִיזְט. אִיזְט דֶער נִיקָנוֹר עֶרְפִילְלְט גֶעוָוארִין מִיט
צָארֶען, אוּנְד הָאט פִיעֶל בֶּעזֶעס גִירֶעדְט אויף גָ־ם הוי״ז,
אוּנְד הָאט אויסְגֶעשְׁפּוּכְט, אוּנְד גִילֶעסְטֶערְט דַאס גַאנְצֶע
פָאלְק פָאן דִיא יוּדֶען, בֵּיים אַוֶועק גֶעהְן, הָאט עֶר צוּ
זֵייא גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל אִין אֵיינֶע קָארְצֶע צֵייט עֶנְקֶער
בֵּית הַמִקְדָשׁ צוּזַאמֶען שְׁטִירְטְצֶען לַאסֶען, וָואס עֶס
וֶוערְד קֵיין אֵיינְצִיגֶער שְׁטֵיין אִיבֶּער בְּלֵייבֶּען. אוּנְד
אִיזְט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען מִיט גְרָאס צָארֶען. הָאבֶּען דִיא
כֹּהֲנִים זֶעהְר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט בֵּייא דֶעם (מִזְבֵּחַ),
וֶועגֶען דָאס לֶעסְטֶערוּנְג פָאן נִיקָנוֹר, אוּנְד הָאבֶּען
גִיבֶּעטֶען גָ׳, דַאס עֶר זָאל אֵיינֶע נְקָמָה טוּהֶען אַן דֶעם
(טָמֵא), דֶער נִיקָנוֹר וָואס הָאט זִיךְ גֶעוַואגֶען צוּ לֶעסְטֶערֶן
גָ״ס הוי״ז, הָאט גָ׳ גֶעשִׁיקְט אֵיין מַלְאָךְ פָאן הִימֶעל צוּ
דִיא כֹּהֲנִים, אוּנְד הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ
עֶרְהֶערְט עֶנְקֶער גִיבֶּעהְט, וָואס אִיךְ וֶועל אֵיינֶע נְקָמָה
טוּהֶען אַן דֶעם נִיקָנוֹר, וֶועגֶען מֵיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען,
אוּנְד וֶועגֶען מֵיין הֵיילִיג הוי״ז. נִיקָנוֹר הָאט דֶעם יְהוּדָה
גֶעזוּכְט אִין דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט. אוּנְד ווִיא עֶר הָאט

אִיהְם נִישְׁט גֶעפוּנְדֶען, הָאט עֶר גֶעלָאזְט טֵייטֶען, דֶעם חָשִׁיבְסְטֶן מַאן פָאן שְׁטָאט, זֵיין נַאמֶען וַואר (דִיקְרִיסִיאוּס). ווִיא יְהוּדָה הָאט פָאן דִיזֶען עֶרְפַאהְרֶען, אִיזְט עֶר עֶרְפִילְט גֶעוָוארִין מִיט צָארֶען אִיף נִיקָנוֹר. הָאט עֶר גֶעלָאזְט זָאגֶען צוּ נִיקָנוֹר, וַוארוּם קָאמְסְט נִישְׁט אַהֶער צוּ מִיר צוּ שְׁטְרֵייטֶען? פַארְוָואהְר דֶעם מַאן ווָאס דִיא זוּכְסְט, טוּט דִיךְ עֶרְוַוארְטֶען אוֹיף דֶעם פְרֵייֶען פֶעלְד. הָאט נִיקָנוֹר אֵיינְגֶעזַאמֶעלְט זֵיין גַאנְץ פָאלְק, אוּנְד אִיזְט עֶנְטְגֶעגֶען גֶעגַאנְגֶען דֶעם יְהוּדָה אַם שַׁבָּת טָאג. הָאבֶען דִיא יוּדֶען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, מִיר בִּיטֶען דִיךְ זֶעהְר, דַאס זָאלְסְט נִישְׁט פַארְשְׁוַואכֶען דֶעם הֵיילִיגֶען שַׁבָּת טָאג. הָאט נִיקָנוֹר זֵייא גֶעאַנְטְוָוארְט, ווָאס אִיזְט דֶען מִיט דֶעם שַׁבָּת טָאג?, אוּנְד ווֶער הָאט דָאס גֶעבָּאטֶען צוּ הַאלְטֶען דֶעם שַׁבָּת?, הָאבֶען זֵייא אִיהְם גֶעאַנְטְוָוארְט, דֶער שַׁבָּת טָאג, אִיזְט זֶעהְר הֵיילִיג צוּ גָ׳. אוּנְד דֶער גָ׳ ווָאס הָאט עֶרְשַׁאפֶען הִימֶעל אוּנְד עֶרְד, הָאט גִיגֶעבֶּן דֶעם שַׁבָּת. הָאט דֶער נִיקָנוֹר גִילֶעסְטֶערְט גָ׳-ס נָאמֶען, אוּנְד הָאט זָאלְכֶע שִׁימְפְּפְּ-רֵייד גִירֶעדְט, ווֶעלְכֶעס עֶס נִישְׁט פַּאסֶענְט אִיזְט צוּ שְׁרֵייבֶען: הָאט יְהוּדָה גֶעזָאגְט צוּ זֵיינֶע מֶענְשֶׁן, ווִיא לַאנְג נָאךְ ווֶעלִין מִיר דַאס עֶרְדוּלְדֶען, נִישְׁט זֶעהֶן אֵיינֶע נְקָמָה צוּ טוּהֶען, אַן דֶעם שַׁאלְקַאפְטִיגֶען מֶענְשׁ, ווָאס הָאט גִילֶעסְטֶערְט קֶעגֶען גָ׳. אַזוֹ אִיזְט יְהוּדָה מִיט זֵיינֶע אַלֶּע שְׁטְרֵייט מֶענְשֶׁן עֶנְטְגֶעגֶען גֶעגַאנְגֶען

דֶעם נִיקָנוֹר מִיט גְרָאס צָארְן. הָאט יְהוּדָה גִיבֶּעטֶען צוּ גָ', אוּנְד הָאט אַזוֹ גֶעזָאגְט. דִיא גָ' פָאן דִיא גַאנְצֶע װֶעלְט, װָאס הָאסְט הָאט אֵיינְמָאהְל גֶעשִׁיקְט דֵיינֶע מַלְאָכִים אוֹיס צוּטֵייטְען דִיא גְרָאסֶע מַחֲנֶה פָאן (סַנְחֵרִב), װֵייל זֵייא הָאבֶּען גִילֶעסְטֶערְט דֵיין נָאמֶען. זָאלְסְט דִיךְ אַצִינְד אוֹיךְ רַאכֶנֶען אַן דֶעם נִיקָנוֹר דֶער (כֶּלֶב הַמֵת), דֶער שַׁאלְקַאפְּטִיגֶער מֶענְשׁ, װָאס הָאט דִיךְ גִילֶעסְטֶערְט. אִין דֵיין הֵיילִיג הויז: נָאךְ דֶעם זֶענֶען זִיךְ דִיא צְװֵייא פַארְטֵייעֶן צוּזַאמֶען גֶעקָאמֶען, װַאר דַאמָאהְלְס זֶעהְר אֵיינֶע פָארְכְטְבַּארֶע שְׁטְרֵייט. אִין דֶעם הָאט יְהוּדָה פָאן װֵייטֶען עֶרְזֶעהֶן דֶעם נִיקָנוֹר רֵייטֶען אוֹיף אֵיין פְּפֶערְד, מִיט אֵיינֶע אוֹיסְגֶעצוֹיגֶנֶע שְׁװֶערְט. הָאט יְהוּדָה צוּ אִיהְם גֶעשְׁרִיעֶן, יַא, צוּ דִיר נִיקָנוֹר װִיל אִיךְ צוּ-קָאמֶען! אוּנְד דִיךְ מֵיין אִיךְ צוּטֵייטֶען! אַן דִיר אֵיינֶע רַאכֶע צוּ טוּהֶען. אוּנְד אִיזְט צוּ אִיהְם צוּגֶעלוֹיפֶען מִיט זֵיין גְרָאסֶען כֹּחַ. הָאט זִיךְ נִיקָנוֹר אוּמְגִיקֶעהְרְט, צוּ עֶנְטְלוֹיפֶען. יְהוּדָה אָבֶּער הָאט אִיהְם עֶרְװִישְׁט, אוּנְד הָאט אִיהְם מִיט אֵיין קְלַאפּ דוּרְךְ גֶעשְׁפַּאלְטֶען אוֹיף צְװֵייא טְהֵיילֶע: אִיזְט אַן דֶעם טָאג גֶעפַאלֶען פָאן דִיא מַחֲנֶה פָאן נִיקָנוֹר, דְרֵייסִיג טוֹיזֶענְט מַאן, אוּנְד דִיא אִיבְּרִיגֶע זֶענֶען עֶנְטְלוֹיפֶען. יְהוּדָה הָאט זֵייא נָאכְ-גֶעיָאגְט. הָאט יְהוּדָה אֵיין צֵייכֶען גִיגֶעבֶּען, הָאבֶּען זִיךְ פַארְזַאמֶעלְט אַלֶע יוּדֶען פָאן פִיעֶל שְׁטֶעהְט, װָאס הָאבֶּען אוּנְאוֹיפְהֶערְלִיךְ גֶעשְׁלַאגֶען דֶעם פֵיינְד, בִּיז עֶס אִיזְט

פָאן זֵייא קֵיין אֵיינְצִיגֶער לֶעהְבֶּען גֶעבְּלִיבֶּען: נָאךְ דֶעם אִיזְט דַאס גַאנְצֶע פָאלְק פָאן דִיא יוּדֶן גֶעקָאמֶען צוּ אָבְּצִיהֶען דִיא עֶרְשְׁלָאגִינֶע, הָאבֶּן זֵייא דָארְט גֶעטְרָאפֶן פִיעֶל גָאלְד, אוּנְד אֲבָנִים טוֹבוֹת: אוּנְד דֶעם קָאפְּף פָאן נִיקְנוֹר מִיט זֵיינֶע בֵּיידֶע הֶענְד, הָאבֶּען זֵייא אַרָאפּ גֶעשְׁנִיטֶען, אוּנְד מֶען הָאט עֶס אוֹיף גֶעהָאנְגֶען בֵּייא אֵיינֶע טוֹהְר פָאן בֵּית הַמִקְדָשׁ, כְּדֵי כָּל יִשְׂרָאֵל זָאלִין זֶעהֶן דֶעם פֵיינְד הֶענְגֶען, אַזוֹ וֶועלִין זֵייא אֵיינֶע נְקָמָה הָאבֶּן אַן דֶעם רָשָׁע: אִיזְט אַן דֶעם טָאג אֵיינֶע גְרָאסֶע פְרֵיידֶע גִיוֶועזֶן בֵּייא כָּל יִשְׂרָאֵל, אוּנְד אַלֶע הָאבֶּען גֶעלוֹיבְּט גָ׳ מִיט דֶעם שְׁבַח פָאן תְּהִלִים, (הוֹדוּ לַה׳ כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדוֹ): דַאס נֵס אִיזְט גִישֶׁעהֶן אַם דְרֵייצֶעהְנְטֶען טָאג אִין חוֹדֶשׁ אַדָר. הָאבֶּען דִיא חֲכָמִים פָאן דֶען דוֹר מְתַקֵן גִיוֶועזֶן, דֶען דָאזִיגֶען טָאג צוּ הַאלְטֶען פַאר אֵיין יוֹם טוֹב טָאג, יֶעדֶעס יָאהְר צוּ מַאכֶען אַן דֶען טָאג, אֵיין שִׂמְחָה טָאג: אוּנְד יְהוּדָה הָאט גֶערִיכְטֶעט זֵיין פָאלְק (בֶּאֱמֶת וּבְמִשְׁפָּט), אוּנְד הָאט פִיעֶל צְדָקָה פַארְטְהֵיילְט אַן דִיא אַרְמֶע יוּדֶן:

(ה)

וויא עֶס וַואר דָאס צְוֵוייטֶע יָאהְר, אִיזְט דִיא צֵייט גֶעקָאמֶען, וָואס יְהוּדָה הָאט זָאלִין שְׁטַארְבֶּען. אַזוֹ אִיזְט דֶער (רָצוֹן הַשֵּׁם) גִיוֶועזִין, דָאס עֶר זָאל אִין שְׁטְרֵייט שְׁטַארְבֶּען, וֶועגֶען (קְדוּשַׁת הַשֵּׁם). אִיזְט ווִידֶער גֶעקָאמֶען דֶער פֶעלְדהֶערְר (בַּקִירוּס) פָאן לַאנְד מוּקְדוֹן, אוּנְד עֶר

הָאט מִיט זִיךְ גֶעהַאבְּט דְרַייסִיג טוֹיזֶענְט מַאן. אִיזְט עֶר פְּלֶעטְצְלִיךְ בֶּעפַאלְלֶען יְהוּדָה. יְהוּדָה וַואר דַאמַאהְלְס אִין דִיא שְׁטָאט (לֶשֶׁם). אוּנְד הָאט נִישְׁט מֶעהְר מִיט זִיךְ גֶעהַאבְּט וִויא דְרַייא טוֹיזֶענְט מַאן פָאן פָאלְק יְהוּדָה. וְויא דֶער פֵיינְד אִיזְט צוּגֶעקָאמֶען שְׁטְרַייטֶען מִיט יְהוּדָה, זֶענֶען יְהוּדָה-׳ס מֶענְשֶׁען פָאן אִיהְם אֶנְטְלוֹיפֶען, מַחֲמַת וָואס זַייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען פַאר דֶעם פֵיינְד. נָאר אַכְט הוּנְדֶערְט מַאן דִיא גְרֶעסְטֶע גִבּוֹרִים, זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען בֵּייא יְהוּדָה. דֶער (בְּקִירוּס) הָאט אֵיינְגֶעטְהֵיילְט זַיין מַחֲנֶה, אִין צְווֵייא טְהֵייל, פִינְפְצֶען טוֹיזֶענְט מַאן הָאבֶּען גֶעשְׁטְרִיטֶען מִיט יְהוּדָה, אַן זַיינֶע רַאכְטֶע זַייט, אוּנְד פִינְפְצֶען טוֹיזֶענְט, אַן זַיינֶע לִינְקֶע זַייט. הָאט יְהוּדָה גִיזֶעהְן דַאס עֶר אִיזְט אַרוּם גֶענָאמֶען פָאן בֵּיידֶע זַייטֶען, אוּנְד (דֶער רוֹב) פָאן זַיינֶע שְׁטְרַייט מֶענְשֶׁען הָאבֶּען זִיךְ פָאן אִיהְם אֶנְטְפֶערְנְט. אַזוֹ הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען, דַאס עֶר אִין אֵיין גֶעפַאהְר אִיזְט. הָאט עֶר גֶעזָאגְט, דָאס וֶוערְדֶע אִיךְ נִיכְט טָאהְן, צוּ עֶנְטְלוֹיפֶען פַאר דֶעם פֵיינְד. נָאר בֶּעפָאהְר וָואס אִיךְ שְׁטַארְבּ, וֶועל אִיךְ מֵיין שְׁוֶוערְט אָנְזֶעטִיגֶען מִיט דֶעם בְּלוּט פָאן דִיא דָאזִיגֶע טְמֵאִים. יְהוּדָה הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דַאס (בְּקִירוּס) שְׁטֶעהְט אַן דִיא רַאכְטֶע זַייט פָאן אִיהְם. אִיזְט יְהוּדָה מִיט אַטְהֵייל פָאן זַיינֶע מֶענְשֶׁען צוּגֶעלוֹיפֶען צוּ (בְּקִירוּס) מִיט גְרָאס שְׁטָארֶעם, אוּנְד הָאבֶּען מִיט אִיהְם פָארְכְטְבַּאר גֶעשְׁטְרִיטֶען. הָאט יְהוּדָה דַאמַאהְלְס

פָאן זַייא עֶרְשְׁלַאגֶען צְוַוייא טױזֶענְט מַאן. אוּנְד ווִיא יְהוּדָה הָאט פָאן ווַייטֶען עֶרְזֶעהְן דֶעם (בְּקִירוּס), אִיזְט יְהוּדָה צוּ אִיהְם צוּגֶעלוֹיפֶען מִיט גְרָאס צָארֶען, אִין דִיא מִיטֶע פָאן לַאגֶער. דֶער בְּקִירוּס ווַאר אַבֶּער אַרוּם גֶענָאמֶען מִיט זַיינֶע גִבּוֹרִים פָאן אַלְלֶע זַייטֶען, אַזוֹ הָאט יְהוּדָה אַנְגֶעפַאנְגֶען צוּ עֶרְשְׁלַאגֶען פָאן זַיינֶע גִבּוֹרִים, לִינְקְס, אוּנְד רַאכְטְ-ס, אוּנְד רִיקְווֶערְץ, אוּנְד ווֶער עֶס הָאט ווָאלְלֶען צוּ אִיהְם צוּ קָאמֶען, הָאט עֶר דוּרְךְ גֶעשְׁפַּאלְטֶען אִין צְוַוייא. עֶס ווַאר אַזוֹ פִיעל עֶרְשְׁלָאגִינֶע, ווָאס דֶער גַאנְצֶער פוּסְבָּאדֶען ווַאר פַארְדֶעקְט מִיט דִיא עֶרְשְׁלָאגִינֶע (מֵתִים). אוּנְד יְהוּדָה הָאט גֶעמוּזְט אוֹיף דִיא טוֹהְטֶע קֶערְפֶּער גֶעהְן. בִּיז יְהוּדָה אִיזְט נַאהֶע גֶעקָאמֶען צוּ (בְּקִירוּס). הָאט בְּקִירוּס גִיזֶעהְן דָאס גֶעשְׁטַאלְט פָאן יְהוּדָה, ווַאר אַזוֹ ווִיא דָאס גֶעשְׁטַאלְט פָאן אֵיינֶען פַארְווִילְדִיטֶען לֶעווֶע, עֶס ווַאר פָארְכְטְבַּאר אִיהְם אַנְצוּשׁוֹיעֶן, אוּנְד זַיין שְׁווֶערְט ווַאר פַארְדֶעקְט מִיט בְּלוּט. אַזוֹ הָאט זִיךְ בְּקִירוּס אָמְגֶיקֶעהְרְט, אוּנְד אִיזְט עֶנְטְלוֹיפֶען פַאר יְהוּדָה, אוֹיף דֶעם ווֶעג פָאן (אַשְׁדוֹד). הָאט יְהוּדָה מִיט זַיינֶע מֶענְשֶׁן אִיהְם נָאכְ-גֶעיָאגְט, אוּנְד בֵּיים נָאכְיָאגֶען, הָאט עֶר קֵיין אֵיינְצִיגֶען פָאן דִיא פִינְפְצֶען טוֹיזֶענְט מַאן לֶעהֶבֶּן גֶעלַאסֶען, נָאר בְּלוֹים ווָאס בְּקִירוּס אַלֵיין, הָאט זִיךְ פַארְבָּארְגֶען אִין שְׁטָאט (אַשְׁדוֹד). אוּנְד דִיא צְווַייטֶע פִינְפְצֶען טוֹיזֶענְט מַאן פָאן בְּקִירוּס, זֶענֶען נָאךְ גֶעלוֹיפֶען יְהוּדָה רִיקְווֶערְץ,

הָאבֶּען זַייא דֶעם יְהוּדָה גֶעטְרָאפֶּען בַּייא דִיא שְׁטָאט (אַשְׁדוֹד) זָעהְר עֶרְמִידֶעט. אוּנְד בְּקִירוּס אִיזְט פָאן שְׁטָאט גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע מֶענְשֶׁן, אוּנְד הַאבֶּען אַנְגֶעפַאנְגֶען אָפְּסְנֵייא צוּ שְׁטְרֵייטֶען מִיט יְהוּדָה. הָאט יְהוּדָה זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט אַלְלֶע קְרֶאפְטֶע אוּנְד הָאט נָאךְ פִיעֶל עֶרְשְׁלַאגֶען פָאן זַייא. אוּנְד יְהוּדָה דֶער גִבּוֹר, אוּנְד מָשִׁיחַ מִלְחָמָה, אִיזְט דַאמַאהְלְס אוֹיךְ גֶעפַאלְלֶען אִין דִיא שְׁלַאכְט. הָאבֶּען אִיהְם גֶענָאמֶען זַיינֶע צְוַייא בְּרוּדֶער, שִׁמְעוֹן, אוּנְד יוֹנָתָן, אוּנְד הָאבֶּען אִיהְם גִיבְּרֶענְגְט אוֹיף דֶעם בַּארְג (הַמוֹדָעוֹת)· הָאט מֶען אִיהְם דָארְט קוֹבֵר גִיוֶועזִין, בַּייא זַיינֶע עֶלְטֶערִין (בְּכָבוֹד גָדוֹל). אוּנְד אַלְלֶע יוּדֶען הָאבֶּען אִיהְם שְׁטַארְק בֶּעוַויינְט פִיעֶל טֶעג.

יהודה האט גיהערשט זיבען יאהר.

פרק י"ג.

אִין דִיזֶען פֶּרֶק וֶוערְד עֶרְצֶעהְלְט וָואס הָאט זִיךְ פַּאסִירְט מִיט דִיא יוּדֶען נָאךְ דָאס שְׁטַארְבֶּען פָאן יְהוּדָה.

(א)

נָאךְ דֶעם וָואס יְהוּדָה אִיזְט גֶעשְׁטָארְבֶּען, הָאט זַיין בְּרוּדֶער (יְהוֹנָתָן) אִיבֶּערְנָאמֶען דָאס הֶערְשַׁאפְט פָאן זַיין בְּרוּדֶער, מִיט דֶען עֶרְלוֹיבְּנִים פָאן דִיא זְקֵנִים פָאן יְרוּשָׁלַיִם. אַכְט יָאהְר הָאט עֶר גִיהֶערְשְׁט אִיבֶּער דִיא יוּדֶען: אֵיינְמָאהְל אִיזְט יְהוֹנָתָן מִיט זַיין בְּרוּדֶער שִׁמְעוֹן גֶעגַאנְגֶען מִיט וֵוינְצִיג פָאלְק צוּ דֶעם וַואסֶער

פָאן יַרְדֵן. אִיזְט פְלֶעטְצְלִיךְ אוֹיף אִיהְם אַנְגֶעקָאמֶען דֶער אַנְפִירֶער (בַּקִירוּס) פָאן דִיא מַקְדוֹנִים, מִיט זֶעהְר פִיעֶל פָאלְק. אוּנְד הָאט גֶעדְרֶענְקְט דֶעם יְהוֹנָתָן מִיט זַיינֶע מֶענְשֶׁן צוּ דַאס וַואסֶער פָאן יַרְדֵן. אַזוֹ אִיזְט יְהוֹנָתָן מִיט זַיינֶע מֶענְשֶׁן דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען אִיבֶּער דַאס וַואסֶער. אִיזְט בַּקִירוּס אִיהְם נַאךְ גֶעקָאמֶען, מִיט זַיין גַאנְץ הֶעעֶר. אוּנְד הַאט אַנְגֶעפַאנְגֶען מִיט אִיהְם צוּ שְׁטְרַייטֶען פָאן אַלְלֶע זַייטֶען. הָאט יְהוֹנָתָן דוּרְךְ גֶעשְׁלַאגֶען דַאס פָאלְק וָואס וַוארֶען אַן זַיינֶע רַאכְטֶע זַייט, אוּנְד אִיזְט עֶנְטְלוֹיפֶען וָוארְדֶען אִין דִיא שְׁטָאט (בְּאֵר שֶׁבַע), וָואס וַואר בֵּייא דִיא וִויסְטֶע, אוּנְד הָאט בִּיפֶעסְטִיגְט דִיא שְׁטָאט פַאר דֶעם פֵיינְד. אַזוֹ וַואר יְהוֹנָתָן מִיט זַיין בְּרוּדֶער שִׁמְעוֹן מִיט זַיינֶע מֶענְשֶׁן פַאר-שְׁלָאסֶען אִין דִיא שְׁטָאט: (בַּקִירוּס) הָאט בֶּעלַאגֶערְט דִיא שְׁטָאט פִיעֶל טֶעג: הָאט שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט צוּ זַיין בְּרוּדֶער יְהוֹנָתָן, וִויא לַאנְג נָאךְ וֶועלִין מִיר אַזוֹ לֶעהֶבֶּען אִין צַעַר? אִיזְט דֶען נִישְׁט בֶּעסֶער פָאן דִיא שְׁטָאט צוּ גֶעהֶען צוּ שְׁטְרַייטֶען מִיט דֶעם פֵיינְד. אוּנְד וֶוען מִיר זָאלִין אֲפִילוּ גֶעטֵייט וֶוערְדֶען, זֶענֶען דֶען מִיר בֶּעסֶער פָאן אוּנְזֶער בְּרוּדֶר יְהוּדָה, וָואס אִיזְט גֶעטֵייט וָוארְדֶן אִין דִיא שְׁטְרַייט, פִיר קִידוּשׁ הַשֵׁם וֶועגֶען? אִיזְט יְהוֹנָתָן בֵּייא נַאכְט פָאן דִיא שְׁטָאט גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע מֶענְשֶׁן, אוּנְד הָאט צֶערְשְׁלַאגֶען דַאס גִיצֶעלְט פָאן (בַּקִירוּס). אוּנְד הָאט אוֹיךְ עֶרְשְׁלַאגֶען דִיא גְרֶעסְטֶע

גִבּוֹרִים וָואס וַוארֶען מִיט (בְּקִירוּס): נָאךְ דֶעם הָאט שִׁמְעוֹן גִיעֶפֶּנְט דַאס טוֹהר פָאן שְׁטָאט. אוּנְד אִיזְט פְלֶעטְצְלִיךְ בֶּעפַאלְלֶען דֶעם פֵיינְד, הָאט עֶר זֶעהְר פִיעֶל פָאן זֵייא עֶרְשְׁלַאגֶען: אִיזְט (בְּקִירוּס) עֶנְטְלוֹיפֶען אִין דִיא וִויסְטֶע, הָאבֶּען אִיהְם יְהוֹנָתָן מִיט שִׁמְעוֹן נַאכְ־גֶעיָאגְט, אוּנְד הָאבֶּען אִיהְם גֶעפַאנְגֶען. הָאט דֶער בְּקִירוּס זֶעהְר שְׁטַארְק גִיבֶּעטֶען, אִיהְם נִישְׁט צוּ טֵייטֶען. דַאפִיר וֶוערְדֶע אִיךְ דִיא אַלְלֶע גֶעפַאנְגִינֶע פָאן עֶנְקֶערֶע יוּדֶן פְרֵייא לַאסֶען. אוּנְד הָאט אוֹיף דִיזֶען צוּגֶעשְׁווארֶען, הָאבֶּן זֵייא אִיהְם פְרֵייא גֶעלַאסֶען:

פָאן דִיא אַלְלֶע פֵיינְדֶע פָאן דַאס פָאלְק (מוּקְדוֹן), אִיזְט נָאךְ אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען, דֶער מֶלֶךְ (אַנְטִיוּכוּס הַשֵּׁנִי), וָואס הָאט זֶעהְר גֶעהַאסְט דַאס פָאלְק פָאן יְהוּדָה. אוּנְד עֶר הָאט זִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶען צוּ פַארְטִילְלִיגֶען דַאס גַאנְצֶע פָאלְק פָאן יְהוּדָה. דַאס עֶס זָאל נִישְׁט מֶעהְר גִידֶענְקְט וֶוערְדֶען דֶער נַאמֶען יוּד: אִיזְט דֶער (אַנְטִיוּכוּס) גֶעקָאמֶען אִין דַאס לַאנְד יְהוּדָה מִיט זֶעהְר פִיעֶל פָאלְק: וִויא יְהוֹנָתָן הָאט פָאן דִיזֶען עֶרְפַאהְרֶען, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט זֵיין בְּרוּדֶער שִׁמְעוֹן, מִיט אִיהְם צוּ שְׁטְרֵייטֶען. שִׁמְעוֹן הָאט מִיט זִיךְ מִיט גֶענָאמֶען זֵיינֶע צְוֵוייא זֶאהְנֶע. אוּנְד הָאט אֵיינְגֶעטְהֵיילְט דַאס פָאלְק פָאן אִיהְם, אִין צְוֵוייא טְהֵיילֶע. אֵיין טְהֵייל הָאט עֶר מִיט זִיךְ מִיט גֶענָאמֶען, אוּנְד דַאס צְוֵוייטֶע טְהֵייל הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעבֶּן זֵיינֶע קִינְדֶער. הָאבֶּן זֵייא אַנְגֶעפַאנְגֶען

צוּ שְׁטְרֵייטֶען מִיט דֶעם פֵיינְד פָאן צְוֵוייא זֵייטֶען. אוּנְד
הָאבֶּען אַזוֹ לַאנְג גֶעשְׁלַאגֶען דֶען פֵיינְד, בִּיז עֶס אִיזְט
נִישְׁט פָאן אַלְלֶע עֶפֶּעס אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּן. אוֹיסֶער דֶער
אַנְטִיוּכוּס מִיט נָאךְ צְוֵוייא רִיטְטֶער. וָואס זֶענֶען עֶנְטְ-
לוֹיפֶען וָוארְדֶען; נָאךְ דִיא שְׁלַאכְט אִיזְט שִׁמְעוֹן צוּרִיק
גֶעקָאמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם. אִיזְט יְהוֹנָתָן מִיט אַלְלֶע
גְרָאסֶע לֵייט פָאן שְׁטָאט אִיהְם עֶנְטְגֶעגֶען גֶעגַאנְגֶען,
מִיט גְרָאס לוֹיבּ, אוּנְד גֶעזַאנְג, וָואס הָאבֶּען גֶעלוֹיבְּט
גָ׳; אוּנְד אַזוֹ לַאנְג וָואס יְהוֹנָתָן הָאט רֶעגִירְט, וַואר
דִיא יוּדֶן זֶעהְר גוּט, וָואס הָאבֶּען מְנוּחָה גֶעהַאבְּט פָאן
אַלְלֶע זֵייעֶרֶע פֵיינְדֶע:

וִויא יְהוֹנָתָן הָאט גִיזֶעהְן דָאס גָ׳ הָאט זֵייא
גִיזֶעגֶענְט מִיט פְרִיעֶד, הָאט עֶר עֶרְוֶועהְלְט פָאן פָאלְק
אֵיינִיגֶע חֲשִׁיבָה לֵייט, וָואס הָאט זֵייא גֶעשִׁיקְט קֵיין
(רָאם) צוּ בִּיפֶעסְטִיגֶען דֶעם בּוּנְד וָואס זֵיין בְּרוּדֶער
יְהוּדָה הָאט מִיט זֵייא גֶעשְׁלָאסֶען. וִויא דִיא מַאנֶען
זֶענֶען גֶעקָאמֶען פַאר דִיא זְקֵנִים פָאן (רָאם), הָאט מֶען
זֵייא דָארְט עֶמְפְּפַאנְגֶען מִיט גְרָאס כָּבוֹד, אוּנְד דֶער
שָׁלוֹם אִיזְט אוֹיפְסְנֵייא בֶּעשְׁלָאסֶען וָוארְדֶען.

צְוִוישֶׁען דָאס פָאלְק (מוּקְדוֹן), וַואר אֵיין אַנְפִירֶער,
וָואס זֵיין נַאמֶען וַואר (טְרִיפוֹן), הָאט עֶר זִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶען
מוֹרֵד צוּ זֵיין אַן זֵיין קֶענִיג (אַנְטִיוּכוּס), כְּדֵי עֶר זָאל
שְׁטָאטְץ אִיהְם קִינִיגֶען. עֶר הָאט אָבֶּער זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען
פַאר יְהוֹנָתָן, דַאס עֶר זָאל נִישְׁט זֵיין דֶער הִינְדֶערֶער

צוּ דִיא זַאךְ, וָואס עֶר וִויל אוֹיסְפִּיהְרֶען. אַזוֹ הָאט דֶער (טְרִיפוֹן) גֶעטְרַאכְט פַאר אַלְלֶען צוּ טֵייטֶען דֶעם יְהוֹנָתָן. אִיזְט עֶר גֶעקָאמֶען מִיט פִיעֶל פָאלְק אִין דִיא שְׁטָאט (בֵּית שְׁאָן). אִיזְט יְהוֹנָתָן אִיהְם עֶנְטְגֶעגֶען גֶעקָאמֶען מִיט פִירְצִיג טוֹיזֶענְט מַאן. הָאט טְרִיפוֹן זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען פַאר יְהוֹנָתָן, מִיט אִיהְם צוּ שְׁטְרֵייטֶען. נָאר עֶר אִיזְט זֶעלְבְּסְט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ יְהוֹנָתָן מִיט גְרָאס פְרֵיינְדְשַׁאפְט, אוּנְד הָאט אִיהְם זֶעהְר גֶעלוֹיבְּט פַאר זֵיין גַאנְץ פָאלְק, אוּנְד הָאט אִיהְם גְרָאסֶע גִישֶׁענְקֶע גִיגֶעבֶּען. דַאן הָאט עֶר אֵיין בִּיפֶעהְל גִיגֶעבֶּען צוּ זֵיין פָאלְק, דַאס אַלְלֶע זָאלְלֶען זֵיין, זֶעהְר גֶעהָארְזַאם, צוּ אַלְלֶעס וָואס יְהוֹנָתָן דֶער אַנְפִירֶער פָאן דִיא יוּדֶען וֶוערְד זֵייא גֶעבִּיטֶען. נָאךְ דֶעם הָאט טְרִיפוֹן גֶעזָאגְט צוּ יְהוֹנָתָן, צוּ וָואס טוּסְט דִיא בֶּעמִיהֶען אַזוֹ פִיעֶל פָאלְק וָואס מִיט דִיר אִיזְט. פַארְוָואהְר מִיר הָאבֶּען דָאךְ פְרִיעֶדֶען אֵיינֶער מִיט דֶען אַנְדֶערֶען. אַזוֹ אִיזְט מֵיין רַאטְה, דַאס זָאלְסְט דֵיין פָאלְק פְרֵייא שִׁיקֶען, אוּנְד דִיא מִיט נָאךְ אֵייניגֶע מֶענְשֶׁן, טוּט מִיט מִיר גֶעהְן אִין דִיא שְׁטָאט (עַכּוֹ), אַזוֹ וֶועל אִיךְ דִיר אִיבֶּערְגֶעבֶּען דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט, מִיט אַלְלֶע פֶעסְטוּנְגֶען וָואס דָארְט אִיזְט. אוּנְד אוֹיךְ דָאס גַאנְצֶע מִילִיטֶער וָואס דָארְט אִיזְט, וֶועל אִיךְ דִיר אִיבֶּער-עֶנְפֶערְן. הָאט יְהוֹנָתָן אִיהְם גֶעגְלוֹיבְּט, וָואס הָאט זֵיין פָאלְק פָאן זִיךְ אַוֶועק גֶעשִׁיקְט, עֶס אִיזְט נִישְׁט מֶעהְר בֵּייא אִיהְם גֶעבְּלִיבֶּען וִויא דְרֵייא טוֹיזֶענְט מַאן. אוּנְד

פָאן דִיא דְרַייא טױזֶענְט מַאן, הָאט עֶר צְווייא טױזֶענְט
גֶעשִׁיקְט קַיין (גָלִיל), אוּנְד טױזֶענְט מַאן זֶענֶען מִיט אִיהְם
מִיט גֶעגַאנְגֶען. ווִיא זַייא זֶענֶען גֶעקָאמֶען אִין דִיא
שְׁטָאט (עַכּוֹ), הָאט טְרִיפוֹן גֶעלָאזְט פַארְשְׁלִיסֶען אַלֶע
טוֹהְרֶען פָאן שְׁטָאט. דַאן הָאט עֶר לַאסֶען דִיא אַלֶע
טױזֶענְט מַאן עֶרְשְׁלַאגֶען. אוּנְד יְהוֹנָתָן הָאט עֶר גֶעשְׁלָאסֶען
אִין קֶעטֶטֶען, אִיזְט עֶר גֶעבְּלִיבֶּען בַּייא אִיהְם
גֶעפַאנְגֶען: ווִיא דִיא זַאךְ אִיזְט בֶּעוואוּסְט ווָארְדֶען בַּייא
דִיא יוּדֶען, דַאס יְהוֹנָתָן אִיזְט גֶעפַאנְגֶען ווָארְדֶען, הָאט
דָאס גַאנְצֶע פָאלְק דַארִיבֶּער זֶעהְר שְׁטַארְק גֶעטְרוֹיעֶרְט,
אוּנְד עֶס ווַאר אַיין גְרָאס שְׁרֶעק בַּייא אַלֶע יוּדֶען.

(ב)

ווִיא שִׁמְעוֹן דֶער בְּרוּדֶער פָאן יְהוֹנָתָן הָאט
עֶרְפַאהְרֶען, דַאס טְרִיפוֹן הָאט אֵיינְגֶעזַאמֶעלְט פִיעֶל
פָאלְק, צוּ קָאמֶען שְׁטְרַייטֶען מִיט דָאס פָאלְק פָאן
יְהוּדָה, אִיזְט עֶר גֶעקָאמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם, אוּנְד הָאט
לַאסֶען אֵיינְזַאמְלֶען דָאס גַאנְצֶע פָאלְק, הָאט עֶר פַאר
זַייא גֶעזָאגְט. אִיהְר ווייסְט ווָאהְל ווָאס אִיךְ מִיט מֵיין
בְּרוּדֶער יְהוֹנָתָן, אוּנְד אוֹיךְ מֵיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע הָאבֶּען
גֶעשְׁטְרִיטֶען מִיט אוּנְזֶערֶע פֵיינְד, פִיר גָ-ם ווֶעגֶען,
אוּנְד פִיר זַיין תּוֹרָה ווֶעגֶען, אוּנְד פִיר דַאס בֵּית הַמִקְדָשׁ
ווֶעגֶען. יֶעצְט בִּין אִיךְ גַאנְץ אַלֵיין אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען,
פָאן אַלֶע מֵיינֶע בְּרוּדֶער. אִיזְט דָאס פַארְמִיטֶען פָאן
מִיר, צוּ ווֶעלֶען מֵיין לֶעהְבֶּען רֶעטְטֶען, אוּנְד אַייךְ

איבער צולאַסען, אַזוֹ וויא דיא שאָף אָהנע פאַסטער !. בין איך דען בעסער פאָן מיינע ברוּדער, וואס האָבען געאָפּפּערט זייער לעהבען פיר איירענט וועגען ? אַזוֹ איזט מיין בּעגעהר פאָן אייך, מיר צו איבערגעבען דאס העררשאַפט פאָן מיין ברוּדער, כדי מיך צו קענען ראַכנען דיא ראַכע פיר ג-ס וועגען, אונד פיר זיין בית המקדש וועגען. אונד אויך כדי צו רעטטען אונזערע ווייבער, אונד קינדער, פאָן דעם פיינד, וואס האָבען זיך פאַרזאַמעלט אָב צו מעקען אונזער נאַמען פאָן דיא וועלט. וויא דאס פאָלק האָבען פאַרנאָמען דיא רייד פאָן שמעון, האָבען אַללע געאַנטוואָרט, מיר טוהען צו דיזען איינוויללינגען, דאס שמעון זאל זיין דער אַנפיהרער שטאַטט זיין ברוּדער יהונתן. דאס ער זאל שטרייטען מיט אונזערע פיינד. אונד מיר וועלין אַללעס טוהען, וואס ער ווערד אונס געביטען : האט שמעון געלאָזט ביפעסטיגען דיא שטאט ירושלים. אונד (טריפון) האט אַוועק געצויגען פאָן שטאט (עכו) מיט זעהר פיעל פאָלק, צו קאמען אין דאס לאַנד פאָן יהודה. אונד האט מיט זיך מיט געפיהרט, דעם יהונתן געשלאָסען אין קעטטען. איזט שמעון מיט זיין פאָלק איהם ענטגעגען געגאַנגען. וויא טריפון האט ערפאַהרען דאס דיא יודען האָבען געמאַכט דעם שמעון פאַר דעם אַנפיהרער שטאַטט יהונתן, אונד ער קאמט מיט איהם צו שטרייטען. האט ער געשיקט שלוחים צו שמעון

אִיהְם צוּ זַאגֶען, דַאס דַאדוּרְךְ הָאט עֶר גֶענָאמֶען דֶעם
יְהוֹנָתָן גֶעפַאנְגֶען, װײַל עֶר הָאט אֵיינְמָאהְל אוֹיסְגֶערוֹיבְּט
דִיא אוֹצְרוֹת פָאן מֶלֶךְ. װֶוען דִיא װֶוערְסְט מִיר שִׁיקֶען
הוּנְדֶערְט צֶענְטֶער זִילְבֶּער, אוּנְד דִיא צְװֵייא קִינְדֶער
פָאן יְהוֹנָתָן פַאר אֵיין פְּפַאנְד. דַאס עֶר װֶוערְד אַן מִיר
נִישְׁט מוֹרֵד זַיין, אַזוֹ װֶועל אִיךְ אִיהְם פָאן מִיר פְרֵייא
שִׁיקֶען. שִׁמְעוֹן הָאט װָאהְל גֶעװוּסְט דָאס עֶר מֵיינְט עֶס
נִישְׁט עֶרְנְסְט. צוּ דָאךְ הָאט עֶר צוּ אִיהְם גֶעשִׁיקְט דָאס
אוֹיסְגֶעבָּאטֶענֶע זִילְבֶּער, מִיט דִיא צְװֵייא קִינְדֶער. כְּדֵי
דַאס פָאלְק זָאל נִישְׁט זָאגֶען, דָאס דוּרְךְ מִיר, אִיזְט
יְהוֹנָתָן גֶעטֵייט װָארְדֶען. אוּנְד נָאךְ דֶעם װָאס מֶען
הָאט שָׁאהְן אִיהְם דָאס גֶעשִׁיקְט, הָאט טְרִיפוֹן פַאר-
שְׁטֶעהְרְט זַיין פַארְזִיכֶערוּנְג, װָאס הָאט יְהוֹנָתָן נִישְׁט
פְרֵייא גֶעשִׁיקְט. אוּנְד הָאט װֵייטֶער גֶעצוֹיגֶען מִיט זַיין
גַאנְץ פָאלְק צוּ קָאמֶען אִין דָאס לַאנְד יְהוּדָה. אוּנְד
אוֹיף װֶועלְכֶען אָרְט װִיא דֶער טְרִיפוֹן אִיזְט גֶעגַאנְגֶען,
אִיזְט שִׁמְעוֹן אִיהְם נַאכְגֶעגַאנְגֶען. װִיא טְרִיפוֹן אִיזְט
גֶעקָאמֶען אִין דִיא שְׁטָאט (בֵּית שְׁאָן), הָאט עֶר דָארְט
גֶעטֵייט דֶעם יְהוֹנָתָן: אוּנְד פָאן דָארְט אִיזְט עֶר צוּרִיק
גֶעגַאנְגֶען אִין זַיין לַאנְד. הָאט שִׁמְעוֹן גֶעלָאזְט פָאן
דָארְט גֶענֶעמֶען דֶעם טוֹיטֶען קָארְפֶּער פָאן יְהוֹנָתָן, אוּנְד
הָאט אִיהְם גֶעבְּרַאכְט אוֹיף דֶעם בַּארְג (הַמוֹדָעוֹת),
הָאט מֶען אִיהְם דָארְט קוֹבֵר גִיװֶעזֶען, דָארְט װִיא
אַלֶע זֵיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גִילֶעגֶען: אוּנְד כָּל יִשְׂרָאֵל

הָאבֶּן זֶעהְר שְׁטַארק בֶּעוויינְט דֶעם יְהוֹנָתָן פִּיעֶל טֶעג:
אַזוֹ לַאנְג וָואס שִׁמְעוֹן הָאט רֶעגִירְט אִיבֶּער דַאס לַאנְד, וַואר שְׁטִילְשְׁטַאנְד פָאן שְׁטְרֵייטֶען: שִׁמְעוֹן הָאט זֶעהְר פִּיעֶל גוּטֶעס גֶעטוּהֶען צוּ דַאס גַאנְצֶע פָאלְק. דַאפִיר וַואר עֶר זֶעהְר בֶּעלִיעבְּט, אוּנְד גִישֶׁעצְט בַּיים פָאלְק: נָאךְ דֶעם הָאט שִׁמְעוֹן פַארְגְרֶעסֶערְט, דַאס לַאנְד פָאן יְהוּדָה, וָואס הָאט מֶעהְרֶערֶע פֶעלְקֶער בֶּעזִיעגְט. דִיא שְׁטָאט (יַפָּה), אוּנְד דִיא שְׁטָאט (גֶזֶר): הָאט זִיךְ דֶער גְרָאסֶער שֵׁם פָאן שִׁמְעוֹן פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט:
וִויא דִיא שָׂרִים פָאן (רָאם) הָאבֶּען עֶרְפַאהְרֶען, דַאס יְהוֹנָתָן אִיזְט גֶעטֵייט וָוארְדֶען, וַוארֶען זֵייא דַארִיבֶּער זֶעהְר טְרוֹירִיג. אוּנְד וִויא זֵייא הָאבֶּן וִוידֶער עֶרְפַאהְרֶען, דַאס זֵיין בְּרוּדֶער שִׁמְעוֹן הָאט אִיבֶּער נָאמֶען דַאס הֶערְשַׁאפְט פָאן יְהוֹנָתָן, הָאבֶּען זֵייא גֶעשִׁיקְט אֵיין בְּרִיף צוּ שִׁמְעוֹן, דַאס זֵייא וִוילֶען אוֹיפְּס-נֵייא מִיט אִיהְם בִּיפֶעסְטִיגֶען דֶען בּוּנְד, וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעהַאבְּט מִיט יְהוֹנָתָן, אוּנְד הָאבֶּען דֶען בּוּנְד, גֶעלָאזְט אוֹיסְקְרִיטְצֶען אוֹיף אֵיינֶע קוּפְּפֶערְנֶע בְּלַאךְ, דַאס מִיר טוּהֶען מִיט דִיר דֶעם שָׁלוֹם שְׁלִיסֶען, אַזוֹ וִויא מִיט דֵיין בְּרוּדֶער יְהוֹנָתָן: וִויא דִיא שְׁלוּחִים פָאן רָאם זֶענֶען גֶעקָאמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, הָאבֶּען זֵייא דִיא שְׁרִיפְט פָארְגֶעלֵיינְט פַאר דַאס גַאנְצֶע פָאלְק. הָאט שִׁמְעוֹן גֶעשִׁיקְט אֵיין מַאן קֵיין רָאם וָואס זֵיין נָאמֶען וַואר

נוּמִינִיוּס), דַאס עֶר זָאל פִיר זַיינֶעט וֶועגֶען, מִיט זַייא מוּנְדְלִיךְ דֶען בּוּנְד שְׁלִיסֶען. אוּנְד הָאט מִיט אִיהְם מִיט גֶעשִׁיקְט אֵיינֶען גָאלְדִינֶען פַאנְסְטֶער, וָואס הָאט גֶעווֹאהְגֶען טוֹיזֶענְט שְׁקָלִים. נָאךְ דִיזֶען הָאט דָאס גַאנְצֶע פָאלְק אֵיינְגֶעשְׁטִימְט, דַאס שִׁמְעוֹן זָאל פַארְבְּלַייבֶּען, דֶער כֹּהֵן גָדוֹל. אוּנְד אוֹיךְ דֶער רֶעגִירֶער אִיבֶּער כָּל יִשְׂרָאֵל.

(ג)

צוּ שִׁמְעוֹן וַואר אֵיין שְׁווִיגֶער זָאהְן, וָואס זַיין נַאמֶען וַואר (תַּלְמַי), עֶר וַואר גִיזֶעצְט פִּיר אֵיין הֶערְשֶׁער אִין דִיא שְׁטָאט (יְרִיחוֹ). עֶר וַואר זֶעהְר רֵייךְ מִיט פִיֶעל גָאלְד, אוּנְד זִילְבֶּער. הָאט דֶער שְׁטָאלְטְץ פָאן אִיהְם, אִיהְם גִיבְּרֶענְגְט, צוּ וֶועלִין זַיין דֶער הָארְשֶׁער אִיבֶּער דַאס גַאנְצֶע לַאנְד פָאן יְהוּדָה, שְׁטָאטְץ זַיין שְׁווִיגֶער פַאטֶער שִׁמְעוֹן, אוּנְד הָאט בִּישְׁטֶענְדִיגְט גֶעטְרַאכְט צוּ טֵייטֶען דֶעם שִׁמְעוֹן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער. וִויא עֶס וַואר הוּנְדֶערְט, זִיבֶּען אוּנְד זִיבְּצִיג יאהְר, פָאן דַאס (בִּנְיַן בֵּית הַשֵּׁנִי), אִין חוֹדֶש שְׁבַט, הָאט שִׁמְעוֹן דוּרְךְ גֶערֵייזְט, דַאס גַאנְצֶע לַאנְד יְהוּדָה, אִיזְט עֶר אוֹיךְ גֶעקָאמֶען אִין דִיא שְׁטָאט (יְרִיחוֹ), מִיט זַיינֶע צְווֵייא זָאהְנֶע (מַתִּתְיָהוּ. אוּנְד יְהוּדָה), הָאט זַיין שְׁווִיגֶער זָאהְן (תַּלְמַי) פִיר אִיהְם גֶעמַאכְט אֵיין מַאהְלְצַייט. אִין מִיטֶען דֶען עֶסֶען, הָאט עֶר אֵיין בִּיפֶעהְל גִיגֶעבֶּען זַיינֶע קְנַאכְט, צוּ עֶר-

מאָרדען

מָארְדֶען שִׁמְעוֹן, מִיט זַיינֶע צְוֵויא קִינְדֶער. אַזוֹ אִיזְט דֶער צַדִיק שִׁמְעוֹן מִיט זַיינֶע צְוֵויא קִינְדֶער, מִיט נָאךְ אֵייניגֶע קְנַאכְט פָּאן אִיהְם גַאנְץ אוּנְשׁוּלְדִיג גֶעטֵייט וָוארְדֶען. נָאךְ דֶעם הָאט (תַּלְמַי) צוּזַאמֶען גֶענָאמֶען פִיעֶל שְׁלַאכְטֶע מֶענְשֶׁן, אוּנְד הָאט זַייא פִיעֶל גֶעלְד גִיגֶעבֶּען דַאס זַייא זָאלִין מִיט אִיהְם הַאלְטֶען, דַאס עֶר זָאל בְּלֵייבֶּען דֶער רֶעגִירֶער אִיבֶּער דַאס לַאנְד. אוּנְד הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע גוּטֶע פְרֵיינְד אִין דִיא שְׁטָאט (גֶזֶר) צוּ עֶרְמָארְדֶען דֶען זָאהְן פָאן שִׁמְעוֹן, וָואס זַיין נַאמֶען וַואר (יוֹחָנָן). עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעשִׁיקְט פִיעֶל פָאלְק קֵיין יְרוּשָׁלַיִם צוּ בֶּעצְווינְגֶען דִיא שְׁטָאט מִיט קְרַאפְט: אִיזְט גֶעקָאמֶען אֵיין מַאן צוּ (יוֹחָנָן), אוּנְד הָאט אִיהְם עֶרְצֶעהְלְט, וָואס דֶער תַּלְמַי גֶעטוּהֶן הָאט צוּ זַיין פַאטֶער, אוּנְד צוּ זַיינֶע צְוֵויא בְּרוּדֶער. אוּנְד הָאט אִיהְם אוֹיךְ גֶעזַאגְט, דַאס עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט מֶענְשֶׁן דִיךְ צוּ טֵייטֶען: וְויא יוֹחָנָן הָאט פָאן דִיא שְׁלַאכְטֶע בְּשׂוּרָה עֶרְפַאהְרֶען, הָאט אִיהְם בֶּעגַרְפֶען אֵיין גְרָאס צִיטֶערְנִים. דִיא מַאנֶען וָואס זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקָאמֶן אִיהְם צוּ טֵייטֶען, הָאט עֶר זַייא גֶעהָאזט טֵייטֶען:

נָאךְ דִיזֶען הָאט תַּלְמַי גֶעפַאנְגֶען שִׁמְעוֹן'ס צְוֵויא זָאהְנֶע, דֶער עֶלְטֶערֶער הָאט גֶעהֵייסֶען (הוֹרְקָנוּס), אוּנְד דֶער צְוֵויטֶער (יוֹחָנָן), (הוֹרְקָנוּס) הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעטֵייט, אוּנְד יוֹחָנָן אִיזְט עֶנְטְלוֹיפֶען וָוארְדֶען, אִין דִיא שְׁטָאט (עֲזָתָה). הָאט אִיהְם תַּלְמַי נָאכְגֶעיָאגְט, אִיזְט

ער פָאן דָארט ווייטער ענטלויפֶען אין דיא שְׁטָאט (רגינה): אונד דָארט הָאבען איהם דיא זְקֵנים מיט דיא כֹּהֲנים, געמאכט פאר דעם הערשער, שְׁטָאטץ זיין פאטער שִׁמְעוֹן. אונד הָאבען איהם גערופען מיט דעם נאמען (הוֹרְקָנוֹס): נָאך דעם הָאט דער (הוֹרְקָנוֹס) צוזאמען גענָאמען פיעל פָאלק צו שְׁטְרייטען מיט זיין שְׁוואגער (תַּלְמִי). הָאט ער איהם בעזיעגט. איזט תַּלְמִי געלויפען אין דיא שְׁטָאט (רגינה) אונד הָאט זיך דָארט פארשלָאסען. הָאט (הוֹרְקָנוֹס) בעלאגערט דיא שְׁטָאט, הָאט ער געלָאזט אויפשיטען גרָאסע שאנצען, אונד הָאט לאסען ברענגען דיא אייזערנע ווידער, צוקענען מיט זייא איינבראבען דיא מויער פָאן שְׁטָאט. וויא מען הָאט אנגעפאנגען דיא מויער צו בָאמבארדירען מיט דיא אייזערנע ווידער, הָאט תַּלְמִי גיזעהן דאס דיא שְׁטָאט ווערד באלד איבער ענטפערט ווערן אין דיא האנד פָאן (הוֹרְקָנוֹס). הָאט ער גענָאמען זיינע שְׁווִיגער מוטער, דיא מוטער פָאן הוֹרְקָנוֹס, אונד זיינע פרויא דיא שְׁוועסטער פָאן הוֹרְקָנוֹס, הָאט ער זייא געלָאזט הערויף פיהרען געשלָאסען אויף דיא מויער, אונד הָאט זייא דָארט געלָאזט שלאגען, מיט אונערבארמיגע שלעק, פאר דיא אויגען פָאן (הוֹרְקָנוֹס): וויא הוֹרְקָנוֹס הָאט דָאס גיזעהן, הָאט ער אנגעפאנגען זעהר צו וויינען. אונד הָאט געשריען צו זיינע מוטער, אונד צו זיינע שְׁוועסטער, פיר איירענט וועגען וועל

איך אויף הערן צו שטרייטען אויף דיא שטאט: אונד האט שאהן איין בּיפעהל גיגעבּען אויף צוהערן פאן שטרייטען. האט זיינע מוטער פארשפּרייט איהרע הענד קענען איהר זאהן הורקנוס, אונד האט צו איהם גיזאגט, מיין זאהן, עס איזט נישט אצינד דיא צייט, צו בּעווייזען רחמנות. נאר פארקעהרט, צו שטרייטען מיט גראס אכזריות, אונד מיט גראס טאפּפערקייט, כּדי דיך צו שטארקען קענען דיין פיינד, דער אכזר וואס האט גיפעלשט אן זיין ווייבּ, אונד אן מיר. אונד אן דיא קינדער פאן דיין פאטער. וויסט דיא דען נישט דאס ער לאקערט אויף דיין נפש, דיך צו ערמארדען, אזו וויא ער ערמארדעט האט דיין פאטער, אונד דיינע בּרודער? נאר דער ערבּארמיגער ג׳ האט דיך גירעטעט פאן זיין האנד. אצינד זעהע נאר וויא ער טוט האנדלען קענען זיינע שוויגער מוטער, אונד קענען זיין ווייבּ, פאר דיא אויגען פאן אללע מענשען. אויף וואס האבּ איך אצינד שאהן צו האפען. ווערדען דען מיינע קינדער צוריק לעבּענדיג ווערדען? וואס דער אכזר ערשלאגען האט, גאנץ אונשולדיג. איבּער דעם מיין קינד. נישט וועגען ערבּארמקייט, האבּן דיך דיא לייט פאן ירושלים דא אהער געשיקט, ניין! נאר כּדי דאס דיא זאלסט דיך ראכנען, דיא ראכע פאן דיין ג׳ זעליגען פאטער, אונד דיא ראכע פאן דיינע בּרודער. אזו זעהע מיין קינד, נישט פריער פאן דאנען צו

גֶעהֶען, בִּיז דִיא װֶערְסְט הָאבֶּען דִיא שְׁטָאט אֵיינְגֶע-נָאמֶען, כְּדֵי אֵיינֶע נְקָמָה צוּ טוּהֶען אַן דֶען אַלְקָאפְ-טִיגֶען מֶענְשׁ. אוּנְד װֶען אֲפִילוּ דַאס אִיךְ װֶעל אוֹיךְ גֶעטֵייט װֶערְדֶען, װֶעל אִיךְ דָאךְ פְרֵיילִיךְ זֵיין, װֵייל דוּרְךְ מֵיין טוֹיט װֶערְסְט קֶענֶען אֵיינֶע נְקָמָה טוּהֶען אַן אִיהְם. אַצִינְד מֵיין קִינְד, װֶען דִיא װִילְסְט מְקַיֵים זֵיין דִיא מִצְוָה פָאן (כִּבּוּד אֵם), אוּנְד װִילְסְט מִיר בֶּע-װֵייזֶען דֵיין לִיבְּשַׁאפְט. אַזוֹ זָאלְסְט דִיא מִיךְ הָארְכֶען, קֵיין שׁוּם רַחֲמָנוּת צוּ הָאבֶּען אוֹיף מִיר. נָאר שְׁטַארְק אוּנְד פֶעסְטִיג דִיךְ, צוּ שְׁטְרֵייטֶען מִיט דֶען דָאזִיגֶען פֵיינְד, בִּיז דִיא װֶערְסְט דִיא מוֹיעֶר פָאן שְׁטָאט אֵיינְ-בְּרַאכֶען, אוּנְד אֵיינֶע נְקָמָה צוּ טוּהֶען אַן אִיהְם, װֶעגֶען דֶעם טוֹיט פָאן דֵיין פַאטֶער, אוּנְד דֵיינֶע טְהֵייעֶרֶע בְּרוּדֶער: װֶעגֶען דַאס רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, דַארְפְסְט נָאךְ נִישְׁט צוּ פַארְגֶעסֶען אַן דֶען אוּנְשׁוּלְדִיגֶען טוֹיט פָאן דֵיין פַאטֶר אוּנְד בְּרוּדֶער? דִיא קָאנְסְט דִיךְ נָאךְ שׁוּלְדִיג מַאכֶען בֵּייא גָ', װֶען דִיא װֶערְסְט אַן אִיהְם קֵיין נְקָמָה טוּהֶען:

װִיא (הוֹרְקָנוּס) הָאט גִיהֶערְט דִיא רֵייד פָאן זֵיינֶע מוּטֶער, הָאט עֶר אַנְגֶעפַאנְגֶען זֶעהר שְׁטַארְק צוּ װֵיינֶען. אוּנְד אוֹיךְ אַלֶע זֵיינֶע מֶענְשֶׁן הָאבֶּען מִיט גֶעװֵיינְט. אִיזְט עֶר עֶרְפִילְלְט װָארְדֶען מִיט גְרָאס צָארֶען, אוּנְד הָאט אֵיין בִּיפֶעהְל גִיגֶעבֶּען אוֹיפְסְנֵייא אַנְצוּפַאנְגֶען צוּ עֶרְשְׁטָארְמֶען דִיא שְׁטָאט. װִיא מֶען הָאט דִיא מוֹיעֶר

פָאן אֵיינֶען גְרָאסֶען טָארֶעם גֶעשְׁלַאגֶען, מִיט דֶעם אֵייזֶערְנֶען ווִידֶער. הָאט שָׁאהְן זָאלְלֶען דִיא מוֹיעֶר צוּזַאמֶען פַאלְלֶען. הָאט תַּלְמִי הֶערוֹיף גֶענָאמֶען הוֹרְקְנוֹס מוּטֶער מִיט זֵיינֶע שְׁווֶעסְטֶער, אוּנְד הָאט זֵייא אוֹיף דֶעם טָארֶעם אַרוֹיף גִישְׁטֶעלְט. אוּנְד מֶען הָאט בֵּיידֶע גֶעשְׁלַאגֶען מִיט פָארְכְטְבַּארֶע שְׁלֶעק. הָאט תַּלְמִי צוּ אִיהְם הֶערַאבּ גֶעשְׁרִיגֶען, ווֶען דִיא ווֶערְסְט נִישְׁט אוֹיף הֶערֶן דִיא מוֹיעֶר צוּ שְׁלַאגֶען. אַזוֹ ווֶערְדֶע אִיךְ דֵיינֶע מוּטֶער אוּנְד שְׁווֶעסְטֶער פָאן דִיזֶען טָארֶעם הֶערוּנְטֶער ווַארְפֶען צוּ דִיא עֶרְד. ווִיא הוֹרְקְנוֹס הָאט ווִידֶער גִיזֶעהְן דִיא פֵּיין פָאן זֵיינֶע מוּטֶער, הָאט עֶר ווִידֶער אַנְגֶעפַאנְגֶען שְׁטַארְק צוּ ווֵיינֶען, ווֵייל דָאס רַחֲמָנוּת הָאט אִיהְם אִיבֶּערְנָאמֶען. הָאט זֵיינֶע מוּטֶער צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, מֵיין קִינְד הָאבּ יֶעצְט גָאר קֵיין רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, נָאר שְׁטְרֵייט דֵיין שְׁטְרֵייט בִּיז דִיא ווֶערְסְט בֶּעצְווִינְגֶען דֶעם פֵּיינְד. דָאס דָאזִיגֶע ווַאר אַזוֹ אֵיינִיגֶע מָאהְל, יֶעדֶעם מָאהְל ווָאס זִיא הָאט אִיהְם עֶרְמַאנְט אַן דֶען אָנְשׁוּלְדִיגֶען טוֹהְט פָאן זֵיין פַאטֶער אוּנְד בְּרוּדֶער, אִיז עֶר עֶרְפִילְלְט ווָארְדֶען מִיט צָארֶען, דִיא שְׁטָאט אֵיינְצוּנֶעמֶען, כְּדֵי אֵיינֶע נְקָמָה צוּ טוּהֶען אַן דֶען שַׁאלְקְאַפְטִיגֶען מֶענְשׁ. אוּנְד ווִיא עֶר הָאט ווִידֶער גִיזֶעהְן דִיא אָנֶערְבַּארְמִיגֶע פֵּיין פָאן זֵיינֶע מוּטֶער, הָאט אִיהְם דָאס רַחֲמָנוּת צוּרִיק גֶעהַאלְטֶען פָאן שְׁטְרֵייטֶען. עֶר הָאט זֶעלְבְּסְט נִישְׁט גֶעווּיסְט ווָאס צוּ טוּהֶען. בִּיז אַם עֶנְדֶע הָאט עֶר גֶעזָאגְט,

מֵיין גֶעוִויסֶען קָאן דָאס נִישְׁט אוֹיסְטְרַאגֶען, צוּ צוּזֶעהְן דִיא פֵּיין פָאן מֵיינֶע מוּטֶער, וֶועל אִיךְ דֶען מֵיין פַאטֶער אוּנְד בְּרוּדֶער צוּרִיק לֶעבֶּענְדִיג מַאכֶען? בִּיז עֶר הָאט זִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶען פָאן דָארְט אַוֶועק צוּ גֶעהְן. אוּנְד אִיזְט מִיט זֵיין גַאנְץ פָאלְק צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם: נָאךְ דִיזֶען הָאט תַּלְמִי גֶעזָאגְט צוּ זֵיינֶע שְׁוִויגֶער מוּטֶער, אִיךְ וֶועל אַן דִיר אֵיינֶע נְקָמָה טוּהֶען, וֵייל דִיא הָאסְט דוּרְךְ אוֹיס מִיךְ וָואלֶען אִיבֶּערְעֶנְפֶּערְן אִין דִיא הַאנְד פָאן מֵיין פֵיינְד. פְרִיעֶר וֶועל אִיךְ דֵיינֶע טָאכְטֶער עֶר-שְׁלַאגֶען פַאר דֵיינֶע אוֹיגֶען. דַאן וֶועל אִיךְ דִיךְ אַזוֹ עֶרְמָארְדֶען ווִיא אֵיינֶע בְּהֵמָה. אוּנְד וֶועל מַאכֶען נִידֶערְן דֵיין עֶלְטֶער אִין דִיא גְרִיעֶב פָאן קֶבֶר. דַאן הָאט עֶר בֵּיידֶע, דִיא מוּטֶער מִיט דִיא טָאכְטֶער, דָאס וַואר זֵיינֶע שְׁוִויגֶער מוּטֶער, אוּנְד זֵיין וֵוייבּ גֶעטֵייט: נָאךְ דֶעם אִיזְט דֶער תַּלְמִי פָאן שְׁטָאט גֶעגַאנְגֶען, אוּנְד אִיזְט עֶנְטְרִינֶען אִין דַאס לַאנְד (פְרִיאַלְפִיאָה) צוּ דֶעם מֶלֶךְ (לַכִּירִי). אוּנְד עֶר אִיזְט דָארְט פַארְבְּלִיבֶּען בִּיז זֵיין שְׁטַארְבֶּען.

פרק יד.

(א)

דֶער מֶלֶךְ אַנְטִיוֹכוּס פָאן מוּקְדוֹן, הָאט זֶעהְר גֶעהַאסְט דֶעם שִׁמְעוֹן, וֵוייל עֶר הָאט עֶרְשְׁלַאגֶען זֵיין גַאנְץ הֶעעֶר, אִין דִיא צֵייט וָואס יְהוֹנָתָן הָאט רֶעגִירְט.

הָאט דֶער מֶלֶךְ (אַנְטִיוֹכוּס) גֶעזָאגְט, אִיךְ מוּס מִיךְ רַאכְנֶען אַן זַיין זָאהְן (הוֹרְקָנוֹס). הָאט עֶר אֵיינְגֶעזַאמֶעלְט אַזוֹ פִיעֶל פָאלְק, וְויא דַאס זַאנְד אִין יַם. אוּנְד אִיזְט גֶעקָאמֶען אִין דַאס לַאנְד יְהוּדָה. דַאס וַואר דַאס עֶרְשְׁטֶע יַאהְר פָאן הוֹרְקָנוֹס). וְויא הוֹרְקָנוֹס הָאט גִיזֶעהְן דִיא גְרָאסֶע מַחֲנֶה פָאן אַנְטִיוֹכוּס, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען, דַאס עֶס אִיזְט גָאר קֵיין אוֹפֶן פַארְהַאנְדֶען, אַנְצוּפַאנְגֶען מִיט אִיהְם צוּ שְׁטְרֵייטֶען. אַזוֹ הָאט עֶר צוּרִיק גֶעצוֹיגֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, אוּנְד הָאט דִיא שְׁטָאט פַארְשְׁלָאסֶען פַאר דֶען פֵיינְד. אוּנְד אַנְטִיוֹכוּס הָאט בֶּעלַאגֶערְט דִיא שְׁטָאט, פִיעֶל טָאג. וְויא אַנְטִיוֹכוּס הָאט גִיזֶעהְן דַאס עֶס אִיזְט קֵיין מֶעגְלִיכְקֵייט דִיא שְׁטָאט צוּ קֶענֶען אֵיינְנֶעמֶען, דוּרְךְ דִיא גְרָאסֶע אוּנְד פֶעסְטֶע מוֹירֶען, וָואס וַוארֶען הֶערוּם אִין דִיא שְׁטָאט. הָאט עֶר גֶעלָאזְט אוֹיף בּוֹיעֶן אַן צָפוֹן זַייט פָאן שְׁטָאט, הוּנְדֶערְט אוּנְד צְוָואנְצִיג טָארֶעם. דִיא אַלְלֶע טָארֶעם וַוארֶען גִידֶעקְט מִיט דַאךְ. אוּנְד הָאט לַאסֶען אוֹיף דִיא דַאכֶען פָאן דִיא טָארֶעם הֶערוֹיף צִיהֶען הוּנְדֶערְט אוּנְד צְוַואנְצִיג אֵייזֶערְנֶע וִויעֶדֶער. דַאן הָאט עֶר אַנְגֶעפַאנְגֶען בִּישְׁטֶענְדִיג מִיט דִיא אַלְלֶע אֵייזֶערְנֶע וִויעֶדֶער צוּ שְׁלַאגֶען דִיא מוֹיעֶר, בִּיז דִיא מוֹיעֶר אִיזְט אֵיינְגֶעפַאלְלֶען: וְויא דִיא יוּדֶען הָאבֶּען גִיזֶעהְן דַאס דִיא אוֹיסְוֶוענְדִיגֶע מוֹיעֶר אִיזְט שָׁאהְן צֶערְשְׁלַאגֶען. זֶענֶען דִיא אַלְלֶע גִבּוֹרִים פָאן שְׁטָאט גֶעגַאנְגֶען, אוּנְד הָאבֶּען פָארְבְּטַבַּאר עֶרְשְׁלַאגֶען דַאס

פָאלְק פָאן אַנְטִיוֹכוּס, הָאבֶּען זַייא וֶועהְר פִיעל פָאן זַייא עֶרְשְׁלָאגֶען, בִּיז זַייא הָאבֶּען דַאס אִיבְּרִיגֶע פָאלְק פַארְטְרִיבֶּען פָאן דִיא שְׁטָאט אֵיינֶע שְׁטְרֶעקֶע פָאן פִינְפְצִיג (רוס). דַאן הָאבֶּען דִיא יוּדֶען אוּמְגִישְׁטַארְצְט דִיא אַלֶלֶע גֶעבֵּייְדֶען וָואס עֶס וַואר גֶעמַאכְט אוּיס-וֶוענְדִיג פָאן דִיא שְׁטָאט, אוּנְד הָאבֶּען דִיא אֵייזֶערְנֶע ווִיעדֶער, אוּנְד אוֹיךְ אַלְלֶעס שְׁטְרֵייט גִיוֶועהְר פָאן פֵיינְד, פַארְבְּרֶענְט אִין פֵייעֶר.

אִיזְט דַאמַאהְלְס אַנְגֶעקָאמֶען דֶער פֵייעֶרְטַאג פָאן סוּכּוֹת. הָאט הוֹרְקָנוֹס גֶעלָאזְט זַאגֶען צוּ דֶעם מֶלֶךְ אַנְטִיוֹכוּס, דַאס עֶר בִּיטֶעט אִיהְם, דַאס עֶר זָאל זַייא צוּרוּהֶע לַאסֶען פָאן שְׁטְרֵייטֶען, בִּיז נָאךְ דִיא פֵייעֶר-טֶאגֶע. כְּדֵי מִיר זָאלֶען קֶענֶען פֵייעֶרֶען צוּ אוּנְזֶער גָ' אוּנְגִישְׁטֶערְט. הָאט אַנְטִיוֹכוּס גֶעאַנְטְוָוארְט דִיא שְׁלוּחִים פָאן הוֹרְקָנוֹס, אִיךְ וֶועל עֶרְפִילְלֶען דֶעם וָואוּנְשׁ פָאן עֶנְקֶער קֶענִיג, וֶועגֶען דֶעם כָּבוֹד פָאן עֶנְקֶער גָ'. הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אֵיין בְּרִיף צוּ הוֹרְקָנוֹס, אַזוֹ וַואר דָארְט גֶעשְׁרִיבֶּען. טוּט אִיהְר יוּדֶען פֵייעֶרֶען עֶנְקֶרֶע פֵייעֶרְטֶאגֶע, אוּנְד טוּט אֵייךְ גוּט אוּנְטֶערְהַאלְטֶען. טוּט עֶהְרֶען עֶנְקֶער גָ'. נָאר דַאס אִיךְ זָאל אוֹיךְ עֶפֶּעס אֵיין טְהֵייל הָאבֶּען פָאן דִיא מִצְוָה. נָאךְ דֶעם הָאט אַנְטִיוֹכוּס גֶעשִׁיקְט אֵיינֶע פְּרָאזֶענְט פִיר גָ'-ס וֶועגֶען. אֵיין שְׁטִיעֶר וָואס דִיא הַארְנֶער וַוארֶען בִּידֶעקְט מִיט גָאלְד, אוּנְד אוֹיף דֶעם קָאפְּף פָאן שְׁטִיעֶר, וַואר אֵיינֶע גָאלְדִינֶע

קְרָאהְנֶע. אוּנְד אוֹיף דֶעם הַאלְז פָאן שְׁטִיעֶר, אֵיין הַאלְזְבַּאנְד גֶעפַאסְט מִיט טְהֵייעֶרֶע עֶדֶעל גֶעשְׁטֵיין, פָאן בְּרִילִיאַנְטֶען. אִינְד אוֹיךְ פִיעֶל כֵּלִים פָאן גָאלְד, וָואס וַוארֶען אַנְגֶעפִילְלְט מִיט דִיא פֵיינְסְטֶע בְּשָׂמִים. וִויא דִיא שְׁלוּחִים פָאן אַנְטִיוֹכוּס הָאבֶּען דָאס אַלְלֶעס גֶעבְּרַאכְט צוּ הוֹרְקְנוּס, הָאט עֶר דִיא שְׁלוּחִים מִיט דִיא פְּרָאזֶענְט אַהִין גֶעפִיהְרְט בִּיז דַאס הויז פָאן גָ׳, הָאבֶּען דִיא כֹּהֲנִים פָאן בֵּית הַמִקְדָשׁ דִיא גַאנְצֶע פְּרָאזֶענְט צוּ גֶענָאמֶען, אוּנְד הָאבֶּען עֶס אוֹיף גֶעהוֹיבֶּען אִין דִיא הֶעהֶע פִיר גָ׳-ס וֶועגֶען; וִויא דֶער מֶלֶךְ אַנְטִיוֹכוּס הָאט פָאן דִיזֶען עֶרְפַאהְרֶען, דַאס דִיא יוּדֶען הָאבֶּען זֵיין פְּרָאזֶענְט מִיט גְרָאס כָּבוֹד אַנְגֶענָאמֶען, הָאט עֶר זִיךְ דַארִיבֶּער זֶעהְר גֶעפְרֵייט: אוּנְד פָאן נוּן אַן, הָאט דֶער מֶלֶךְ אַנְטִיוֹכוּס גְרָאס כָּבוֹד צוּ גֶעטְהֵיילְט צוּ דֶעם גָ׳ פָאן דִיא יוּדֶען, אוּנְד הָאט אוֹיךְ גְרָאס גוּטְץ גֶעטוּהְעֶן צוּ דִיא יוּדֶען, אַזוֹ לַאנְג וִויא עֶר הָאט גִילֶעבְּט: וִויא הוֹרְקְנוּס הָאט גִיזֶעהֶן דַאס דָאס הַארְץ פָאן אַנְטִיוֹכוּס אִיזְט גוּט צוּ גָ׳, הָאט עֶר צוּ אִיהְם גֶעשִׁיקְט אֵיינִיגֶע מֶענְשֶׁן, דַאס עֶר וִויל מִיט אִיהְם פְרִיעְדֶען שְׁלִיסֶען. דַאס מִיר זָאלֶן פָאן נוּן אַן זֵיין אַזוֹ וִויא צְוֵייא בְּרוּדֶער. דַאס אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶן זָאל קֵיין שְׁלַאכְטֶעס טוּהֶען: וִויא דִיא שְׁלוּחִים פָאן הוֹרְקְנוּס זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקָאמֶען, הָאט עֶר זִיךְ דַארִיבֶּער זֶעהְר גֶעפְרֵייט. הָאט עֶר צוּרִיק גֶעשְׁרִיבֶּען אֵיין בְּרִיף צוּ הוֹרְקְנוּס, דַאס אִיךְ

טוהֶע אויף דיזֶען אֵיינְשְׁטִימֶען, מִיט דֶען גַאנְצֶען הַארְץ: נָאךְ דֶעם אִיזְט הוֹרְקָנוֹס פָאן שְׁטָאט גֶעגַאנְגֶען צוּ אַנְטִיוּכוּס, אוּנְד הָאט אִיהְם מִיט זִיךְ מִיט גֶעפִיהְרְט אִין דִיא שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם. הָאט עֶר לַאסֶען מַאכֶען אֵיינֶע גְרָאסֶע מַאהְלְצַייט פִיר דֶעם מֶלֶךְ אַנְטִיוּכוּס, מִיט אַלְלֶע זַיינֶע הֶערְרֶען. אוּנְד הָאט אוֹיךְ אִיהְם גִיגֶעבֶּען אֵיין פְּרָאזֶענְט פָאן דְרֵייא הוּנְדֶערְט צֶענְטְנֶער גָאלְד. הָאט אַנְטִיוּכוּס דָאס גַאנְצֶע גָאלְד צוּרִיק גִישֶׁענְקְט אִין דַאס בֵּית הַמִקְדָשׁ פִיר גָ׳-ם וֶועגֶען: נָאךְ דֶעם הָאט עֶר צוּרִיק גֶעצוֹיגֶען אִין זַיין לַאנְד:

אֵיינְמָאהְל הָאט דֶער מֶלֶךְ הוֹרְקָנוֹס גֶעלָאזְט עֶפְנֶען אֵיין אוֹצָר פָאן דִיא אוֹצְרוֹת פָאן דָוִד הַמֶלֶךְ ע"ה, וָואס הָאט וָואלְלֶען פָאן דָארְט הֶערוֹיעֶס נֶעמֶען גָאלְד, צוּ הָאבֶּען פִיר דִיא קְרִיעֶגְס קָאסְטֶען, הָאט עֶר פָאן דָארְט הֶערוֹיס גֶענָאמֶען דְרֵייא טוֹיזֶנְט צֶענְטֶער גָאלְד. אוּנְד עֶס אִיזְט נָאךְ פִיעֶל מֶעהְר גָאלְד אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּען.

נָאךְ דִיזֶען הָאט הוֹרְקָנוֹס אֵיינְגֶענָאמֶען פִיעֶל שְׁטֶעהְט פָאן דִיא פֶעלְקֶער וָואס וַוארֶען בֵּייא אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דִיא שְׁטָאט (מֵידְבָתָא), אוּנְד דִיא שְׁטָאט (שַׁמְגָר): נָאךְ דִיזֶען הָאט עֶר פַארְטִילְלִיגְט דִיא אַלְלֶע אֵיינ-וָואהְנֶער פָאן דֶען בַּארְג (גְרִיזִים). אוּנְד הָאט לַאסֶען פַארְוִויסְטֶען דַאס פַּאלַאסְט, וָואס (סַנְבַּלַט) הָאט לַאסֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן אוֹיף דֶעם בַּארְג (גְרִיזִים), וָואס זֵייא הָאבֶּען דַאס גֶעהַאלְטֶען פַאר אֵיין בֵּית הַמִקְדָשׁ. דֶער פַּאלַאסְט

איזט גֶעשְׁטַאנֶען גַאנְצֶע צְווייא הונְדֶערְט יָאהְר, בִּיז דִיא צייט פָאן הורְקָנוס וָואס הָאט דַאס הויזט פַאר־וְויסְט. פָאן דָארְט אִיזְט עֶר גֶעקָאמֶען אִין דַאס לַאנְד (אֶדוֹם), אונְד הָאט מִיט זֵייא גֶעשְׁטְרִיטֶען, בִּיז עֶר הָאט זֵייא אונְטֶערְטֶענִיג גֶעמַאכְט צו זִיךְ, וָואס הָאבֶּען מוּסֶען דִיא יוּדֶען שְׁטֵייעֶר צַאהְלֶען, אַזוֹ לַאנְג וָואס דִיא יוּדְן הָאבֶּען עֶקְסֶעסְטִירְט בֵּייא דֶעם (בַּיִת הַשֵּׁנִי): אונְד הָאט אוֹיךְ זֵייא גֶעצְווִינְגֶען אַנְצונֶעמֶען דִיא מִצְוָה פָאן מִילָה, וָואס אַלְלֶעס הָאבֶּען מוּסֶען זִיךְ מַלָה זֵיין. נָאךְ דֶעם הָאט הורְקָנוס גֶעשִׁיקְט שְׁלוּחִים קֵיין רָאם, צו בֶּי־פֶעסְטִיגֶען דֶעם בּוּנְד וָואס זֵייא הָאבֶּען גֶעשְׁלָאסֶען מִיט זֵיין פַאטֶער שִׁמְעוֹן: אִין דִיא אַלְלֶע צייטֶען וָואס הורְקָנוס הָאט רֶעגִירְט, זֶענֶען דִיא יִשְׂרָאֵל גִיזֶעסֶען (בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה), אונְד זֵייא הָאבֶּען זִיךְ זֶעהְר פִיעֶל גִימֶעהְרְט.

(ב)

אִין דִיא צייט וָואס הורְקָנוס אִיזְט גִיזֶעסֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם גַאנְץ בֶּערוּהִיגְט וּבִמְנוּחָה, הָאט עֶר לַאסֶען מַאכֶען אֵיינֶע גְרָאסֶע מַאהְלְצֵייט פִיר דִיא אַלְלֶע הֶערְרֶען פָאן יְהוּדָה אונְד בִּנְיָמִין. אִיזְט דֶער מֶלֶךְ הורְקָנוס גִיזֶעסֶען בֵּיים טִישׁ מִיט אַלְלֶע חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל, דִיא (פְּרוּשִׁים). דֶען הורְקָנוס וַואר אֵיינֶער פָאן זֵיירֶע תַּלְמִידִים, וָואס הָאט פָאן זֵייא עֶרְלֶערְנְט דִיא גִיזֶעטְצֶע פָאן ג׳: וְויא דֶער מֶלֶךְ וַואר זֶעהְר פְרֵיילִיךְ פָאן וויין טְרִינְקֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, צו דִיא חֲכָמִים, אִיהְר ווִיסְט וָואהְל

דַאס אִיךְ בִּין אֵיינֶער פָאן עֶנְקְרֶע תַּלְמִידִים. אַזוֹ אִיזְט מֵיין בִּיגֶעהְר פָאן אֵייךְ, דַאס יֶעדֶעס מָאהְל וָואס אִיהְר וֶוערְד עֶפֶּעס זֶעהְן פָאן מִיר טוּהֶען אַזוֹ זַאךְ, וָואס נִישְׁט רַאכְט פַארְטִיג אִיזְט, זָאלְט אִיהְר מִיר זָאגֶען, כְּדֵי אָבּ צוּגֶעהְרֶען פָאן שְׁלַאכְטֶען וֶועג. הָאבֶּען זֵייא אִיהְם גֶעאַנְטְוָוארְט, מִיר אַלְלֶע טוּהֶען הַיינְט אוֹיף דִיר בֶּעצֵייגֶען, דַאס דִיא אֵיין (צַדִיק תָּמִים) בִּיזְט. אוּנְד דֶער בֶּעלִיבְּטֶער מֶלֶךְ, אוּנְד אוֹיךְ דֶער כֹּהֵן גָדוֹל בִּיזְט. דֶען דִיא בִּיזְט וֶועהְרְט צוּ דֶען אַלְלֶען כָּבוֹד. הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ הוֹרְקְנוּס זֶעהְר גֶעפְרֵייט אִיבֶּער זֵייעֶר אַנְטְוָוארְט: דָארְט בֵּייא דֶעם פַארְזַאמְלוּנְג, וַואר אֵיין מַאן פָאן דִיא פְּרוּשִׁים, וָואס זֵיין נַאמֶען וַואר אֶלְעָזָר, זֵיין נַאטוּהְר וַואר אוֹיף צוּ רֵייצֶען קְרִיגֶע. הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם מֶלֶךְ, לַאס דֶער מֶלֶךְ הוֹרְקְנוּס לֶעהְבֶּען בִּיז אִין דִיא עֶווִיגְקֵייט. נָאר וֶוען דֵיין וָואנְשׁ אִיזְט צוּ זֵיין אֵיין צַדִיק, אַזוֹ וִויא דִיא הָאסְט גֶעזָאגְט, אַזוֹ זָאלְסְט דִיא דַאנְקֶען פָאן צוּ זֵיין אֵיין כֹּהֵן גָדוֹל, אוּנְד זָאלְסְט דִיךְ בֶּעגְנִיגֶען לַאסֶען מִיט דִיא מְלוּכָה אַלֵיין. הָאט דֶער מֶלֶךְ צוּ אִיהְם גֶעזַאגְט, וָוארוּם זָאגְסְט דִיא מִיר נִישְׁט דִיא אוּרְזַאךְ דַאפָאן ?. הָאט עֶר צוּ אִיהְם גֶעזַאגְט, וֵוייל דֵיינֶע מוּטֶער אִיזְט אֵיינְמָאהְל גֶעפַאנְגֶען וָוארְדֶען פָאן פֵיינְד, אִין דִיא צֵייטֶען פָאן אַנְטִיוֹכוּס (מֶלֶךְ מוּקְדוֹן), אַזוֹ וַואר זִיא דַאדוּרְךְ אָסוּר צוּ אִיהְר מַאן דֵיין פַאטֶער. דַארִיבֶּער אִיזְט עֶס דִיר פַארְבָּאטֶען אַרֵיין צוּ קָאמֶען אִין דַאס

(קָדְשֵׁי הַקָּדָשִׁים) אַם יוֹם כִּפּוּר. אִיזְט דִיא פְרֵיידֶע פָּאן מֶלֶךְ פַּארְקֶעהְרְט וָוארְדֶען צוּ טְרוֹיעריגְקֵייט, אוּנְד זֵיין פְרֵיינְדְשַׁאפְט צוּ דִיא פְּרוּשִׁים אִיזְט פַּארְקֶעהְרְט וָוארְדֶען צוּ גְרָאס פֵיינְדְשַׁאפְט. אִיזְט דָארְט גִיזֶעסֶען אֵיינֶער פָּאן דִיא (צְדִיקִין) *) וָואס זֵיין נַאמֶען וַואר יְהוֹנָתָן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם מֶלֶךְ, אִיךְ הָאבּ דִיר שָׁאהְן פָּאן לַאנְג גֶעזָאגְט, דַאס זָאלְסְט נִישְׁט הָאבֶּן דַאס צוּטְרוֹיעֶן אַן דִיא פְּרוּשִׁים, דֶען זֵייא מֵיינֶען עֶס נִישְׁט עֶרְנְסְט, אַזוֹ וִויא זֵייא זַאגֶען. דֶען אַצִינְד הָאסְט דִיא דֶעם בֶּעסְטֶען בֶּעוֵויז, דַאס נָאר זֵייא, הָאבֶּען דֶעם אֶלְעָזָר דַאס דָאזִיגֶע גֶעבָּאטֶען דִיר צוּ זַאגֶען. דִיךְ אַזוֹ שְׁטַארְק צוּ פַּארְשֶׁעמֶען פַאר דַאס גַאנְצֶע פָּאלְק: אוּנְד פָּאן נוּן אַן, הָאט דֶער מֶלֶךְ הוֹרְקְנוֹס אוֹיסְגִיטְרֶעטֶען פָּאן דִיא (כַּת שֶׁל פְּרוּשִׁים), אוּנְד הָאט אַנְגֶענָאמֶען דַאס גִיזֶעטְץ פָּאן דִיא צְדִיקִין. אוּנְד עֶר אִיזְט גֶעבְּלִיבֶּען אֵיין צְדִיקִי בִּיז זֵיין שְׁטַארְבֶּען: נָאךְ דִיזֶען הָאט הוֹרְקְנוֹס גֶעלָאזְט אוֹיסְרוּפֶען אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דַאס דֶער מַאן וָואס וֶועט לַאסֶען לֶערְנֶען זֵיין קִינְד, תּוֹרָה פָּאן דִיא פְּרוּשִׁים, וֶועט גֶעטֵייט וֶוערְדֶען: אוּנְד דֶעם אֶלְעָזָר, הָאט עֶר לַאסֶען פַּארְבְּרֶענֶען אִין פֵייעֶר,

*) דיא כת וואס מען האט גערופען מיט דען נאמען „צדיקין" ווארען דיא לייט וואס האבען נישט געגלויבט אן דיא הייליגע גמרא, נאר בלויס אן הורת משה אליין. אונד דיא פו ושים ווארען דיא גאנץ פראמע לייט, וואס האבען אויך געגלויבט אן דיא תורה (שבעל פה).

אונד האט אויך לאסען פיעל פאן דיא פרושים טייטען. דאדורך איזט ענטשטאנען גראס צאנקעריי, אונד אויך איין גראסער האס, צווישען דיא פרושים, אונד צדיקין, אונד זייא האבען שטארק געהאסט דעם מלך הורקנוס, מיט זיינע קינדער. עס איזט אויך דאדורך פיעל בלוט פארגאסען ווארען פאן דאס פאלק, וייל דאס געמיינע פאלק האבען געהאלטען ביי דיא פרושים, אונד דיא עשירים, אונד אויך דיא (כתים) האבען געהאלטען ביי דיא צדיקין:

(ג)

צו דעם מלך הורקנוס ואר דרייא זאהנע, (אריסתובלוס), (אנטיגנוס), אונד (אלכסנדר), צווייא פאן זייא, (אריסתובלוס, אונד אנטיגנוס), וארען זעהר בעליעבט ביי זייער פאטר דער מלך, אונד אלכסנדר האט ער פיינט געהאבט. וואס ער האט איהם פאן זיך פארטריבען קיין (גליל), אונד האט קיין מאהל גיזעהן זיין פאטער דער מלך: איינמאהל האט דער מלך הורקנוס געלאזט אנפראגען אן ג' ב"ה, איהם צו מאכען וויסען, וועלכער פאן זיינע זאהנע וועט נאך איהם קיניגען. האט ג' צו איהם געזאגט אין חלום, עפען דיינע אויגען, ווערסט דא זעהן דעם מאן, וואס וועט נאך דיר קיניגען. האט ער גיזעהן ביי זיך שטעהן, זיין זאהן אלכסנדר. וויא ער האט דערוואכט פאן שלאף, האט ער דאריבער זעהר געוויינט. האט

ער נָאךְ אֵיין מָאהְל אַנְגֶעפְּרַאגְט אַן ג' וֶועגֶען דִיזֶען, הָאט מֶען אִיהְם נִישְׁט מֶעהְר גֶעאַנְטְוָוארְט: דֶער מֶלֶךְ הוֹרְקְנוֹס הָאט גֶעקִינִיגְט אִיבֶּער דִיא יוּדֶן אֵיין אוּנְד דְרֵייסִיג יַאהְר. אוּנְד וִויא עֶס אִיזְט גֶעקָאמֶען דִיא צֵייט וָואס הָאט זָאלֶען שְׁטַארְבֶּען, הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעפָּאהְרֶען אוֹיף דִיא גֶעבָּאט פָּאן ג', וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט קִינִיגֶען זַיין עֶלְטֶעסְטֶען זָאהְן (אַרִיסְתּוּבְּלוּס).

ענדע דען פינפטען טהייל.

אין דען זעכסטען טהייל וואס נאך קאמט, ווערד פאר-קאמען, פאן דיא גראסע מלחמות ואס האט זיך אנגע-פאנגען צווישען דיא יודען מיט דיא ראֶמער, ביז לאחר החורבן (בית השני) יע"א: